STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01833

TSVEY SHVESTER

Romain Rolland

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ראָמען ראָלאַן

צווי שוועסטער

(אַנעט און סילוויע)

ראָמאַן

איבערזעצט פון

י. בערגמאַן

פארלאג
מאקס יאנקאָוויץ

ניו־יאָרק
וואַרשאַו

צום לעזער.

אויף דעם שוועל פון דער נייער רייזע, וואס כאטש עס וועט ניט זיין אזא לאנגע ווי די פון „זשאן קריסטאף“, אבער וואס וועט פארט האבען ניט איין עטאפ, וויל איך דערמאנען די לעזער וועגען איין פריינד־ליכע בקשה, מיט וועלכער איך האב זיך געווענדעט צו זיי אויף איינעם פון די ווענדונגען אין דער געשיכטע פון מיין מוזיקאנט. אין אנהויב פון „אויפשטאנד“ (באנד פיער פון דער אידישער אויסגאבע) האב איך זיי מתריא געווען, אז יעדען באנד דארף מען באטראכטען ווי א קאפיטעל פון א ווערק, וואס האלט זיך נאך אין באוועגען און וועמעס גאנג עס ענטוויקעלט זיך אין משך פון דעם באשריבענעם לעבען. ברייג־גענדיג אן אלט שפריכווארט: „דער סוף קרוינט די זאך און דער אבענד קרוינט דעם טאג“, האב איך דארט געשריבען: „ווען מיר וועלען דער־גהען צום ענד וועט איהר קאנען אורטיילען וואס אונזער טרחה איז ווערט געווען“.

איך שטים, זעלבסטפארשטענדליך, איין, אז יעדער באנד האט זיין אייגענעם כאראקטער, אז מען קאן איהם אורטיילען אלס א זעלבסט־שטענדיג ווערק. אבער עס וואלט געווען פריהצייטיג צו אורטיילען פון איהם וועגען דער אלגעמיינער אידעע. ווען איך שרייב א ראמאן, קלויב איך אויס א פערזאן מיט וועלכער איך פיהל זיך פארוואנדעט (אדער גיכער געזאגט, די פערזאן קלויבט מיך אויס). אבער איין מאל האב איך די באטרעפענדע פערזאן אויסגעקליבען, לאז איך איהר אי־בער די פולע פרייהייט און היט זיך אויס ארייננצומישען מיין פער־זענליכקייט. א פערזענליכקייט, וואס דו טראגסט אין זיך מעהר ווי א האלבען יאהרהונדערט — איז א שווערע משא. די געטליכע ברכה פון קונסט באשטעהט אין דעם, וואס זי באפרייט אונז פון אונזער אייגענער פערזענליכקייט, געבענדיג אונז א מעגליכקייט צו טרינקען פון דעם קוואל פון אנדערע נשמות און זיך צו פארוואנדלען אין אנ־דערע עקזיסטענצען (אונזערע פריינד, די הינדוסען, וואלטען געזאגט

„איז אנדערע פון אונזערע עקזיסטענצען" — וואָרום אַלע איז ענטהאַלטען אין יעדען איינעם).

אַלזאָ, מאַכענדיג פאַר מיין אויסדערוועהלטען זשאַן קריסטאָף'ן, אָדער קאָלאַ, אָדער אַנעט ריוויער (די הויפּט העלדין פון דעם ראָמאַן), ווער איך נאָר זייער סעקרעטאַר. איך פאָלג זיי, איך באַטראַכט זייערע האַנדלונגען, איך קוק מיט זייערע אויגען. אויף ווי וויים זיי הויבען אָן צו פאַרשטעהן קלאָרער זייערע אייגענע הערצער און די מענשען אַרום, אויף אַזוי ווייט פאַרשטעה איך עם מיט זיי; ווען זיי מאַכען אַ טעות, גליטש איך זיך אויס; ווען זיי פאַריכטען זייערע פעהלערען הייב איך זיך אויף און מיר לאָזען זיך ווייטער אַוועק אין וועג... איך זאָג ניט, אַז דער וועג איז דער בעסט־מעגליכער. אָבער דאָס איז אונזער וועג. צו קריסטאָף, קאָלאַ און אַנעט זיינען גערעכט אָדער ניט — אָבער קריסטאָף, קאָלאַ און אַנעט עקזיסטירען; דאָס לעבען איז ניט קיין קליינע באַרעכטיגונג.

זוכט דאָ ניט קיין אידעען און קיין טעאָריעס און קוקט אויף דעם נאָר ווי אויף די אינעווייניגסטע געשיכטע פון אַ לעבען, אַן אויפריכ־טיגען, אַ לאַנגען, פרוכטבאַרען, פול מיט פריידען און מיט ליידען, אין וועלכען עס פעהלען ניט זאָגאָר קיין ווידערשפּרוכען און וואָס איז רייך מיט טעות'ן, אָבער וואָס שטרעבט שטענדיג צו דערגרייכען, אויב ניט דעם אומדערגרייכבאַרען אמת, איז ווענינסטענס די האַרמאָניע פון גייסט, וואָס דאָס איז אונזער העכסטער אמת.

ר. ר.

אויגוסט, 1922.

ערשטער טייל.

זי איז געזעסען ביים פענסטער, זיך אומקערענדיג מיט'ן רוקען צום ליכט, אונטערשטעלענדיג איהר האלז און דעם קרעפטיגען קארק אונטער די שטראלען פון דער פארגעהענדער זון. זי איז אקארשט אהיים געקומען. צום ערשטען מאל נאך עטליכע חדשים האט אנעט פארבראכט א טאג אויסער'ן הויז, צווישען דער נאטור, שפאצירענדיג און זיך מחיה זייענדיג מיט דער פריהלינג־זון — מיט דער זון, וואס פאר'שיכור'ט ווי א טייערער וויין, וואס ווערט ניט אפגעשוואכט אפילו ניט דורך דעם קלענסטען שאטען פון די בוימער אהן בלעטער און וואס ווערט באלעבט פון דער פרישער לופט פון דעם אוועקגע־הענדען ווינטער. אין קאפ ביי איהר האט גערוישט, אין די אדערען האט געקלאפט און די אויגען זיינען געווען פול מיט שטראמען פון ליכט. פורפור און גאלד אונטער די ארונטערגעלאזענע ברעמען; גאלד און פורפור אין קערפער. זיך ניט ריהרענדיג, פארגליווערט און שטיל, האט זי אויף א מאמענט פארלוירען דאס באוואוסטזיין.

דער טייכעל אין מיטען וועלדעל, וואוהין די זון האט אריינגע־קוקט ווי דורך אן אויג; ארום — א רינג פון בוימער, וועמעס שטאמען זיינען געווען ארומגעוואקסען פון מאך. ווי שטארק עס ווילט זיך אויס־באדען. אט איז זי שוין אין אויסגעטאענע... די אייז־קאלטע האנט פון וואסער באריהרט איהרע פיס און קני... די פארגליווערונג פון גענוס. א נאקעטע קוקט זי זיך אליין ארום אין דעם גאלד־רויטען טייכעל... דאס געפיהל פון שעמעדיגקייט, א טונקעל, אומערקלערליך געפיהל: ווי עפעס פון א באהעלטעניש וואלטען פרעמדע אויגען קוקען אויף איהר. כדי זיך צו באהאלטען פון זיי, געהט זי אריין טיפער אין וואסער, וואס דערגרייכט איצט ביז דער מארדע. דאס שטראמענדע וואסער ווערט א לעבעדיגע אומארמונג, און די פעטע וואסער־געוויק־סען דרעהען זיך ארום איהרע פיס. זי וויל זיך באפרייען פון זיי און טונקט זיך ארונטער אין שלאם. אויבען, איבער דעם טייך, דרעמעלט

דער בליק פון די זון. מיט כעס טוט זי זיך אַ קלאַפּ אַן דעם דעק און הייבט זיך ווידער אַרויף אויף דער אויבערפלעך. איצט איז דאָס וואַסער גרוי, מוטנע, בלאַטיג. אָבער איבער איהרע גלאַטע שופּען וואַרפט אַלץ דער בליק פון דער זון... כדי זיך צו באַפרייען פון די נאַסע בלאַטע, כאַפּט זיך אַנעט פאַר דעם צווייג פון דעם ווערבע־בוים, וואָס איז אַרי־בערגעהאַנגען איבער דעם טייכעל: דער געדיכטער צווייג באַדעקט איהרע נאַקעטע פּלייצעס און לייב ווי מיט פליגלען. עס לאָזט זיך אַראָפּ דער נאַכטיגער שאָטען און אויפ'ן קאַרק — די קעלט פון דער נאַכט.

זי באַפרייט זיך פון דער פאַרגליווערונג. פון דעם אויגענבליק, וואָס זי איז אין טייכעל אַריין, זיינען אַוועק אין גאַנצען איינינגע אוי־גענבליקען. די זון האָט אָבער אונטערדעסען זיך באַהאַלטען הינטער די בערגלאַך פון סען־קלו. די אַבענד־קיהלקייט איז אַריינגעטראָטען.

אַן אויסגעטשוכטעטע הייבט אַנעט זיך אויף מיט אַ קליינעם ציי־טערען און בייז אַרונטערלאָזענדיג די ברעמען אַלס פּראָטעסט און פאַר־דרוס געגען איהר אייגענע שוואַכקייט, וואָס זי האָט זיך ערלויבט, זעצט זי זיך אַוועק טיף אין צימער ביים פייער. דער ליבליכער פייער פון די ברענענדיגע האָלץ, וועמעס אויפגאַבע עס איז גיכער — פרעה־ליכער צו מאַכען פאַר די אויגען און אַנצוהאַלטען געזעלשאַפט, איידער אַנצוּוואַרימען. ווארום פון גאַרטען טראָגט זיך אַריין דורך דעם אָפע־נעם פענסטער, צוזאַמען מיט דעם נאַסען אָטעם פון דעם פריהען פריה־לינג, אויך די מעלאַדישע פּלוידעריי פון די צוריקגעקומענע פייגלאַך, וואָס גרייטען זיך צום שלאָף. אַנעט פאַנטאַזירט... אָבער איהרע אוי־גען זיינען אָפען. זי שטעהט ווידער פעסט אויף די פיס אין איהר געוועהנליכער וועלטאַלע. זי איז ביי זיך אין דער היים. זי איז אַנעט ריוויער. און, זיך צובייגענדיג צום פייער, וואָס באַלייכט מיט אַ רויטען פלאַם איהר יונג געזיכט און אָפּשטופּענדיג מיט דער פוס איהר שוואַרצע קאַץ, וואָס שטעלט אויס דעם בליק אַנטקעגען די גאָל־דענע פונקען, זוכט זי ווידער אויפצוּוואַוועקען איהר אויף אַ מינוט פאַרגעסענעם טרוימער; זי רופט ווידער אַרויס די געשטאַלט פון דער פאַרלאָרענער פּערזאָן, וואָס הייבט אָן זיך אַרויסצוגליטשען פון איהר האַרצען. מיט גרויס קומער אויפ'ן שטערן, אין די פאַלדען פון די

ליפּען דער פרישער סלאַד פון דעם לײדען, װאָס איז שױן פאַרבײ — און מיט ברעמען נאָך אַביסעל פאַרשװאָלען פון די ניטלאַנגאַניגע טרער־רען, אָבער אַ געזונטע, אַ פרישע און אַרומגעװאַשענע מיט דעם לעבענס־זאַפט, װי די באַנײטע נאַטור, קוקט אַט די יונגע מײדעל אױס — ניט אַזאַ שעהנהײט, אָבער אַ גוט געבױטע, מיט געדיכטע קאַשטאַנענע האָר און מיט אַ לײכטע אָפּגעברענטע האַלז, מיט פולע באַקען און אױסגע־שטעלטע אױגען — װאָס זוכט אײנצװאָװיקלען איהר בליק און די קײ־לעבדיגע פלײצעס מיט אַ זיך פאַרנאַנדערשיטענדען צודעק פון מעלאַנ־כאָליע — מעהר װי אַ יונגע אַלמנה, פון װעלכער עס גליטשט זיך אַרױס דער פאַרשװאַונדענער שאָטען.

אַנעט איז אין אמת'ן געװען אַן אַלמנה בײ זיך אין האַרצען, נאָר דער, װעמעס שאָטען איהרע פינגער האָבען געװאָלט אײנהאַלטען, איז געװען איהר פאָטער.

פון דער צײט װאָס זי האָט איהם פאַרלאָרען זײנען שױן אַװעק זעקס חדשים. צו ענד פון הערבסט איז ראַול ריװיער נאָך ניט קײן אַלטער מאַן (ער איז נאָך ניט אַלט געװען קײן פופציג יאָהר) אַװעק אין קבר נאָך צװײ טעג פון אַ שאַרפער קראַנקהײט: ניט קוקענדיג אױף דעם, װאָס אין פאַרלױף פון פיעל יאָהרען האָט זיך זײן געזונט, מיט װעלכען ער האָט מיסברױכט, געצװאונגען איהם זיך אָפּצוהיטען, האָט ער ניט ערװאַרט, אַז אַזױ גיך זאָל דער פאָרהאַנג אַרונטערפאַלען. אַ פעהיגער אַרכיטעקטאָר, אַ געװעזענער פענסיאָנער פון װילאַ ראָמען אַ שעהנער מאַנסבילד, פון נאַטור באַשאָנקען מיט אַ לעבעדיגען גײסט און אַ שעהנעם געשמאַק צום לעבען, מיט כבוד אַנגענומען אין די סאַלאָנען, געשטיצט פון דער אָפיציעלער װעלט, האָט ער אַ גאַנצען לעבען געקאָנט אַנזאַמלען באַשטעלונגען, כבוד און ערפאָלג בײ פרױען, ניט װײזענדיג אַז ער זוכט עס. אַ כאַראַקטעריסטישע פאַריזער פיגור, װאָס איז געװאָרען פּאָפּולער אַ דאַנק די פיעל פאָטאָגראַפיעס, צײכ־נונגען אין די זשורנאַלען און קאַריקאַטורען, מיט אַן אױסגעשטאַרצטען שטערן, ברײטער בײ די שלײפען, מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, װי בײ אַן אָקס, װאָס שטעכט זיך, מיט אױסגעשטאַרצטע אױגען־עפּעל, מיט אַ דרײסטען בליק, מיט בלאָנדע, געדיכטע צוגעשאָרען אין דער הױך האָר, מיט אַ שפּאַנישען בערדעל אונטער דעם שמײכלענדיגען, גע־

שמאָקען מויל — אַ פּנים פון שכל, פיינקייט, עלעגאַנץ און אומ־פאַרשעמטקייט. אין „גאַנץ פּאַריז" פון קונסט און פאַרגניגען האָט יעדער איינער איהם געקאַנט און אין דערזעלבער צייט — קיינער ניט. אַ מענש מיט אַ דאָפּעלטען כאַראַקטער, וואָס האָט געקאַנט אויפ'ן בעסטען אופן זיך צופּאַסען צו דער געזעלשאַפט אום זי צו עקספּלואַטירען, נאָר וואָס האָט אויך געקאַנט שאַפען אַן אייגענעם לעבען. אַ מענש פון שטאַרקע ליידענשאַפטען און איינגעגעסענע לאַסטערן, וועלכער פּלעגט, זיך אַפּגעבענדיג צו זיינע לאַסטערן, זיך אויסהיטען אַרויסצואַווייזען עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל אַפּשרעקען זיינע קונדען, וואָס האָט געהאַט זיין „אייגענעם מוזיי", נאָר וואָס האָט איהם געעפענט נאָר פאַר ווייניגע פאַרטרויטע — וואָס האָט גע־שפּיגען אויף דעם געשמאַק פון דער געזעלשאַפט און אויף איהר מאָראַל און דורך זיין אויסערליכען לעבען און אַפּיציעלע טעטיגקייט זיך צוגעפּאַסט צו זיי. קיינער האָט איהם ניט געקענט, ניט די פריינד און ניט די שונאים . . . שונאים? ער האָט אָבער קיין שונאים ניט געהאַט. דאָס העכסטע זיינען עס געווען יענע קאָנקורענטען, וועלכע ער האָט געמאַכט חרטה האָבען פאַר וואָס זיי האָבען זיך געשטעלט איהם אַנטקעגען אינ'ם וועג; נאָר זיי האָבען פאַר דעם ניט געטראָגען קיין כעס אויף איהם. אַפּשטופּענדיג זיי, פּלעגט ער נאָכהער אַזוי קונציג זיי קאָנען צולאַשטשענען, אַז זיי פּלעגען זיין געצוואונגען צו שמייכלען און זיך ענטשולדיגען, ווי געוויסע שעמעדיגע מענשען, ווען מען טרעט זיי אָפּ אַ פוס. אַ שטאַרקער און אַ כיטרער, האָט ער באַוויזען צו פאַרבלייבען אין גוטע באַציהונגען מיט די קאָנקורענטען, וועמען ער האָט אַרויסגעשטופּט און אויך מיט די פאַרלאָזענע קרבנות פון זיינע זיגען.

אין זיין פאַמיליען־לעבען איז ער געווען אַ ביסעל ווייניגער גליקליך.

זיין ווייב האָט געהאַט דעם שלעכטען געשמאַק צו ליידען פון זיין אומטרייקייט. כאָטש אין דעם משך פון 25 יאָהר פון זייער פאַמיליען־לעבען האָט זי געהאַט גענוג צייט, לויט זיין מיינונג, זיך צו־צוגעוואוינען דערצו, דאָך האָט זי קיינמאָל ניט געקאָנט זיך באַרו־היגען וועגען דעם. זייענדיג אַליין שטרענג־עהרליך, מיט קאַלטע מאַ־

נירען, גלייך ווי איהר קאלטע שעהנקייט פון א ליאנערקע, מיט שטאר־קע נאר באשרענקטע געפיהלען, האט זי בשום אופן ניט געקאנט זיין די, וואס זאל איהם איינהאלטען; און נאך ווייניגער האט זי פאר־מאגט דעם נוצליכען טאלאנט פון זיך פארשטעלען, אזוי ווי זי וואלט גארניט וויסען פון דאס, וואס זי האט סאי ווי סאי ניט געקאנט שטערען. א צו שטאלצע אום זיך צו באקלאגען, האט זי פון דעסט־וועגען ניט געקאנט זיך צווינגען צו באהאלטען פון איהם, אז זי ווייסט אלץ און אז זי ליידעט דערפון. אזוי ווי ער איז געווען זעהר עמפפינדליך (ווייניגסטענס האט ער געמיינט אזוי), פלעגט ער אויס־מיידען צו טראכטען וועגען דעם.

אבער ער האט געהאט א באהאלטענעם כעס אויף איהר, פאר־וואס זי קאן ניט בעסער פארמאסקירען איהר עגאאיזם. פיעל יאהרען האבען זיי געלעבט כמעט אינגאנצען אפגעטיילט איינער פון אנ־דערען, נאר דורך א שווייגענדען אפמאך האבען זיי עס באהאלטען פון די אויגען פון דער וועלט; און אפילו זייער טאכטער אנעט האט קיינמאל זיך ניט אפגעגעבען קיין חשבון וועגען דער אמת'ער לאגע. זי האט ניט געפרובירט אריינדרינגען אין דער אומאייניגקייט פון איהרע עלטערן: דאס וואלט איהר געווען אומאנגענעהם. די יוגענד האט גענוג אייגענע זארגען. דעסטא ערגער איז פאר די איבעריגע וועלט! . . .

דער גרעסטער קונץ פון ראאול ריוויער איז געווען דאס, וואס ער האט די טאכטער אבגעבערגעצויגען אויף זיין זייט. זעלבסטפאר־שטענדליך, אז ער האט קיין זאך ניט געטאן פאר דעם; אין דעם האט זיך אויסגעדריקט דער טריאומף פון זיין קונסט. קיין איין איינ־ציגער פארוואורף, קיין איינציגע אנצוהערעניש אויף דאס אומרעכט פון פרוי ריוויער. ער איז געווען א ריטער. ער האט איבערגעלאזען פאר די טאכטער אליין צו ענטדעקען די מוטערס אומריכטיגע האנד־לונג. און די טאכטער האט ניט פארפעהלט די ענטדעקונג צו מאכען. ווארום אויך זי, ווי אלע, האבען זיך געפונען אונטער דעם פאטערס צויבער. און ווי אזוי זאל מען ניט באשולדיגען יענע, וואס זייענדיג זיין ווייב, איז זי געווען אזוי אומגעשיקט צו פארדארבען זיין גליק! אין אט דעם אומגלייכען קאמף איז די ארימע פרוי ריוויער שוין

פון פאַראויס געווען באַזיגט. זי האָט איהר נידערלאַגע פאַרענדיגט דורך דעם, וואָס זי איז די ערשטע געשטאָרבען. ראַאול איז געבליבען אַליין דער בעל־הבית איבער דעם שלאַכטפעלד, דער בעל־הבית איבער זיין טאָכטער. אין פאַרלויף פון די לעצטע פינף יאָהר האָט אַנעט געלעבט אין אַן אַטמאָספערע פון איהר באַצויבערנדען פאָטער, וועלכער האָט זי צולאָזען געמאַכט אַז, וועגען קיין זאַך ניט טראַכטענדיג, האָט ער פאַרספּענט אויף איהר זיין נאַטירליכען גוט־באַקאַנטען צויבער. ער איז שוין דערפאַר אַליין געווען מעהר פרייגיביג מיט איהר, ווייל ער האָט אַנגעהויבען צו געפינען פאַר זיין צויבער ווייניגער אַנווענדונג אויסער'ן הויז; ווארום אין די לעצטע צוויי יאָהר האָבען די אַנפאַלען פון דער קראַנקהייט, וואָס האָט איהם סוף כל סוף אין קבר געבראַכט, איהם אַלץ אָפטער און אָפטער צוגעשמידט צום הויז.

אַט אַזוי האָט קיין זאַך ניט געשטערט יענע הייסע נאָהענטקייט, וואָס האָט צוזאַמענגעבונדען דעם פאָטער און די טאָכטער און וואָס האָט פול געמאַכט דאָס נאָך ניט ערוואַכטע האַרץ פון אַנעט. זי איז אַלט געווען דריי און צוואַנציג — אויפ'ן פיער און צוואַנציגסטען יאָהר; אָבער איהר האַרץ האָט אויסגעוויזען צו זיין יונגער פון איהר עלטער — עס האָט זיך ניט געאיילט; עס קאָן זיין, אַז ווי אַלץ, פאַר וועמען עס שטעהט פאַר אַ לאַנגע צוקונפט, און אויך דערפאַר, וואָס זי האָט אין זיך געפיהלט דעם פולם פון אַ טיפען לעבען, האָט זי געגעבען איהר האַרץ אַ מעגליכקייט אַנצוקלייבען אַ סך לעבען זיך ניט איילענדיג עס אויסצוברייננגען.

אַנעט איז געווען עהנליך צו דערזעלבער צייט אויף ביידע עלטערן: אויפ'ן פאָטער — מיט איהרע געזיכטצוגען און מיט איהר באַצויבערנדען שמייכעל, וואָס האָט ביי איהם פאַרשפּראָכען מעהר ווי ער האָט געקאָנט געבען און ביי איהר — פיעל מעהר ווי זי האָט געוואָלט. און אויף דער מוטער איז זי געווען עהנליך מיט דער שיינבאַרער רוהיגקייט, מיט צוגעמאָסטענע מאַנירען און שטרענגער מאָראַל, כאָטש מיט זעהר אַ פרייען פאַרשטאַנד. דאָפּעלט רייצענד איז זי געווען מיט דעם צויבער פון איינעם און מיט דער איינגעהאַלטענקייט פון דער צווייטער. עס איז אוממעגליך געווען צו טרעפען וועלכער פון די צוויי טעמפּעראַמענטען האָט געהאַט די אויבערהאַנט אין איהר.

איהר אייגענע נאטור איז געווען נאך אומבאקאנט פאר אנדערע, ווי פאר איהר אליין. קיינער האט ניט פארדעכטיגט וואס עס געהט פאר אין איהר באהאלטענער וועלט, ווי זי וואלט געווען די האלב־שלאפענדע חיה אין גן־עדן . . . זי האט אליין נאך ניט געוואוסט, וועלכע פארלאנגען עס זיינען באהאלטען אין איהר. קיין זאך האט זיי נאך ניט אויפגעוועקט, ווארום קיין זאך האט זיי ניט באזיגט. עס האט אויסגעוויזען, אז זי דארף נאר אויסשטרעקען די האנט, כדי זיי אנצוזעטיגען. איינגעשלעפערט מיט זייער גליקליכען מורמלען, האט זי ניט געמאכט קיינע פראבעס זיי אויפצוואוועקען . . . ווער ווייסט אויף ווי ווייט מענשען זוכען זיך אליין אפצונארען? זיי האבען מורא אין זיך צו דערזעהן דאס, וואס באאומרוהיגט זיי. זי האט פארגעצויגען ניט צו וויסען וועגען דער דאזיגער גאנצער וועלט, וואס איז אין איהר איינגעשלאסען. די אנעט, וואס אנדערע האבען געקענט, די אנעט, ווי זי אליין האט זיך געקאנט, איז געווען א קליינע אסאבע, זעהר א רוהיגע, אז אויסגערעכענטע, איהר אייגענע בעל־הבית׳טע, וואס האט פארמאגט אן אייגענעם ווילען מיט אן אייגענעם פרייען אורטייל, נאר וואס האט ביז איצט ניט געהאט קיין געלעגענהייט זיי איינצושטעלען געגען די אנגענומענע געזעצען פון דער וועלט און פאמיליע.

ניט פארנאכלעסענדיג איהרע געזעלשאפטליכע פליכטען, אבער אויך בשום אופן ניט איבערעסענדיג זיך מיט פארגניגענס, וועלכע זי האט מיט גרויס געשמאק גענאסען, האט זי געפיהלט א באדארף אין א מעהר ערנסטער טהעטיגקייט. זי האט געזארגט, אז זי זאל באקומען זעהר א ברייטע בילדונג, זי האט באזוכט קורסען אין אוניווערזיטעט און האט אפגעגעבען עקזאמענס אין צוויי אפטיילונגען. באזיצענדיג א פלינקען קאפ, וואס האט געזוכט וואו אנצוואווענדען די פעהיגקייטען, האט זי האלט געהאט די עקזאקטע וויסענשאפטען — באזונדערס נאטור־וויסענשאפטען, צו וועלכע זי האט געהאט געוויסע פעהיגקייטען, פיליכט דערפאר, ווייל דורך דעם אינסטינקט פון גלייכגעוויכט האט איהר געזונטע נאטור געפיהלט א באדארף אנטגעגענצושטעלען די געזונטע וויסענשאפט, מיט קלארע מעטאדען און אידעען אהן נעבעלדיגקייט אנטקעגען דעם אומרוהיגען דראנג פון איהר אינערליכען לעבען, מיט וועלכען זי האט מורא געהאט זיך צו טרעפען, אבער וואס האט געגען אלע איהרע אנשטרענגונגען געקלאפט ביי איהר

שוועל ביי יעדען אָפּרוה פון איהר אומטהעטיגען פאַרשטאַנד. די טהעטיגקייט, אַ קלאַרע, געגויע, אויסגעמאָסטענע, האָט דערווייל זי איינגאַנצען באַפרידיגט. זי האָט ניט געוואָלט טראַכטען וועגען דער צוקונפט. דאָס פאַרהייראַטע לעבען האָט איהר אויך אַ האָר ניט צו־געצויגען. זי האָט אָפּגעשטופּט דעם געדאַנק וועגען דעם. דער פאָטער האָט געשמייכעלט וועגען איהר באַשלוס, אָבער ער האָט זיך אויסגעהיט איהר צו ווידערשפּרעכען; ער האָט עס געפונען פאַר באַקוועמער פאַר זיך.

ראאול ריוויער'ס פארשווינדען האט צוטרייסעלט ביז צום גרונד דעם פעסטען בניז, אין וועלכען ער איז געווען, אהן אנעט'ס וויסען, דער הויפט־זייל. דער פנים פון טויט איז איהר ניט געווען אומ־באקאנט. זי האט זיך באקאנט מיט איהם ווען זי האט, מיט א יאהר פינף פריהער, פארלארען די מוטער. אבער די געזיכטצוגען פון טויט זיינען ניט שטענדיג דיזעלבע. פרוי ריוויער, וואס האט די לעצטע עטליכע חדשים פאר איהר טויט שוין פארבראכט אין א סאנאטאריום, איז אוועק פון דער וועלט פונקט אזוי שווייגענדיג, ווי זי האט געלעבט, באהאלטענדיג דעם סוד פון שרעק פאר'ן טויט, פונקט אזוי ווי זי האט באהאלטען די זארגען פון איהר לעבען. און זי האט איבערגע־לאזען אין דעם נאאיוו־עגאאיסטישען הארצען פון איהר יונגער טאכ־טער, צוזאמען מיט דעם צערטליכען, ווי א פריהלינג־רעגען, שמערץ, אויך א געפיהל פון דערלייכטערונג, אין וועלכען מען וויל זיך ניט מודה זיין, און אויך א שאטען פון געוויסענסביסען, וואס האט שנעל פארדעקט די רוהיגקייט פון די שעהנע טעג. . . .

גאנץ אנדערש איז געווען דער סוף פון ראאול. דער קלאפ איז געקומען אין מיטען פולען גליק און אין א צייט, ווען ער איז געווען זיכער, אז ער וועט לאנג נאך איהם געניסען, און דערפאר האט ער ביי זיין אוועקגעהן פון דער וועלט ניט ארויסגעוויזען קיין פילאזא־פישע ווייכקייט. ער האט באגעגענט די ליידען און די דערנעהנטע־רונג פון טויט מיט געשרייען פון פראטעסט. אין שרעק האט ער געקעמפט ביז'ן לעצטען אטעם־צוג אין מיטען פון דער שטיקענדער גסיסה, ווי א פערד, וואס הויבט זיך אויף אויף א בארג אין גאלאפ. אט די שרעקליכע בילדער האבען ווי אויף וואקס זיך ארויפגעדרוקט אויף אנעט'ס ברענענדען מארד. זי האט האליציונירט מיט זיי בייי־נאכט. ליגענדיג אין דער פינסטערניש פון איהר צימער, געדייט איינצושלאפען, פלעגט זי אויפלעבען פאר זיך דאס בילד פון דער

גסיסה פון דעם פאַרשטאַרבענעם מיט אַזאַ קראַפט, אַזוי ווי דאָס וואָלט פאַרקומען מיט איהר אַליין: איהרע אויגען זיינען געווען זיינע אויגען; איהר אָטעם — זיין אָטעם; זי האָט מעהר זיי ניט געקאָנט אונטערשיידען איינע פון אַנדערען; זי האָט געפיהלט אין איהרע אויגען דעם רוף פון זיין צומישטען בליק. זי איז אַליין כמעט ניט צו גרונד געגאַנגען — אָבער די קרעפטיגע יוגענד לאָזט זיך אַזוי שטאַרק אויסציהען. וואָס שטאַרקער דער בויגען איז אָנגעצויגען, אַלץ ווייטער פליהט דער פייל פון לעבען. דאָס פאַרבלענדענדע ליכט פון אַט די משוגענע בילדער איז אויסגעלאָשען געוואָרען דורך זייער אומגעוועהנליכקייט און אַ פינסטערע נאַכט איז אַרונטער אויף איהרע ערזאינערונגען. די געזיכטצוגען, די שטים, דער שיין פון דעם פאַר־שטאַרבענעם — אַלץ איז אַוועק: אַריינקוקענדיג ביז צו ערשעפונג אין דער פינסטערניש, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט אין איהר אַליין, האָט אַנעט מעהר קיין זאַך ניט געקאָנט אונטערשיידען אין איהר. נאָר זיך אַליין האָט זי געזעהן, זיך אַליין . . . איינזאַם און אַליין. חוה אין גן־עדן האָט זיך אויפגעכאַפּט אָהן דעם חבר, וועלכען זי האָט שטענדיג געפיהלט לעבען זיך, ניט פּרובירענדיג איהם גענויער צו באַשטימען, אָהן דעם חבר, וואָס האָט אין איהרע געדאַנקען אָנגענומען די דערוויל נאָר אומבאַשטימטע געשטאַלט פון ליבע. און דער גן־עדן האָט מיט אַמאָל פאַרלאָרען זיין זיכערקייט. אין איהר זיינען אַריינגעדרונגען אומרוהיגע וועהונגען פון דרויסען: סאַי די וועהונגען פון טויט און סאַי די וועהונגען פון לעבען. אַזוי ווי די ערשטע מענשען ביינאַכט, אַזוי האָט אַנעט מיט שרעק געעפענט די אויגען פאַר די טויזענטער געפאַהרען, וואָס זיינען באַהאַלטען אַרום איהר, און דעם אינסטינקט פון קאַמף, וואָס איהר וועט אויסקומען צו פיהרען. די איינגעדרעמעלטע קרעפטען האָבען מיט אַ מאָל זיך אָנגעקליבען, זיך צוזאַמענגענומען און זיך גרייט געמאַכט. און ליידענשאַפטליכע כחות האָבען אין איהר איינזאַמקייט זיך באַזעצט.

דאָס גלייכגעוויכט איז צושטערט געוואָרען. באַשעפטיגונגען, אַרבייט האָבען פאַרלאָרען פאַר איהר יעדע באַדייטונג. אין איהרע אויגען האָט איצט אויסגעקוקט לעבערליך פאַרוואָס זי האָט אָפּגע־געבען צו איהרע באַשעפטיגונגען אַזאַ וויכטיגען פּלאַץ אין איהר לעבען. אַז אַנדער טייל פון לעבען, וואָס איז אַקאָרשט פאַרוואונדעט גע־

ווארעז פון שמערץ, האט זיך פאר איהר געעפענט — אַ אומגעהויער גרויסער. די דערשיטערונג פון שמערץ האט אויפגעוועקט אין איהר אַלע פיבערען; די וואונד, וואס זי האט באקומען פארלירענדיג דעם געליבטען חבר, איז ארומגערינגעלט געווארען פון אַלע אומבאקאַנטע, געהיימע כחות פון ליבע; צוגעצויגען דורך די אקארשט געעפענטע פוסטקייט האבען זיי גענומען שטרעבען צו דער אויבערפלעך פון די סאַמע טיפענישען פון איהר עקזיסטענץ. אַנעט, וואס איז ניט געווען פארבארייט אויף אַזאַ באפאל, האט זיך געפלייסט זיי צוצו־געבען אַן אנדער אויסטייטש; זי האט הארטנעקיג געזוכט זיי אַלע צו ערקלערען דורך דעם פארלוסט וואס זי האט ניט לאַנג געליטען; צי דען איז אַלץ, זאגאר דאס קרעפטיגע, דאס פארהארטעוועטע וועזען פון דער נאטור, וועמעס פריליננ־אַטעם עס האט זי באַנעצט מיט זיין פייכטקייט — נאר אומקלאַרע, אבער טיפע בענקעניש נאך גליק . . . דעם פארלארענעם אדער דעם געווינשטען? — און די הענט וואס זיינען אויסגעשטרעקט צו דאס ניט־זיין? — און דאס ציטערנדע הארץ, וואס לעכצט נאך דער פארגאַנגענהייט . . . אדער נאך דער צוקונפט? זי האט דורך דאס אַלץ אויסגעפיהרט נאר דאס, וואס זי האט צולאזען איהר טרויער אין דער געהיימניספולער אויפרעגונג פון בייגקעניש, ליידענשאפט און טונקעלען פארלאנג. זי איז צו דער־זעלבער צייט געווען אי אויסגעמאַטערט, אי אויפגעבראכט . . .

אין דעם אַפּריל אָוועגט האט די אויפרעגונג זי באהערשט. איהר גייסט פון פארזיכטיגער איבערלעגונג איז געווען באלאגערט פון יענע אומקלאַרע פאַנטאַזיעס, וועלכע ער האט איבערגעלאזען אהן וועלכען עס איז קאנטראַל אין פארלויף פון אַ סך חדשים און וועמעס געפאַהר ער האט קלאר געזעהן. דער דאזיגער גייסט האט געוואָלט פאר־טרייבען די אַלע חלומות, אבער דאס איז ניט געווען קיין גרינגע זאך: מען האט איהם מעהר ניט געפאלגט, ער האט פארלארען די געוואוינ־הייט פון באפעהלען . . . זיך אפרייסענדיג פון דעם בליק פון פייער אין אויוועז און פון די לוסטיגע אומארמונגען פון דער נאכט, האט אַנעט זיך אויפגעהויבען און פון קעלט זיך איינגעוויקלענדיג אין פא־טערס כאלאט, האט זי אנגעצונדען דאס ליכט אין צימער.

דאס איז געווען ראול ריוויער'ס פריהערדיגער ארבייטס־קאבינעט.

אין די אפענע פענסטער, דורך די זעלטענע, יונגע בוימלאך האט איז

דער טונקעלהייט זיך געזעהן דער טייך סענא און אויף איהם, ווי אַן אומבאַוועגליכע שווערע מאַסע, האָבען זיך די הייזער אָפּגעשפּיגעלט, מיט די אָפענע פענסטער אויפ'ן צווייטען ברעג פון טייך און די אָפּ־שפּיגלונג פון טאָג, וואָס האָט געהאַלטען אין שטאַרבען הינטער די בערגלאַך פון סען־קלו. ראַאול ריוויער, אַ מענש מיט געשמאַק, וועלכען ער האָט אפילו געזוכט ניט שטאַרק אַרויסצואווייזען, כדי צו באַפרידיגען זיינע רייכע קונדען, האָט פאַר זיך אויסגעקליבען אויף דעם ברעג פון פּאַריז, אויף דעם בוליאַנער שטראַנד, אַן אַלטע איין־פאַמיליען הויז פון דער צייט פון לודאָוויק דעם 14טען, וואָס איז געווען אויסגעבויט גאַר פון אַן אַנדערען. ער האָט זיך באַגנוגט דער־מיט, וואָס ער האָט דער הויז צוגעגעבען אַ מעהר באַקוועמען אויסזעהן. זיין אַרבייטס־קאַבינעט האָט פונקט אַזוי גוט געקאָנט דיענען אויך פאַר זיינע אַנגעלעגענהייטען. און עס זיינען פאַראַן גענוג אור־זאַכען צו דענקען, אַז אויך דער צוועק איז ניט פאַרנאַכלעסיגט גע־וואָרען. ריוויער האָט דאָ עמפאַנגען ניט ווייניג אַנגענעהמע באַזוכע־רינס, וועגען וועלכע קיינער האָט גאַרניט פאַרדעכטיגט אַפילו, וואָרום דער צימער האָט געהאַט אַן אַריינגאַנג דירעקט אין גאָרטען. אָבער די לעצטע צוויי יאָהר האָט ער אין דעם זיך ניט גענויטיגט; די איינ־ציגע באַזוכעריִן פון קאַבינעט איז געבליבען אַנעט. דאָ האָבען זיי געפיהרט זייערע בעסטע געשפּרעכען. אַנעט פלעגט אַרומגעהן הין און צוריק, ברייננגען אַלץ אין אָרדנונג, פלעגט אַנגיסען וואַסער אין דער וואַזע מיט די בלומען, שטענדיג זיך באַוועגענדיג, און מיט אַמאָל פלעגט זי זיך פאַררוקען אין איהר געליבטען ווינקעל פון זאָפע מיט אַ בוך אין האַנט, פון וואַנען זי פלעגט שווייגענדיג און זיך ניט באַ־וועגענדיג זיך קענען צוקוקען צו דעם פלוס פון דעם זיידענעם טייך און ניט איבעררייסענדיג דאָס צושטרייטע לייענען, פלעגט זי פיהרען אַ צעשטרייטע אונטערהאַלטונג מיט'ן פאָטער. און ער, אַן אָפּגעלאָזע־נער און לאַנגווייליגער, וואָס פלעגט נאָכקוקען פון דער זייט נאָך איהר יעדער קלענסטער באַוועגונג, אָט דאָס צופּיעשטשעטע קינד, וואָס האָט ניט געקאָנט דערלאָזען, אַז דאָרט וואו ער געפינט זיך, זאָל ער ניט זיין דער מיטעלפונקט פאַר אַלעמענס געדאַנקען, פלעגט זי דער־נעמען מיט וויצען, מיט ביטערע פראַגען, חוזק מאַכענדיגע, צודרינגליכע, אומרוהיגע, כדי צוצוציהען איהר אויפמערקזאַמקייט און זיך צו אי־

בערצייגען, אז זי הערט אוים אַלץ אויפמערקזאם... און אַזוי פלעגט עס אַנהאַלטען ביז זי, א צערודערטע און ענטציקטע דערפון, וואָס ער קאָן אַהן איהר זיך ניט באַגעהן, פלעגט אַוועקוואַרפען אַלץ, כדי מיט איהם אַליין זיך אָפּצוגעבען. דאַמאַלס פלעגט ער זיין צופרידען; און זייענדיג זיכער מיט זיין צוהערערין, פלעגט ער פאַר איהר פאַנאַנדערשיטען די פאַרשידענע אַנגעקליבענע אוצרות פון זיין גלענצענדען פאַרשטאַנד. ער פלעגט ארויסלאָזען ראַקעטען און פאַנאַנדערקלייבען ווי בלעטלאַך זיינע ערינערונגען. עס פאַרשטעהט זיך פון זיך אַליין, אַז ער פלעגט שוין זאָרגען דאַפיר אויסצוקלייבען די שמייכעלהאַפטעסטע פאַר זיך און ער פלעגט זיי זעהר קונציג בעאַרבייטען — נאָך דעם געשמאַק פון דער פרינצעסין, וועמעס געהיימע נייגעריגקייט און פלוצלונגע פיינדליכע אַנגעצויגענקייט ער פלעגט גאַנץ ריכטיג אויפכאַפּען; ער פלעגט איהר הערצעהלען פונקט דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט הערען. אַנעט, אין גאַנצען פאַרוואַנדעלט אין געהער, האָט שטאַלצירט מיט זיינע פאַרטרויטע סודות. זי האָט גערן געגלויבט, אַז זי באַקומט פון פאָטער מעהר, וויפיעל די מוטער האָט ווען עס איז געקאָנט אַרויסקריגען; זי האָט געמיינט, אַז זי איז די איינציגע באַזיצערין פון דעם פאַרבאָרגענסטען אין זיין לעבען.

אַבער נאָך דעם פאָטערס טויט איז אין איהרע הענט פאַרבליבען אַן אַנדער אוצר: אַלע זיינע פּאַפּירען. אַנעט האָט ניט געזוכט מיט זיי זיך צו באַקאַנען. איהר פאַרגעטערנדע ליבע צום פאַרשטאָרבענעם האָט גערעדט צו איהר, אַז די פּאַפּירען געהערען ניט איהר. אַן אַנדער געפיהל האָט איהר אריינגעשושקעט פונקט קאַפּויער, מען האָט בעדאַרפט ציי אַזוי אָדער אַזוי באַשליסען זייער שיקזאַל: אַנעט, די איינציגע יורש'טע האָט געקאָנט אויך אומקומען און די דאָזיגע פאַמיליענפּאַפּירען האָבען ניט געדאַרפט אַריינפאַלען אין פרעמדע הענט. און אַזוי איז נויטיג געוואָרען זיי דורכצוקוקען, ענטוועדער אום זיי צו פאַרניכטען, אָדער אום זיי צו האַלטען. שוין עטליכע טעג ווי אַנעט האָט אויף דעם זיך באַשלאָסען; אַבער ווען זי פלעגט אין אַווענט בלייבען אין צימער, וואו די אַנוועזענהייט פון געשטאָרבענעם האָט איבערגעלאָזען אַזוי פיעל צייכענס, פלעגט זי ניט האָבען קיין מוט אויף קיין זאַך מעהר ווי נאָר איהם אריינצוטרינקען, זיך ניט רירענדיג גאַנצענע שטונדען. זי האָט מורא געהאַט, עפענענדיג די בריף פון

דער פאַרגאַנגענהייט, צו קומען אין דירעקטע באַרירונג מיט דער ווירק־ליכטקייט.

אָבער פונדעסטוועגן האָט מען עס געמוזט אָפּטאָן. און דעם אָבענט האָט זי זיך באַשלאָסען. אין דער צעשטרייטער צאַרטקייט פון אַט דער צו ווייכער נאַכט, וועלכע וועט — ווי זי האָט מיט אומרוהע עס געפיהלט — פאַנאַנדערטרייבען איהר קומער, האָט זיך איהר געוואָלט איבערצייגען, אַז זי באַהערשט דעם טויטען. זי איז צוגעגאַנגען צום שאַף פון מאהאגאני, וואָס האָט זיך מעהר געפּאַסט פאַר אַ קאָקעטישע פרוי, ווי פאַר אַ געשעפטס־מאַן— אַ הויכער קאָמאָד אין סטיל פון לודאָוויק דעם 15טען, וואו ריוויער האָט אָנגעפילט די קעסטלאַך מיט זיינע אינטימע בריף אין 8—7 רייהען, וואָס האָט געמאַכט דעם קאָ־מאָד אויסזעהן ווי אַן אַמעריקאַנער „הימעלקראַצער". זיך אַראָפּלאָ־זענדיג אויף די קני, האָט אַנעט געעפענט דעם אונטערשטען קעסטעל. כדי איהם בעסער צו קאָנען אונטערזוכען, האָט זי איהם אַרויסגענו־מען פון קאָמאָד, און, ווידער פאַרנעמענדיג אַ פּלאַץ ביים אויווען, האָט זי עס אַוועקגעשטעלט אויף די קני און זיך אַריבערגעבויגען איבער איהם. אין הויז איז קיין שום גערויש ניט געווען. זי האָט געוואוינט דאָרט אַליין, צוזאַמען מיט דער אַלטער מומען, וועלכע האָט געפיהרט די בעליבתישקייט און מיט וועלכע מען האָט זיך גאַנץ ווייניג גע־רעכענט. די קוים־באַמערקטע מוהמע וויקטאָריא, דער פאָטערס אַ שוועסטער, האָט שטענדיג געלעבט און געדינט ביי איהם און האָט עס געהאַלטען פאַר גאַנץ נאַטירליך, און איצט אין דינסט ביי איהר פּלי־מעניצע, האָט זי פאָרטגעזעצט די ראָלע פון אַ הויז־פאַרוואַלטערין — ענדיגענדיג, אַזוי ווי אַלטע קעץ, דערמיט וואָס זי איז געוואָרען אַ טייל פון די הויז־בעל־הבית׳ישקייט, צו וועלכער זי איז געווען צוגעבונדען געוויס ניט ווייניגער ווי די לעבעדיגע באַשעפענישען. זי פלעגט זיך צוריקציהען אין איהר צימער גאַנץ פריה און איהר אַנוועזענהייט ווייט אויפ׳ן אויבערשטען עטאַזש, די רוהיגע באַוועגונג הין און צוריק פון איהרע ווייכע טריט, פלעגען אין אָוונט ניט מעהר שטערען אַנעט׳ס פאַנטאַזירען, ווי די טריט פון אַ הויז־חיה.

זי האָט זיך גענומען לייענען, מיט נייגעריגקייט, אָביסעל אַז אויפגערעגטע. אָבער, ווען זי האָט זיי אין האַנט אַריינגענומען, האָט זיך אַרויסגעוויזען איהר ליבע צו אָרדנונג און אויסגעמאָסטענקייט, וואָס

האָט געפּאָדערט, אַז אין איהר אַליין, און אַרום איהר, זאָל אַלץ זיין קלאָר און באַשטימט; דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דער לאַנגזאַמקייט פון איהרע באַוועגונגען און אין זייער קאַלטער דייטליכקייט, וואָס האָבען אַ געוויסע צייט פאַרטגעזעצט אָפּצונאַרען איהר אויפרעגונג.

די ערשטע דורכגעלעזענע בריף זיינען געווען פון דער מוטער. דער באַליידיגטער טאָן האָט איהר אין אָנהויב דערמאָנט די איינדרוקען פון געוועזענע צייטען, ניט שטענדיג אַנגענעהמע, אַביסעל מאַטערנדיגע, מיט אַ געוויסער רחמנות צו דעם, וואָס זי האָט, פון דער הויך פון איהרע געדאַנקען, געהאַלטען פאַר אַ געוואוינהייט פון אַן אינגאַנצען נוצלאָזען גייסט. „אָרימע מאַמע! . . .“ אָבער ביסלאַכוויז, לעזענדיג אַלץ ווייטער, האָט זי צום ערשטען מאָל באַמערקט, אַז דער דאָזיגער מאָראַלישער צושטאַנד פון דער מוטער איז געווען ניט אָהן אַן אורזאַך. געוויסע אָנצוהערענישען אויף ראַאול׳ס אומטרייקייט האָבען איהר אומרוהיג געמאַכט; זייענדיג צו פּאַרטייאיש צו אורטיילען ניט צו גונסטען פון פאָטער, האָט זי די אָנצוהערענישען געזוכט אויסצומיידען, זיך איינריידענדיג, אַז זי האָט זיי שלעכט פאַרשטאַנען. איהר פאַרגעטערנדע ליבע האָט איהר דיקטירט די פּרעכטיגסטע אַרגומענטען אָפּצואָווענדען די אויגען דערפון. אָבער ניט קוקענדיג אויף דעם האָט זיך דאָך אַרויסגעוויזען פון דעם בריף די ערנסטקייט פון דער נשמה און די באַליידיגטע צערטליכקייט פון פרוי ריוויער; און זי האָט זיך געמאַכט פאַרוואורפען, וואָס צוליב איהר אומוויסענהייט האָט זי נאָך שווערער געמאַכט דעם טרויער פון דער מוטער, וואָס איז געווען אַ קרבן פון לעבען.

אין זעלבען קעסטעל, זייט ביי זייט, האָבען גערוהט אויך אַנדערע פּעקלאַך בריף (איינינגע וואָס זיינען אַרויסגעפאַלען האָבען זיך זאַגאַר דורכגעמישט מיט דער מוטערס בריף), וואָס זיינען דורך ראַול׳ס לייכטזיניגע זאָרגלאָזיגקייט געווען פאַראייניגט, עהנליך צו דעם ווי ער האָט אין זיין פיעלפאַכען פאַמיליען־לעבען געהאַנדעלט מיט די קאָרעספּאָנדענטקעס אַליין.

דעם מאָל האָט אַנעט׳ס געמאַכטע רוה געמוזט דורכגעהן אַ שווערען עקזאַמען. פון אַלע בלעטלאַך פון דעם נייעם פּעקעל האָבען זיך געהערט שטימען, אויף אַ גאַנץ אופן מעהר אינטימערע און זיכע־

רערע אין זייער מאכט, ווי די שטים פון פרוי ריוויער: זיי האָבען ארויסגעשטעלט זייער רעכט אויף אייגענטום איבער ראול׳ן. אנעט איז געווען שטארק אויפגערעגט פון דעם. איהר ערשטע באַוועגונג איז געווען צוזאַמענקוועטשען זיי אין האַנט און אריינשליידערן אין פייער. אבער זי האָט באַלד זיי צוריק ארויסגעצויגען פון דאַרטען.

זי האָט אומבאַשלאָסען געקוקט אויף די אקאַרשט געראַטעוועטע, שוין פון פלאַם ארומגעביסענע, בלעטלאַך. עס פאַרשטעהט זיך, אַז אויב זי האָט איצט געהאַט גענוג אורזאכען ניט צו וועלען זיך מישען אין די אַמאָליגע סכסוכים צווישען איהרע עלטערן, האָט זי געהאַט נאָך שטאַרקערע גרינדע ניט צו וועלען וויסען וועגען פאָטערס ליבעס־פאַרהעלטענישען. אבער איצט האָבען די ארגומענטען שוין ניט געהאַט קיין ווירקונג. זי האָט געפיהלט, אַז זי אַליין איז באַליידיגט גע־וואָרען. זי וואָלט ניט געקאָנט זאָגען גענוי אין וואָס די דאָזיגע באַ־ליידיגונג באַשטעהט און אין וועלכען אופן דאָס איז פאָרגעקומען. זיך אריבערבויגענדיג אומבאַוועגליך, דרעהענדיג מיט׳ן נאָז, אויס־שטרעקענדיג פאָראויס די צוקרימטע מאָרדעטשקע, אַזוי ווי אַ צורייצ־טע קאַץ, האָט זי זיך געטרייסעלט פון פאַרלאַנג נאָך אמאָל אריינצור־שליידערן אין פייער די חוצפה׳דיגע פאַפירלאַך, וועלכע זי האָט גע־האַלטען צוזאַמענגעדריקט אין קולאַק. אבער פאַרנאַנדערנעמענדיג די פינגער, האָט זי זיך ניט געקאָנט צוריקהאַלטען פון פאַרלאַנג אין זיי אריינצוקוקען. און מיט אמאָל זיך באַשליסענדיג, האָט זי געעפענט די האַנט, האָט פאַרנאַנדערגעלייגט די בריף, האָט זאַרגזאַם אויסגע־גליכען די פאַרשטעלטע ערטער... און זי האָט אָנגעהויבען לייענען... האָט דורכגעלעזען אַלץ...

מיט עקעל (אבער ניט אָהן גרויס אינטערעס) האָט זי נאָכגע־פאָלגט ווי אַזוי עס האָבען זיך געביטען זיינע ליבעס־פאַרהעלטענישען, וועגען וועלכע זי האָט פריהער אפילו קיין פאַרדאַכט ניט געהאַט. זיי האָבען געבילדעט אַ זעלטזאַמען און קאַפריזנעם פלאַנטער. ראַאול׳ס גע־שמאַק אין ליבע ווי אין קונסט איז געווען ניט באַשטענדיג, נאָר האָט זיך געענדערט ווי אַ ווינטעל. אנעט האָט זיך דערוואוסט יועגען עטליכע נעמען פון איהר אייגענעם קרייז; און מיט אַ געפיהל פון בייזקייט האָט זי זיך דערמאָנט אַז די שמייכעלס און לאַסקעס, וואָס זיינע געליבטע פלעגען איהר שענקען. אנדערע זיינען געשטאַנען

אויף נידעריגערע געזעלשאפטליכע שטאפלען. זייער אויסלייגאכץ איז געווען פונקט אזוי פריי ווי די געפיהלען, וואס זיי האבען אויסגע־דריקט אין די בריף. אנעט'ס גרימאסען זיינען געווארען נאך דייט־ליכער; אבער איהר שכל, וואס האט געקוקט אויף אלץ פונקט אזוי לעבעדיג און מיט איראניע, ווי ביים פאטער, האט אפגעשאצט דעם קאמיישען אייפער פון די, וואס האבען זיך אנגעשטרענגט צו לאזען די פעדער שפרינגען איבער דעם פאפיר, זיך אריבערבויגענדיג איבער'ן טיש און ארויסשטעקענדיג דעם שפיץ צונג, מיט די לאקען אריבער־געהאנגען איבער די אויגען. די אלע אינטימע פארבינדונגען, איינע לאנג־אנהאלטענדע, די אנדערע פון קורצען דויער, אין אלגעמיין בכלל ניט קיין זעהר לאנג־אנהאלטענדע, זיינען פארביי, האבען זיך געביטען, ארויסשטופענדיג איינע די אנדערע. פול פון צארן, נאר מיט א שאטען פון פאראכטונג, איז אנעט געווען זיי דאנקבאר דערפאר.

זי האט נאך ניט געהאט אויסגעשעפט אלע איהרע ענטדעקונגען. אין אן אנדער קעסטעל, זארגזאם אפגעלייגט באזונדער (מיט מעהר זארג, האט זי געמוזט באמערקען, ווי די בריף פון איהר מוטער) — האט א נייער פעקעל ענטדעקט פאר איהר א לענגערע פארהעלטעניש. כאטש די דאטומס זיינען געווען אנגעצייכענט ניט זארגפעלטיג, האט מען דאך געקאנט באמערקען, אז די דאזיגע בריף האבען זיך געצויגען אין פארלויף פון א לאנגע רייהע יאהרען. זיי זיינען געשריבען גע־ווארען פון צוויי הענט: איין האנטשריפט, ניט ריין און צושמירט, אין קרומע שורות, האט זיך איבערגעריסען ביים העלפט פון פעקעל; די האנטשריפט פון דער צווייטער, אין אנהויב א קינדישע, זארגפעל־טיגע, האט ביסלאכוויז אנגענומען באשטימטע פארמען און האט זיך געצויגען ביז אין די לעצטע יאהרען אריין, נאך מעהר ביז אין די לעצטע חדשים פון פאטערס לעבען. און די לעצטע ענטדעקונג האט געמאכט א באזונדערס שווערען איינדרוק אויף אנעט. און אט די לעצטע קאר־רעספאנדענטקע, וואס האט ביי איהר, אנעט, אוועקגערויבט א טייל פון דער הייליגער צייט, אויף וועלכע זי האט, ווי זי האט גערעכענט, געהאט דאס אויסשליסליכע רעכט, אט די דאפעלטע פאלשע האט זיך געווענדעט צו איהר פאטער מיט די ווערטער: „פאטער! . . . “

זי איז געווען שרעקליך באליידיגט. מיט א צארנדיגער באוועג־גונג האט זי אראפגעווארפען פון פלייצע דעם פאטערס כאלאט. לא־

זענדיג דעם בריף ארויספאלען פון איהרע רענט, האט זי זיך צוזאמענגעקארטשעט אין שטוהל, מיט טרוקענע אויגען און פלאמענדע באקען. זי האט זיך אליין קיין חשבון ניט געקאנט אפגעבען. זי האט צופיל זיך געפונען אונטער דער הערשאפט פון געפיהל־צורודערונג אום צו וויסען וואס זי טראכט. מיט דעם גאנצען אימפעט פון איהר געפיהל האט זי נאר איין געדאנק געהאט: „ער האט מיך אפגענארט!...“

זי האט ווידער זיך גענומען פאר די פארהאסטע בריף; און דעם מאל האט זי זיי ניט ארויסגעלאזען ביז זי האט זיי ניט אויסגעקוועטשט ביז דער לעצטער שורה. פארנאנדערבלאזענדיג די נאזלעכער, צוזאמענדריקענדיג די ליפען, האט זי געלעזען און געברענט מיט דעם פייער פון אייפערזוכט — און מיט נאך אן אנדער, נייעם, נאך אומקלארען געפיהל, וואס האט זיך אין איהר אנגעצונדען. אויף איין אויגענבליק איז איהר אין קאפ ניט אריין דער געדאנק, אז ארייכדרינגענדיג אין די אינטימע באציהונגען פון דער קארעספאנדענץ, באהערשענדיג דעם סוד פון איהר פאטער, מיסברויכט זי מיט זיין צוטרויען. קיין איינציגען מאמענט האט זי ניט געצווייפעלט אין איהר רעכט. (איהר רעכט!... דאס געפיהל פון גערעכטיגקייט איז געווען ווייט. אין איהר האט געשריען נאר איין דעספאטישע ליידענשאפט!...) פארקעהרט, זי האט זיך באטראכט פאר א באליידיגטע, אין איהר רעכט — אין איהר רעכט — דורך איהר פאטער.

פון דעסטוועגען האט זי זיך באהערשט. אויף איין אויגענבליק האט זי דערזעהן די גאנצע ווילדקייט פון איהרע פרעטענזיעס. זי האט א קוועטש געטאן מיט די פלייצעס. וואס פאר א רעכט האט זי געהאט אויף איהם? וואס איז ער איהר שולדיג געווען? דער מעכטיגער געשריי פון געפיהל האט געענטפערט: „אלץ!“ אומזיסט צו וועלען האבען א וכוח. זיך לאזענדיג באהערשען פון א זינלאזען פארדרוס, האט אנעט געליטען פון דעם וואונד און צו דערזעלבער צייט האט זי געפיהלט א ביטערען פארגעניגען פון יענע גרויזאמע כחות, וואס האבען צום ערשטען מאל אריינגעשטאכען אין איהר קערפער זייער ברענענדיגע גיפט.

א טייל פון דער נאכט איז פארביי אין לייענען. און ווען זי האט ענדליך באשלאסען זיך צו לייגען שלאפען, האט זי לאנג נאך מיט פארמאכטע אויגען פון דאס ניי דורכגעלייענט די שורות און

די װערטער, װאָס האָבען זי געמאַכט אויפציטערן, ביז דער קרעפּטיגער שלאָף פון יוגענד האָט זי באַהערשט און זי איז געלעגען אַן אומ־באַוועגליכע, אַן אויסגעצווינגענע, אַ שוואַך־אָטעמענדיגע, אײנגאַנצען אַ רוהיגע, זאָגאַר אַ דערלייכטערטע דורך דעם פאַרלוסט פון כחות.

אויף מאָרגען האָט זי ווידער אַלץ איבערגעלייענט; זי האָט ניט אײנמאָל פון דאָס נײ געלייענט אויך די קומענדע בריף, יענע בריף, װאָס האָבען איהרע געדאַנקען באַשעפטיגט. איצט איז זי אומגעפעהר געווען אין שטאַנד ווידער אויפצושטעלען אַט דאָס לעבען — דאָס צווייטע לעבען, װאָס איז געפלאָסען אין דערזעלבער צייט און ריכטונג מיט איהר אייגענעם לעבען: די מוטער איז געווען אַ בלור־מען־הענדלעריז, ועמען ראול האָט באַזאָרגט מיט מיטלען, צו עפענען אַן אייגענע קראָם; די טאָכטער — אַ הוטמאַכעריז, אָדער אַ שנייַ־דעריז (באַשטימט האָט מען ניט געקאָנט פעסטשטעלען). איינע האָט געהייסען דעלפין, און די צווייטע, (די אינגערע) סילוויא. אורטיי־לענדיג נאָכ'ן סטיל, אַ קאַפּריזנעם, אַ זאָרגלאָזען, אָבער אין וועמעס צולאָזענקייט עס האָט זיך געפיהלט אַ געוויסער רייץ, זיינען די אַלטע און די יונגע געווען עהנליך איינע אויף די אַנדערע. דעלפין האָט געמוזט זיין אַ ליבע באַשעפעניש, וועלכע האָט, ניט קוקענדיג אויף געוויסע אויסדרוקען פון לוסטיגקייט, ווי עס ווייזט אויס ניט שטאַרק פאַרמאַטערט ראַאול'ן מיט איהרע פאָדערונגען. ניט די מוטער און ניט די טאָכטער האָבען ניט באַטראַכט דאָס לעבען טראַגיש. איבע־ריגענס, ווייזט אויס, אַז זיי ביידע זיינען געווען זיכער אין ראול'ס צובונד צו זיי. עס קאָן פיליכט זיין, אַז דאָס איז געווען דער בעס־טער מיטעל ווי איהם איינצוהאַלטען. אָבער די דאָזיגע חוצפה'דיגע זיכערהייט האָט באַליידיגט אַנעט און זי אויפגערעגט ניט ווייניגער צו די געוויסע גוטברודערשאַפט, מיט וועלכער זיי האָבען זיך געווענדעט צו איהם.

סילוויא האָט באַזונדערס באַשעפטיגט איהר אייפערזיכטיגע אויפ־מערקזאַמקייט. יענע, די צווייטע, איז פאַרשוואונדען און אַנעט'ס שטאָלץ האָט זיך פאַרשטעלט אַזוי ווי זי וואָלט בלומר'שט פאַראַכטען דעם זאַרט נאָהענטקייט, וואָס זי האָט געהאַט מיט'ן פאָטער; זי האָט שוין פאַרגעסען, אַז נאָך מיט ווייניג טעג צוריק איז די ענטדעקונג פון דעם זאַרט צובונדען אַליין געווען פאַר איהר אַן עמפּפינדליכע באַ־

ליידיגונג. איצט, ווען אין קאַמף איז אויפגעטראַטען א פּיעל טיפערע נאָהענטקייט, זיינען אַלע אַנדערע פון זיינע צובונדען אויסגעקומען אין איהרע אויגען ניט וויכטיג. אנשטרענגענדיג איהר מאָרד, האָט זי זיך באַמיהט פאַרצושטעלען זיך דאַס בילד פון יענער פרעמדער, וואָס ניט קוקענדיג אויף איהר גאַנצען פּאַרדרוס, איז זי איהר געווען פרעמד נאָר אויף א העלפט. זי האָט זיך געפיהלט באַליידיגט פון יענערס פרעהליכקייט אָהן צערעמאָניעס, פון איהר רוהיגען ווענדען זיך צום פאָטער אויף דו אין איהרע בריף, אין וועלכע סילוויא האָט מיט׳ן פאָטער זיך געשאָפּט, ווי מיט איהר אייגענטום. אנעט האָט זיך באַמיהט טיף אריינצוקוקען אין געזיכט פון דער חוצפה׳דיגער אומבאַ־קאַנטער, כדי זי צו פאַרשעהמען. אָבער יענע קליינע, וואָס האָט זיך איין איהר לעבען אריינגעשפּאַרט, האָט מיט שטאָלץ באַגעגענט איהר בליק. עס האָט אויסגעוויזען ווי זי זאָל זאָגען:

אין מיר איז ד י י ן בלוט!

אנעט האָט אזוי דייטליך געהערט איהר שטים, אזוי לעבעדיג האָט זיך איינמאָל בייגאַכט פאַר איהר באַוויזען די געשטאַלט פון דער אומבאַקאַנטער שוועסטער, דאָס זי האָט אין האַלב־שלאָף אויסגע־שטרעקט די הענט אום זי ארומצוכאַפּען.

און אויף מאָרגען האָט זי באַהערשט א פאַרלאַנג און זי ניט אפּגעלאָזען. כאָטש זי איז געווען בייז, פול פון פראָטעסט, האָט זי פאָרט זיך אונטערגעגעבען, זי איז ארויס פון הויז אויסזוכען סילוויא׳ן.

דער אָדרעס האָט זיך געפֿונען אין די בריוו. אַנעט איז אַוועק אויף בולוואַר מען. עס איז געווען אַרום מיטאָג־צייט. סילוויאַ איז געווען אין וואַרשטאַט. אַנעט האָט זיך ניט באַשלאָסען צו געהן איהר דאָרט אויסזוכען. זי האָט אַנפֿגעוואַרט עטליכע טעג און איז ווידער געקומען, דעם מאָל נאָך מיטאָג. סילוויאַ איז נאָך ניט געקומען צוריק, אָדער איז שוין אַוועק, גענוי האָט מען ניט געוואוסט. אַנעט, וועלכע האָט יעדעס מאָל געהענדיג אַהין זיך געפֿונען אין אַן אָנגעשטרענגטער ערוואַרטונג דורך איהר נערוועזע אומגעדולד, איז געקומען צוריק אַהיים אַן ענטוישטע. אַ געהיימע פֿייגהייט האָט איהר געהייסען זיך ענטזאָגען. אָבער זי איז געווען פֿון די, וואָס ענטזאָגען זיך קיינמאָל ניט פֿון דעם, וואָס זיי האָבען איינמאָל באַשלאָסען, באַזונדערס ווען די שטערונגען זיינען שטאַרקע, אָדער אויב זי האָט מורא פֿאַר דעם וואָס דאַרף פֿאָרקומען.

איינמאָל, אַרום סוף מאַי, אום 10 אַ זייגער פֿון אָוועגט, איז זי ווידער אַוועק אַהין. דעם מאָל האָט מען איהר געזאָגט, אַז סילוויאַ איז ביי זיך. זעקס עטאַזש. זי איז אַרויף לויפֿענדיג, אַזוי ווי זי האָט זיך אַליין ניט געוואָלט געבען די נויטיגע צייט צו געפֿינען עפּעס אַ פֿריטשעפּקע און אַנטלויפֿען צוריק. אויבען האָט איהר דער אָטעם פֿאַרכאַפּט. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט. זי האָט ניט געוואוסט וואָס זי וועט געפֿינען. אַ לאַנגער, אַלגעמיינער קאָרידאָר, אויסגעפּלאַסטערט מיט ציגעל. פֿון רעכטס און פֿון לינקס צוויי האַלב־אָפֿענע טירען: שטימען האָבען פֿון איינע צו די אַנדערע זיך געטראָגען פֿוןביידע צימערען. פֿון דער לינקער טיר זיינען אויף די רויטע ציגעל געפֿאַלען די לעצטע שטראַלען פֿון דער אונטערגעהענדער זון: דאָרט האָט געוואוינט סילוויאַ.

אַנעט האָט אָנגעקלאַפּט: „טוק! טוק!" איהר האָט מען אָפּגעענטפֿערט ניט אויפֿהערענדיג צו פּלוידערן: „קומט אַריין!" אַנעט

האָט אַ שטויס געטאָן די טיר: דאָס ליכט פון האַלב־גאָלדענעם הימעל האָט איהר אַ קלאַפּ געטאָן אין געזיכט. זי האָט דערזעהן אַ יונגע מיידעל, אַ האַלב־אָנגעטאָנענע, אין אַן אונטערקלייד, מיט נאַקעטע פּלייצעס מיט נאַקעטע פיס אין ראָזעווע נאַכט־שיכלאַך, וואָס איז ארומגעגאַנגען אַהין און צוריק און וואָס איז געווען אומגעקערט צו איהר מיט איהר פולען און שלאַנקען רוקען. זי האָט עפּעס וואָס געזוכט אין טואַלעט־טישעל, ריידענדיג און אָנפוידערנדיג דעם נאָז.

— נו? וואָס איז אַזוינס? — האָט זי געפרעגט מיט אַ שטים, וואָס האָט גערעדט פון אונטער'ן צונג צוליב די שפּילקעס, וואָס זי האָט געהאַלטען אין ווינקעל מויל.

נאָך דעם, פּלוצלונג באַמערקענדיג אַ צווייגעל פון מאַי־בלומען, וואָס איז געשטאַנען אין אַ קרוג וואַסער, האָט זי מיט צופרידענקייט איינגעטונקט דעם נאָז אין דעם. אויפהויבענדיג דעם קאָפּ און אַריינ־קוקענדיג אין שפּיגעל מיט איהר שמייכלענדיגע אויגען, האָט זי באַ־מערקט הינטער זיך אַנעט, וואָס איז אַן אומבאַשלאָסענע געשטאַנען אויפ'ן שוועל און איז געווען ארומגערינגעלט מיט אַ קרויז פון ליכט. זי האָט אַ געשריי געטאָן: „אָך!“ האָט זיך אומגעקערט, אויפהויי־בענדיג די נאַקעטע הענט צום קאָפּ און שנעל אַריינשטעקענדיג די שפּילקעס אין די צורעכטגעמאַכטע האָר. נאָכדעם איז זי צוגעגאַנגען, האָט אויסגעצויגען די הענט — און האָט פּלוצלונג זיי צוריק אַראָפּ געטאָן, מאַכענדיג אַ צייכען פון פריינדליכער אָבער צוריקגעהאַלטענער איינלאַדונג. אַנעט איז אַריין פּרובירענדיג זאָגען און ניט קענענדיג. סילוויאַ האָט אויך געשוויגען. זי האָט פאָרגעלייגט אַנעט אַ שטוהל און אָנטוענדיג אַ בלויען אין שטרייפען מאָרגענראָק, האָט זי זיך אוועק־געזעצט אַנטקעגען יענער אויפ'ן בעט. ביידע האָבען געקוקט איינע אויף די אַנדערע און יעדע האָט געוואַרט ווער וועט אָנהויבען די ער־שטע . . .

ווי פאַרשידען זיי זיינען געווען! יעדע פון זיי האָט געשטודירט די צווייטע מיט פאָרשענדע בליקען, קאַלטע, אומפּאַרצייליכע, מיט דער פראַגע: „ווער ביזטו?“

סילוויאַ האָט געקוקט אויף אַנעט, אַ גרויסע, אַ פרישע מיט אַ ברייטער געזיכט, מיט אַביסעל אַן אַרויפגעריסענעם נאָז, מיט אַ שטערען פון אַ יונגער קעלבעל אונטער דער מאַסקע פון די געקריי־

זעלטע גאָלד־קאַשטאַנאָווע האָר, זעהר גערינכטע ברעמען, ברייטע בלויע אויגען, אַביסעל אויסגעשטעלטע, וועלכע פלעגען צייטענווייז זאַנדער־באַר זיין האַרט פון די כוואַלעס, וואָס פלעגען זיך ציהען פון האַרצען; א גרויסער מויל, קרעפטיגע ליפען מיט אַ העלען פוך אין די ווינקלען, געוועהנליך פאַרשלאָסענע מיט אַ ווידערשטרעבענדער, אַנהאַלטענדער, אויפמערקזאַמער גרימאַסע, אַבער וועלכע פלעגען אויך קאָנען, זיך עפענענדיג, באַלויכטען ווערען מיט אַ צוויבערנדען שמייכעל, אַ שעמעוו־דיגען און לייכטענדען, וואָס האָט דעם גאַנצען פּנים צוגעגעבען גאָר אַן אַנדער חן; די מאַרדעטשקע און די באַקען זיינען געווען פולע, אָהן אַ ווייכקייט, פעסט־געבויטע; דער קאַרק, די האַלז, די הענט — האָבען געהאַט די פאַרב פון ביהנען־האָניג; אַ שעהנע הויט, אַ קרעפ־טיגע, אַרומגעוואַשען פון ריינע בלוט. אַ שווערליכע פיגור מיט אַביסעל אַ פולען ביוסט. די ברוסט ברייט, אויסגעשטעלט; סילוויא׳ס ערפאַהרענער בליק האָט זיי אַרומגעטאַפּט אונטער דעם שטאָף און האָט זיך לענגער אָפּגעשטעלט אויף די שעהנע פּלייצעס, וועמעס צוגע־מאָסטענע פולקייט האָט געבילדעט צוזאַמען מיט דעם האַלז אַ ליכטיגע און קיילעכדיגע קאָלאָנע — דער פאַלקאָמסטער טייל פון איהר קער־פּער. זי האָט געוואוסט ווי זיך צו קליידען און איז זעהר זאָרגזאַם געווען אָנגעטאָן, שוין כמעט אַביסעל צו זאָרגזאַם, לויט סילוויא׳ס מיי־נונג, מיט אַ צו גרויסער באַוואוסטזיניגער זאָרגזאַמקייט: די האָר זיינען געווען גלאַט צוזאַמענגענומען. קיין אומגעהאַרכזאַמער לאָקאָן ניט, קיין איין העקעל ניט אויסער אָרדנונג, אַלץ איז געווען אין פולער אָרדנונג, און אינעווייניג — צי איז אויך אַזוי?"

אַנעט האָט געקוקט אויף סילוויא, וואָס איז געווען כמעט פון זעלבען וואוקס ווי זי אַליין (הערזעלבער? יאָ, פּילייכט), אַבער אַ מאָגערינקע, מיט אַ דינער טאַליע, מיט אַ קאָפּ וואָס איז געווען צו קליין פאַר דעם קערפּער; כמעט נאַקעט אונטער׳ן מאַרגענראָק מיט אַ ניט גרויסער, אַבער פולער, ברוסט, מיט פולע הענט. זי איז גע־זעסען זיך שאָקלענדיג, מיט די הענט פאַרוואָרפען איבער איהרע רונדע קניה. זי האָט אויך געהאַט אַ רונדען שטערען און מאַרדעטשקע; דער נאָז אַ קליינער, אַ פאַררייסענער, העל־ברוינע האָר, זעהר דינע לאָקענ־דלאַך, וואָס פאַלען אַרונטער אויף די שלייפען און אויף די באַקען, און קליינינקע הערעלאַך אויפ׳ן קאַרק און האַלז, אַ ווייסער, זעהר

א ווייסער און שלאַנקער. א הויך געוויקס. די פּראָפּילען פון געזיכט זיינען ניט געווען גלייכמעסיג: דער רעכטער — איז געווען א מאַטער סענטימענטאַלער: א קעצעל וואָס שלאָפט; דער לינקער איז געווען א ביטרער אויף דער וואך: א קעצעל וואָס בייסט זיך. די אויבערשטע ליפּ האָט אין געשפּרעך זיך אויפגעהויבען איבער די לאַכענדע ציין. און אנעט האָט געטראַכט: „היט זיך דער, וועמען זי וועט איינבייסען!"

ווי פאַרשידען זיי זיינען געווען! . . . און דאָך האָט מען גלייך פון ערשטען קוק אָן דערקענט דעם בליק, די ליכטיגע אויגען, דעם שטערן, די פאַלדען ביי די ברעגעס פון די ליפּען — דעם פאָטערס געזיכטציגע . . .

אנעט, א צומישטע, האָט זיך אנגעטאָן א כח, זיך אנגעקליבען מיט מוטה און מיט א פאַרבלאַזער שטים, הינטער וועלכע עס איז פאַרפראָרען געוואָרען דער איבערפלוס פון געפיהלען, געזאָגט ווער זי איז און האָט אָנגערופען איהר נאָמען. סילוויא האָט געלאָזען איהר ריידען, אַלץ ווייטער באַטראַכטענדיג די שוועסטער, און האָט ענדליך מיט א פאַררייסענעם שמייכעל באַמערקט:

— איך האָב עס געוואוסט —

אנעט האָט א ציטער געטאָן:

— ווי אַזוי?

— איך האָב אייך שוין געזעהן — אָפט — מיט'ן פאָטער . . .

פאַר דעם לעצטען וואָרט האָט זי זיך אביסעל אָפּגעשטעלט. עס איז מעגליך, אַז זי האָט געוואָלט זאָגען לוסטיג: „מיט מ י י ן פאָטער", אָבער זי האָט דערפיהלט אַן איראָנישען מיטלייד צום בליק, מיט וועלכען אנעט האָט נאָכגעפאָלגט איהרע ליפּען. אנעט האָט פאַרשטאַנען, האָט אָפּגעווענדעט די אויגען און א צוטומעלטע איז זי רויט געוואָרען.

סילוויא איז ניט געווען קיין פאַרלירעריון: אין דער שטיל האָט זי הנאה געהאַט פון אָט דעם רויט ווערען פון דער שוועסטער. זי האָט ווייטער גערעדט זיך ניט איילענדיג, געלאַסען. זי האָט דערצעהלט, אַז ביי דער לויה האָט זי זיך געפונען אין קיך און האָט אַלץ געזעהן. זי האָט דערצעהלט מיט איהר זינגענדיגער שטים, אביסעל אונטער'ן נאָז, ניט אַרויסווייזענדיג קיין אויפרעגונג. אָבער אויב זי

האט געקאנט זעהן, האט אנעט געקאנט הערען, און ווען סילוויא האט געענדיגט, האט אנעט געזאגט, אויפהויבענדיג די אויגען:

— איהר האט איהם זעהר ליב געהאט?

ביידע שוועסטער האבען פריינדליך אנגעקוקט איינע די אנדערע, אבער דאס איז געווען נאר פאר איין אויגענבליק. אן אייפערזיכטיגער שאטען איז שוין אריבערגעפלויגען איבער אנעט'ס אויגען און זי האט ווייטער גערעדט:

— ער האט אייך זעהר שטארק ליב געהאט.

זי האט גאנץ אויפריכטיג געוואלט סילוויא'ן מאכען פארגעניגען, אבער געגען איהר ווילען האט איהר שטים אנגענומען א פיינדליכען אפקלאנג. סילוויא'ן האט זיך געדאכט, אז זי הערט א טאן פון גדלות, וואס זוכט זיך ארונטערצולאזען צו איהר. באלד ארויסשטעלענדיג די נעגעל האט זי באמערקט אונטערשטרייכענדיג:

— א יא, ער האט מיך זעהר געליבט.

זי האט א ווייל'ע זיך אפגעשטעלט און מיט א פריינדליכען אויס־זעהן האט זי א קראץ געטאן:

— ער האט אייך אויך זעהר ליב געהאט. ער האט מיר עס אפט געזאגט.

אנעט'ס ליידענשאפטליכע הענט, איהרע גרויסע, נערוועזע הענט האבען א ציטער געטאן און גענומען ריהרען איינע די אנדערע. סילוויא האט געקוקט אויף זיי. מיט א געדריקטער שטים האט אנעט גע־פרעגט:

— האט ער אפט גערעדט מיט אייך וועגען מיר?

— אפט — האט אומשולדיג סילוויא נאכגעזאגט.

עס איז געווען ניט גאנץ גלויבליך, אז זי זאל האבען געזאגט דעם אמת. אבער אנעט, וואס איז געווען ווייניג ערפאהרען אין באהאלטען איהרע געדאנקען, האט ניט געזוכט אריינצוווארפען א ספק אין די ווערטער פון אנדערע מענשען; און סילוויא'ס ווערטער האבען איהר אריינגעשטאכען טיף אין הארצען . . . אזוי הייסט עס, אז איהר פאטער האט גערעדט מיט סילוויא'ן וועגען איהר, אז זיי ביידע צוזאמען האבען גערעדט וועגען איהר. און זי האט ביז די לעצטע טעג וועגען קיין זאך ניט פארדעכטיגט; ער האט זיך גע־מאכט ווי כלומר'שט אפענהערציג מיט איהר און האט זי אפגענארט;

ער האָט זי געהאַלטען אַן אַ זייט; זי האָט זאָגאָר ניט געוואוסט וועגען דער עקזיסטענץ פון דער שוועסטער . . . אַזאַ אומגליקלעכקייט האָט זי נעדריקט. זי האָט זיך דערפיהלט אַ באַליידיגטע. אָבער זי האָט עס ניט געוואָלט אַרויסווייזען; זי האָט גענומען זוכען וואָפען, עס געפונען און געזאָגט:

— איהר האָט איהם גאַנץ ווייניג געזעהן אין די לעצטע יאָהרען.

— אין די לעצטע יאָהרען — האָט סילוויאַ צוגעגעבען מיט גרויס פאַרדרוס — געווים. ער איז געווען קראַנק. מען האָט איהם געהאַלטען איינגעשלאָסען.

עס איז אַריינגעטראָטען אַ פיינדליכער שווייגען. ביידע האָבען געשמייכעלט, ביידע האָבען בעגריזעט דעם צוים. אַנעט, אַ שטרענגע, מאַכענדיג אַן אָנשטרענגונג איבער זיך; סילוויאַ, אַ פאַלשע, זיך לאַש־צענדיג מיט געמאַכטע שטיק. פיהלענדיג אַביסעל דערלייכטערט דער־מיט, וואָס זי האָט זיך דערוואָרבען אַ געוויסען פאָרטייל (כאָטש זעהר אַ שוואַכען) האָט אַנעט זיך שעמענדיג אין זיך פאַר איהרע שלעכטע געדאַנקען, געפּרובירט אַריבערפיהרען דעם געשפּרעך אויף אַ מעהר האַרצליכען טאָן. זי האָט גערעדט וועגען איהר פאַרלאַנג זיך צו דער־נעהנטערן מיט יענער, וועלכער איהר פאָטער האָט אויך געליבט „אַ ב י ס ע ל". אָבער וואָס זי האָט ניט געטאָן האָט אַלץ געגען איהר ווילען באַטאָנט דעם אונטערשייד אין זייער ביידענס שיקזאַל, און האָט געגעבען צו פאַרשטעהן, אַז איהר שיקזאַל איז אַ פּריוויליגירטער. זי האָט דערצעהלט סילוויאַ'ן וועגען די לעצטע יאָהרען פון ראול; און זי האָט ניט געקאָנט זיך צוריקהאַלטען אום ניט צו ווייזען, אויף וויפיעל זי איז געווען נ אָ ה ע נ ט ע ר צו איהם. סילוויאַ האָט זיך באַ־נוצט מיט אַן אַפּשטעל אין איהר דערצעהלונג אום פון איהר זייט מכבד צו זיין די שוועסטער מיט איהרע ערינערונגען וועגען פאָטערס צובונד. און יעדע פון זיי האָט ניט ווילענדיג מקנא געווען דער צווייטער, און יעדע האָט געפּרובירט אויפהויבען דעם פּרייז פון איי־גענעם צובונד. ריידענדיג אָדער הערענדיג (ניט ווילענדיג הערען און דאָך הערענדיג) האָבען זיי פאַרטגעזעצט אַרומצוקוקען איינע די אַנדערע פון קאָפּ ביז די פיס. סילוויאַ האָט מיט פאַרגעניגען פאַר־גליכען איהרע לאַנגע פיס און דינע קנעכלאַך פון איהרע נאַקעטע, זיך שפּילענדיגע מיט די שטעק־שיך, פיאַטעס, מיט די אַביסעל צור־

קליינע פיס און אומגעלומפּערטע קנעכלאַך פון אַנעט. און אַנעט, שטודירענדיג סילוויא'ס הענט, האָט ניט פאַרפעהלט צו באַמערקען די איינצעלנע לעכלאַך אין איהרע צו ראָזעווע נעגעל. — דאָס זיינען געווען ניט פּשוט צוויי יונגע מיידלאַך, דאָס זיינען געווען צוויי פאַמיליען־קאָנקורענטקעס. יאָ, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס דער געשפּרעך האָט זיך אַזוי שווער געשלעפּט, זיינען זיי דאָך ביידע געווען ווי באַוואָפּענט מיט די אויגען און שנאָבלען און האָבען שאַרף נאָכגעקוקט איינע די אַנדערע. די ברוטאַלע שאַרפקייט פון אייפערזוכט האָט ערלויבט יעדער פון זיי טיף אַריינצודרינגען פון ערשטען בליק אָן אין די סאַמע טיפקייט פון די פעהלערן און שוואַכקייטען פון דער אַנדערער, וועלכע יענע אַליין האָט פּיליכט ניט פאַרדעכטיגט. סילוויא האָט אין אַנעט'ן אויסגעלייענט דעם טייוועל פון גאוה, אַ שטרענגקייט פון פּרינציפּען, און אַ דעספּאָטיזם, וואָס האָט דערווייל ניט געהאַט קיין געלעגענהייט זיך אַרויסצואווייזען. אַנעט האָט אויסגעלייענט אין סילוויא'ן אַן איינגעבאָרענע טרוקענקייט פון דער נשמה און אַ זאָרגלאָזע פאַלשקייט. מיט צייטען שפּעטער, ווען זיי האָבען איינע די אַנדער ליב געקראָגען, האָט זיי געקאָסט גרויס טרחה צו פאַרגעסען דאָס, וואָס זיי האָבען דעם ערשטען מאָל אויסגעלייענט איינע ביי די אַנדערע. איצט האָט זייער פיינדזעליגקייט געקוקט דורך פאַרגרעסערונגס־גלעזער. עס זיינען געווען מאָמענטען, ווען זיי האָבען איינע די אַנדערע געהאַסט. אַנעט האָט געטראַכט מיט אַ שווערען האַרצען:

— דאָס איז ניט גוט, דאָס איז ניט גוט. איך דאַרף ווייזען אַ ביישפּיל.

איהרע אויגען האָבען אַרומגעקוקט דאָס באַשיידענע צימער, די פענסטער, די פאָרהאַנגען פון שפּיצען, די דעכער און קוימענס פון אַנטקעגענדיגע הייזער, וואָס זיינען געווען באַלויכטען פון דער לבנה, דעם צווייגעל פון מאַי־בלומען אין דעם צוקראַצטען קרוג.

וואָס קעלטער אויסערליך, אַלץ שטאַרקער האָט געפלאַקערט איהר האַרץ. זי האָט פאַרגעלייגט סילוויא'ן איהר פריינדשאַפט און הילף... סילוויא האָט פאַרעכטליך — מיט אַ ניט גוטען שמייכעל אויף די ליפּען — אויסגעהערט און גאַרניט געענטפערט . . . אַנעט, אַ באַליידיגטע, זעהר שלעכט פאַרדעקענדיג די באַליידיגונג, וואָס איהר שטאָלץ און אויפקומענדע ליבע האָבען געליטען, האָט פּלוצלונג זיך אויפגע־

הויבען. ביידע האבען זיך צוגעווארפען מיט באנאל־ליבליכע באגרי־סונגען. און אנעט איז מיט טרויער און דאנק אין הארצען ארויס.

אבער ווען זי איז דורכגעגאנגען דעם קארידאר, וואס איז געווען אויסגעפלאסטערט מיט ציגעל, און האט זיך שוין גענומען ארונטער־לאזען די טרעפ, איז סילוויא איהר נאכגעלאפען אין איהרע קליינע שטעקשיך, פון וועלכע איינע איז געבליבען ליגען אויפ׳ן שוועל, און האט פון הינטען ארומגעכאפט אנעט פאר׳ן האלז. אנעט האט זיך אומגעקערט, א געשריי טוענדיג פון אויפרעגונג. זי האט ארומגע־נומען סילוויא׳ן מיט א ליידענשאפטליכער הינרייסונג. סילוויא האט אויך א געשריי געטאן, נאכלאזענדיג פון דער קראפט פון איהר אומ־ארמונג. זייערע ליפען האבען היים זיך צוזאמענגעגאסען. פארליבטע ווערטער, צערטליכער ברומען. דאנק, פארשפרעכען, אז זיי וועלען באלד ווידער זיך צוזאמענטרעפען . . .

זיי זיינען זיך פארנאנדערגעגאנגען. לאכענדיג פון גליק, האט אנעט, ווי עם האט אויסגעוויזען, אליין ניט געוואוסט ווי אזוי זי איז ארונטער די טרעפ. פון אויבען האט זי געהערט אן אינגעלשען פייף, מיט וועלכען מען רופט די הינט, און סילוויא׳ס שטים, וואס האט ארויסגעשעפטשעט:

— אנעט.

אנעט האט אויפגעהויבען דעם קאפ און האט גאנץ אויבען דער־זעהן אין א ליכטיגען קרייז סילוויא׳ס ארויסגעשטעקטע, לאכענדיגע פנימ׳ל:

— כאפ! . . .

זי האט גלייך אין פנים אריין באקומען א רעגען פון טראפענס און דעם נאסען צווייגעל, וועלכען סילוויא האט איהר געשיקט — און האט פון איהר זייט איהר מיט ביידע הענט געשיקט א קוש . . .

סילוויא איז פארשוואונדען. אנעט, פארווארפענדיג דעם קאפ, האט איהר נאך אלץ געזוכט, ווען יענע איז שוין ניט געווען. זי האט צוזאמענגעדריקט אין האנט דעם נאסען צווייגעל און א קוש געטאן.

ניט קוקענדיג אויף דעם ווייטען מהלך און אויף דאס, וואס אין אזוינע שפעטע שטונדען זיינען אייניגע גאסען געווען ניט זיכער, איז זי געגאנגען צוריק אהיים צופוס. זי איז געווען גערייט צו טאנצען. קומענדיג אהיים א גליקליכע און פארמאטערטע, האט זי זיך ניט אוועקגעלייגט ביז זי האט ניט אריינגעשטעלט די בלומען אין א וואזע לעבען איהר בעט. און ווידער איז זי אויפגעשטאנען אום זיי ארויסצושלעפען און — ווי ביי סילוויא'ן — זיי אריינצו־שטעלען אין א קרוג. זיך ווידער אוועקלייגענדיג, האט זי געלאזען דעם לאמפ ברענען, אזוי ווי זי האט ניט געוואלט זיך שיידען מיט דעם היינטיגען טאג. אבער פלוצלונג, אין מיטען נאכט האט זי זיך אויפגעכאפט אן אומרוהיגע. די בלומען זיינען געווען דא אויף אן ארט. הייסט עס, אז עס איז ניט געווען קיין חלום — זי האט טאקע באמת געזעהן סילוויא'ן . . . זי איז ווידער איינגעשלאפען אויף דער ברוסט פון דער ליבער געשטאלט.

די פאלגענדע טעג זיינען געווען פול מיט דעם זשוזשען פון די ביהנען, וואס האבען געבויט א נייעם ביהנשטאק. אזוי ווי די מחנה ביהנען, וואס קלייבען זיך ארום דער נייער קעניגין, האט אנעט גע־בויט א נייע צוקונפט ארום דער פון איהר געליבטער סילוויא. דער אלטער ביהנשטאק איז אפגעליידיגט געווארען. די קעניגין איז גע־שטארבען. זיך קלייבענדיג דורכצופיהרען דעם דאזיגען הויף־איבער־קעהרעניש, האט איהר ליבענד הארץ זיך געוואלט איינריידען, אז די ליבע צום פאטער האט זי געבראכט צו סילוויא'ן, אז זי וועט איהם פון דאס ניי דארט געפינען. אבער אנעט האט גוט געוואוסט, אז זי האט זיך מיט איהם צושיידט.

דער הערשענדער רוף פון דער נייער ליבע, וואס שאפט און צו־שטערט, די עראינערונגען אן פאטער זיינען אומ'ברחמנות'דיג דער־ווייטערט געווארען. די צוגעוואוינטע זאכען — פארשטופט. מיט

דער פולער פאַרזיכטיגקייט — די פרומע האַלב־טונקעלקייט פון צי־מער, וואו זיי איז ניט פאַרגעשטאַנען קיין אַפטע אומרוה. דער כאַלאַט איז באַהאַלטען געוואָרען אין דער טיפעניש פון אַלטען שאַף. איהם צוזאַמענלייגענדיג, האָט אַנעט איהם, אין אומענטשלאָסענקייט, ווידער אַרויסגעצויגען, האָט זיך צוגעדריקט צו איהם מיט איהר באַק, נאָכ־הער, זיך דערמאָנענדיג פּלוצלונג אַן דער באַליידיגונג, האָט זי איהם ווידער אַפּגעשליידערט פון זיך. די ניט לאָגישקייט פון ליבע! ווער פון זיי ביידען האָט דעם אַנדערען פאַרראַטען? . . .

אַנעט איז געווען פאַרליבט אין איהר ניי־געפונענער שוועסטער. זי האָט איהר דאָך גאַרניט געקענט; אַבער פון דעם אויגענבליק ווי מען הויבט אָן צו ליבען באַקומט אַזאַ ניט־באַקאַנטשאַפט אַ באַ־זונדערען חן. דער סוד פון דעם אומבאַקאַנטען פאַרשטאַרקט דעם צויבער פון דעם, פון וועמען דו טראַכסט אַז דו ליבסט. אַנעט האָט געוואָלט געדיינקען וועגען דער סילוויא וואָס זי האָט געזעהן, נאָר דאָס וואָס איז איהר געפעלען געווען. אין געהיים האָט זי זיך מודה געווען, אַז דאָס ענטשפּרעכט ניט אין גאַנצען דער ווירקליכקייט. אַבער ווען זי האָט אויף אַן עהרליכען אופן געפּרובירט פון דאָס ניי דער־זעהן די שאָטען־זייטען פון דעם בילד, האָט זי געהערט די טריט פון די קליינע שטעק־שיך איבער'ן קאָרידאָר און די נאַקעטע הענט האָבען זיך אַרומגעוויקעלט איבער איהר האַלז.

סילוויא וועט קומען. זי האָט פאַרשפּראָכען . . . אַנעט האָט אַלעס צוגערייט אום זי מקבל פּנים צו זיין. וואוהין וועט זי איהר אַריינפיהרען? — אַהין אין איהר ליבען צימער. סילוויא וועט זיך דאָרט אוועקזעצען אויפ'ן באַליבטען אָרט, פאַר'ן אָפענעם פענסטער. אַנעט האָט געקוקט אויף דער שוועסטער מיט איהרע אייגענע אויגען און האָט פּשוט זיך געפרייט ווי זי וועט יענער קאָנען ווייזען איהר הויז, איהרע קליינינקייטען, איהרע בוימער, וואָס זיינען אַנגעטאָן אין אַ צערטליכען בלעטער־געוואַנט און דער אויסבליק אויף די בליהענדע בערגלאַך, צו טיילען מיט איהר איהר באַקוועמליכקייט און לוקסוס — זי האָט זיך געפרייט מיט דעם געדאַנק מיט דער פולער פרישקייט פון גאַנץ נייע איינדרוקען. נאָר מיט אַמאָל האָט זי אַ טראַכט געטאָן, אַז סילוויא'ס בליק וועט פאַרגלייכען איהר אייגענעם צימער מיט דעם בוליאַנער הויז. די פרייד איז פאַרטונקעלט געוואָרען. אָט די ניט־

גלייכקייט האט זי געדריקט, אזוי ווי דאס וואלט געווען איהר אייגענע שולד . . . צי האט זי דען ניט קיין מעגליכקייט עס אויסצוגלייכען, איינלאדענדיג סילוויא׳ן זיך צו באנוצען מיט די פארטיילען, וואס דער שיקזאל האט איהר געגעבען? . . . אבער דאס האט געהייסען פאר־כאפען אן אנדער פארטייל. אנעט האט פאראויס געפיהלט, אז יענע וועט איהר ניט נאכגעבען אהן ווידערשטאנד. זי האט זיך דערמאנט אן דאס איראנישע שווייגען, מיט וועלכען סילוויא האט באגעגענט איהר ערשטע איינלאדונג. מען דארף שאנעווען איהר עמפפינדליכ־קייט. ווי אזוי זאל זיין? . . . אנעט האט אין איהרע געדאנקען אויסגעפרובירט פיער אדער פינף פלענער. קיין איינער פון זיי האט איהר ניט באפרידיגט. זי האט צעהן מאל איבערגעביטען די ארדנונג אין צימער; פארנאנדערשטעלענדיג מיט א קינדישער פרייד די טייער־סטע זאכען, האט זי זיי ווידער אוועקגעטראגען, איבערלאזענדיג נאר די איינפאכסטע. זי האט ניט דורכגעלאזען קיין איין קליינינקייט — קיין בלימעל ניט אויף דער עטאזשערקע, קיין פלאץ ניט פאר א בילד — וועגען אלץ האט זי ארומגעטראכט. אבי נאר סילוויא זאל ניט קומען פריהער, איידער אלץ וועט זיין אין ארדנונג. — אבער סילוויא האט זיך גאר ניט געאיילט; און אנעט האט געהאט גענוג צייט אלץ נאכ־אמאל און נאכאמאל איינצושטעלען און איבערצושטעלען. זי האט באמערקט, אז סילוויא לייגט אלץ אפ דאס קומען; אבער זי וועט זיך באנוצען דערמיט אום וואס עס איז צו פארריכטען אין איהרע פלענער. אז אומבאוואוסטזיניגע קאמעדיע! זי האט זיך אליין אפ־געניארט. זי האט זיך אליין אפגענארט צושרייבענדיג א באדייטונג צו אלע קלייניגקייטען. אט די גאנצע אויפרעגונג, דאס איינשטעלען און צונויפשטעלען, זיינען געווען נאר א פארוואנד אום אפצונארען אן אנדער אויפרעגונג — די אויפרעגונג פון דעם פארליבטען געדאנק, וואס האט פראטעסטירט געגען דער צוגעוואוינטער ארדנונג פון איהר אויסגערעכענט לעבען.

דער פארוואנד איז אויסגענוצט געווארען פאלשטענדיג. דעם מאל איז אלץ געווען פארטיג. און סילוויא איז אלץ ניט געקומען. אנעט האט זי שוין צעהן מאל געהאט באגעגענט אין איהר פאנטאזיע. זי איז אן אויסגעמאטערטע געווארען פון ערווארטונג . . . זי האט דאך אליין ניט געקאנט געהן צו סילוויא׳ן! און וואס וועט זיין אויב

קומענדיג צו סילוויאַ'ן וועט זי אויסלייענען אין איהרע אומעטיגע אויגען, אַז זי קאַן זיך באַגעהן אָהן איהר אויך גאַנץ גוט! ביי דעם איין געדאַנק פלעגט אַנעט'ס שטאָלץ אָפּרינען מיט בלוט . . . בעסער זי קיינמאָל מעהר ניט זעהן, איידער אַזאַ דערנידערונג! . . . און דאָך . . . זי האָט שנעל זיך באַשלאָסען, און האָט זיך אַנגעטאָן אום צו געהן אויסזוכען די וואָס האָט איהר פאַרגעסען. אָבער זי האָט נאָך ניט באַוויזען צו פאַרשפּילען די הענטשקעס, ווי איהר מוט איז פאַרלאָרען געגאַנגען; און מיט אונטערגעהאַקטע פיס האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויפ'ן שטוהל אין פאַרצימער ניט וויסענדיג וואָס צו טאָן.

און פונקט צו יענער צייט — ווען זי איז געזעסען ביים טיר מיט דער הוט אויפ'ן קאָפּ, זייענדיג גרייט צו פאַרלאָזען דאָס הויז און זיך ניט קאָנענדיג באַשליסען אויף דעם — גראָדע דעמאָלס האָט סילוויאַ אָנגעקלונגען . . .

פון דעם קלונג ביז דאָס עפענען די טיר זיינען ניט אַוועק קיין צעהן סעקונדעס. אָט די שנעלקייט און אַנעט'ס ענטציקטע אויגען האָבען סילוויאַ'ן געוויזען, אַז מען האָט זי ערוואַרט. נאָך פריהער, איידער זיי האָבען אַרויסגערעדט אפילו אַ וואָרט, האָבען ביידע מאָר־דעטשקעס שוין זיך געקושט אויפ'ן שוועל. אַנעט האָט מיטגעשלעפּט סילוויאַ'ן איבער די צימערן, ניט אַרויסלאָזענדיג איהר האַנט און האָט זי פאַרשלונגען מיט די אויגען, לאַכענדיג אויפ'ן קול, נאַריש, ווי אַ גליקליך קינד . . .

אַלץ איז פאַרגעקומען אַנדערש ווי זי האָט זיך פאַרגעשטעלט. קיין איינציגע פון די צוגעגרייטע פראַזען האָבען ניט געטויגט. זי האָט אַוועקגעזעצט סילוויאַ'ן אויף דעם צוגעגרייטען פּלאַץ. זיי האָבען ביידע זיך אַוועקגעזעצט איינע לעבען די אַנדערע אויף דער זאָפע, מיט'ן רוקען צום פענסטער און אויג נעגען אויג. ריידענדיג און ניט הערענדיג, האָבען זיי גענומען ריידען מיט די בליקען.

אַנעט: — ענדליך! הייסט עס, אַז דו ביזט דאָ?

סילוויאַ: — דו זעהסט דאָך, אַז איך בין געקומען! . . .

דערביי האָט סילוויאַ, אַרומקוקענדיג זיך, אַנעט'ן אַ פרעג געטאָן:

— איהר האָט זיך געקליבען אויסצוגעהן?

אַנעט האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ, ניט וועלענדיג זיך

אריינלאזען אין ערקלערונגען. סילוויא האט נום פארשטאנען און זיך איינבויגענדיג האט זי געשעפטשעט:

— דו האסט געוואלט געהן צו מיר?

אנעט האט א ציטער געטאן און זיך צובויגענדיג מיט'ן באק צו דער שוועסטערס פלייצע, האט זי שטיל געזאגט:

— שלעכטע!

— פארוואס? — האט סילוויא געפרעגט, קושענדיג מיט דעם ווינקעל פון איהרע ליפען אנעט'ס העלע ברעמען.

אנעט האט ניט געענטפערט. סילוויא האט געוואוסט דעם ענטפער, קוקענדיג אויף אנעט'ן, וואס האט איצט אויסגעמיטען איהר בליק. א פראכטפולע מיידעל! איהר הינרייסונג איז געווארען געבראכען. אן אומערווארטעטע שעמעוודיקייט האט זיך אראפגעלאזט אויף איהר ווי א נעץ. זיי זיינען געזעסען אומבאוועגליך, די עלטערע שוועסטער — זיך אנשפארענדיג אויף דער פלייצע פון דער איינגער־רער, וואס איז געווען צופרידען דערמיט, וואס זי האט אזוי גיך איהר הערשאפט באפעסטיגט . . .

נאכהער האט אנעט אויפגעהויבען דעם קאפ, אוןביידע האבען באהערשט זייער ערשטע אויפרעגונג און האבען זיך אוועקגעלאזען ריידען ווי צוויי אלטע פריינדינס.

דעם מאל האבען זיי ניט געהאט קיין פיינדליכע אבזיכטען. פארקערט, זיי האבען געוואלט איינע די אנדערע זיך איבערגעבען . . . אבער דאך ניט ביז צו ענד. זיי האבען געוואוסט, אז יעדע פון זיי באזיצט עפעס אזוינס, וואס מען דארף ניט ארויסשטעלען. זאגאר ווען דו ליבסט? געווים? יא, דוקא ווען דו ליבסט. נאר וואס איז עם איינענטליך אזוינס? יעדע איינע פון זיי, עפענענדיג און באַהאלטענדיג זייערע סודות, האבען דערטאפט דעם גרעניץ ביז וואנעט דעם צווייטענס ליבע וועט געהן. און ניט איין ווידוי, וואס האט זיך אנגעהויבען זעהר אויפריכטיג, האט מיט אמאל אנגעהויבען ווערען אומבאשלאסען אין מיטען פון א זאץ און האט אויף א שעהנעם אופן זיך פארוואנדעלט אין א ליבען ליגען.

זיי האבען איינע די אנדערע ניט געקאנט. אין פיעל זאכען אין

איינע פאַר די אַנדערע געווען אַז אומפאַרשטענדליכער רעטעניש: צוויי נאַטורען, צוויי וועלטען, פרעמדע איינע צו די אַנדערע, ניט קוקענדיג אויף אַלץ.

סילוויא האָט איז דער באַגעגעניש (זי האָט וועגען דעם געטראַכט פיעל מעהר ווי זי האָט זיך געוואָלט מודה זיין) זיך באַמיהט צו זיין באַצויבערנדיג, אויף וויפיעל זי האָט עס געקאָנט. און געקאָנט האָט זי אַ סך מאָן פאַר דעם. אַנעט איז געווען באַצויבערט און צו דער־זעלבער צייט אַביסעל אויך צומישט פון געוויסע אויסדרוקען פון ביטערער קאָקעטסטוואָ, ביי וועלכער זי האָט זיך ניט געפיהלט מיט אַלעמען. סילוויא האָט עס באַמערקט, ניט פּרובירענדיג עפּעס וואָס ענדערן איז דער לאַגע: אַט די עלטערע שוועסטער, אַז אומאַפּהענגיגע און נאַאיווע, אַ ברענענדיגע און צוריקגעהאַלטענע, האָט איהר אי צור־געצויגען, אי געשטעלט איז פאַרלעגענהייט (צוהערענדיג זיך צו איהר פּלוידעריי, האָט מען עס ניט געקאָנט ערוואַרטען!) ביידע זיינען זיי געווען באַשאַנקען מיט אַ גוטען חוש און ביידע זיינען זיי געווען זעהר גוטע באַאָבאַכטערינס; זיי האָבען ניט דורכגעלאָזען קיין איין בליק, קיין איין באַמערקונג ניט. זיי זיינען נאָך ניט געווען זיכער איינע מיט די אַנדערע. מיסטרויאישע און עקספּאַנסיווע האָבען זיי ניט געוואָלט איינע פאַר די אַנדערע עפענען זייערע נשמות. יאָ, אָבער זיי האָבען ניט געוואָלט געבען אָהן דעם צוריק צו באַקומען. אין דער און אין יענער איז געזעסען אַ קליינער טייוועל פון שטאָלץ. ביי אַנעט איז ער געווען שטאַרקער. אָבער די הינרייסונג פון ליבע איז אויך געווען ביי איהר שטאַרקער. און זי האָט זיך פאַרראַטען. ווען זי האָט געגעבען מעהר וויפיעל זי האָט געוואָלט, איז עס געווען אַ נידערלאַגע, פון וועלכער סילוויא האָט געהאַט גרויס הנאה. אַט אַזוי האַנדלען צוויי געשעפטסלייט, ווען זיי ברענגען מיט דעם פאַר־לאַנג זיך צוזאַמענצורייידען און דאָך באַוועגען זיי זיך לאַנגזאַם זיך ארומקוקענדיג און פאַרזיכטיג אויפּכאַפּענדיג יעדעס וואָרט.

דער דועל איז געווען ניט קיין גלייכער. סילוויא האָט זעהר שנעל פאַרשטאַנען אַנעט'ס געפיהל — באַפּעהלענד און זיך איינבער־טענדיג. זי האָט עס פאַרשטאַנען בעסער ווי אַנעט אַליין. זי האָט ניט אונטערזוכט; ניט אַרויסווייזענדיג עס, האָט זי זיך מיט איהר סאַמעטענער לאַפּקעלע געגומען שפּילען מיט דער שוועסטער. אַנעט

האט זיך דערפיהלט אַ באַזיגטע. זי האט זיך אַי געשעמט און אַי עס איז איהר פריילאך געווען.

אויף סילוויאַ'ס פאַרלאַנג האט זי איהר געוויזען דאס גאַנצע הויז. אַליין וואָלט זי עס ניט געטאָן. זי האט מורא געהאט יענע צו באַליידיגען, אַרויסשטעלענדיג אַל דאס גוטס, וואָס זי האט פאַר־מאַגט; אָבער צו איהר באַרוהיגונג האט סילוויאַ ניט אַרויסגעוויזען קיין אומבאַקוועמליכקייט. זי האט זיך אויסגעצייכענט געפיהלט, איז געגאַנגען אַהין און צוריק, האט אַרומגעקוקט און אַרומגעטאַפּט, אַזוי ווי זי וואָלט געווען ביי זיך אין דער היים. גיכער האט אַנעט זיך געפיהלט אומבאַקוועם מיט אַט דער פאַלשטענדיגער אומפאַרשעמט־קייט, און צו דערזעלבער צייט האט איהר געפרייט יענערס צערט־ליכקייט. פאַרבייגעהענדיג פאַרביי די שוועסטערס בעט, האט סילוויאַ אַ קליינעם פריינדליכען פּעטשעל געטאָן דער קישען. זי האט מיט נייגעריגקייט אַרומגעקוקט דעם טואַלעט־טיש, מיט איין בליק האט זי געַנוי דורכגעמושטערט די פלעשלאַך, האט צעשטרייט דורכגעקוקט די ביבליאָטעק, איז ענטציקט געוואָרען פון אַ פּאָר פּאַרטיערען, האט קריטיקירט דעם פוטעל, האט אויסגעפּרובירט אַ צווייטען, האט אַריינ־געשטעקט דעם נאָז אין האַלב־אָפענעם שאַף, האט אַרומגעטאַפּט די זיידענס פון קלייד, האט זיך אַריינגעזעצט אין אַ נידעריגען שטוהל לעבען בעט, אום ווייטער אַנצוגעהן מיט'ן געשפּרעך. אַנעט האט איהר פאַרגעשלאַגען טיי, אָבער סילוויאַ האט פאַרגעצויגען צוויי גלעזלאַך פון זיסען וויין. פאַרנאַנדערדרייבענדיג מיט'ן שפּיץ צונג די געבעקס, האט סילוויאַ אַ קוק געטאָן אויף אַנעט, וואָס האט זיך געשלאָגען מיט דער דעה, יאָ צו ריידען, אָדער ניט. עס האט זיך איהר שטאַרק געוואָלט זאָגען דער עלטערער שוועסטער:

— נו, רייד שוין!

ענדליך האט אַנעט זיך באַשלאָסען און מיט אַ געוויסער שאַרפ־קייט, וואָס איז אַרויסגעקומען פון אַ צוריקגעהאַלטענער צערטליכקייט, האט זי פאַרגעלייגט סילוויאַ'ן צו וואוינען ביי איהר. סילוויאַ האט אַ שמייכעל געטאָן, איז אַנטשוויגען געוואָרען, האט אַרונטערגעשלונגען אַ שטיקעל, האט איינגעטונקט אין דעם וויין אַ שטיקעל געבעקס, צו־זאַמען מיט די פינגער, און האט ווידער פריינדליך אַ שמייכעל געטאָן, און דאַנקענדיג מיט די אויגען און מיט אַ פולען מויל, האט זי אַ שאָקעל

געטאן מיט'ן קאפ, ווי מען טוט, ווען מען רעדט מיט קינדער, און נאכהער האט זי געזאגט:

— ליבע . . .

און האט זיך ענטזאגט.

אנעט האט גענומען באשטעהן אויף איהר פארשלאג; זי האט אויסגענוצט דעם גאנצען כח פון איהר ווילען אום ארויסצוקריגען א צושטימונג. איצט האט סילוויא פון איהר זייט ניט געוואלט ריידען. זי האט זיך אנטשולדיגט מיט האלבע ווערטער, מיט א פריינדליכער שטים, אביסעל צומישט און איראניש . . . (זי האט איצט זעהר שטראק ליב געקראגען אט די ליידענשאפטליכע, צערטליכע און אפענהערציגע עלטערע שוועסטער.) זי האט געזאגט:

— איך קאן ניט.

אנעט האט א פרעג געטאן:

— פארוואס קענסטו ניט?

סילוויא האט געענטפערט:

— איך האב א גוטען פריינד.

אין ערשטען אויגענבליק האט אנעט ניט פארשטאנען, נאכהער האט זי שוין צו גוט פארשטאנען — און זיך געפיהלט דערפון גאר נידערשלאגען. זיך ארומקוקענדיג פון דער זייט האט סילוויא נאך אליין געשמייכעלט, האט זיך אויפגעהויבען און איז אוועק, אונטער דאס צווייטשערן פון זיסע ווערטער און קושען.

אנעט איז געבליבן אליין אין איהר חרוב געווארענעם שלאס. זי האט געפיהלט ווי א גרויסע צרה, אן אומקלארע, וואס איז באַשטאנען פון געמישטע געפיהלען, וואלט זיך אויף איהר אראפגעלאזען. צווישען די דאזיגע געפיהלען האבען זיך געפונען אייניגע בייסענדע, אזוינע וואס זי וואלט בעסער געוואלט אויסמיידען, אבער זיי האבען אויפגעפלאקערט אין איהר און צוזאמענגעדריקט די הארץ . . . אויף איהר, וואס האט זיך געהאלטען פאר פריי פון פאראורטיילען, האט דאך דער געדאנק, אז אט די שענינקע שוועסטערל . . . ניין, דאס איז געוועזן א צו שווערער נסיון! זי איז גרייט געוועזן זיך פארנאַנדערצואווײנען . . . פארוואס? ווי נאריש עס איז! ווידער אייפערזוכט? . . . דאך ניין!

זי האט א קוועטש געטאן מיט די פלייצעס און האט זיך אויפגעהויבען. זי האט מעהר וועגען דעם ניט געוואלט טראכטען, און דאך האט זי דוקא געטראכט וועגען דעם אהן אן אויפהער . . . כדי זיך צו צעשטרייען האט זי גענומען ארומשפרייזען פון צימער צו צימער מיט גרויסע טריט. זי האט באמערקט, אז זי מאכט נאך דעם שפאציר פון איהר שוועסטער איבער איהרע צימערן. זי האט וועגען קיין אנדער זאך ניט געטראכט ווי נאר וועגען דער שוועסטער. וועגען איהר און אויך וועגען יענעם צווייטען . . . געוויס איז עס אייפערזוכט? ניין, ניין, ניין! . . . זי האט מיט כעס א טראט געטאן מיט׳ן פוס. זי וועט עס ניט דערלאזען! . . . אבער, צי זי האט דערלאזען אדער ניט, האט עס דאך זיך איינגעגעסען אין איהר הארץ. זי האט געזוכט מאראלישע מאטיווען. און זי האט זיי געפונען. זי איז באליידיגט אין איהר ריינקייט. אין איהר קאמפליצירטער נאטור, וואס איז רייך געוועזן מיט ענטגעגענגעזעצטע אינסטינקטען, וואס האבען נאך ניט געהאט קיין געלעגענהייטען זיך צוזאמענצושטויסען איינע מיט די אנדערע, האבען אויך ניט געפעהלט קיין שטרענג רעַ־

ליגיעזע און מאָראַלישע, פּוריטאַנישע געפיהלען. דאָך האָבען איהר געדריקט ניט קיין רעליגיעזע פאָראורטיילען. ערצויגען דורך אַ סקעפּ־טיקער—אַ פאָטער און אַ פריי־זיניגע מוטער אויסערהאַלב פון יעדער קירך, איז זי געוואַקסען פריי צו אורטיילען וועגען אַלץ. זי האָט ניט מורא געהאַט זיך צו אונטערוואַרפען אונטער דעם געריכט פון שכל פון וועלכען עס איז פון די געזעלשאַפטליכע פאָראורטיילען. זי האָט די ליבע אַנערקענט פאַר פריי: אין דער טעאָריע האָט זי עס פאַלשטענדיג אַנערקענט. אפּט אין געשפּרעכען מיט'ן פאָטער, אָדער מיט די פריינדינס אין שול און אין אוניווערזיטעט, האָט זי איהרע רעכטען פאַרטיידיגט. אין אָט דער פאַרטיידיגונג האָט אַ גאַנץ קליינע ראָלע געשפּילט דער פאַרלאַנג פון דער יוגענד זיך אַרויסצוואַווייזען פאַר „פּ אַ ר ג ע ש ר י ט ע ן". נייז, זי האָט באמת געהאַלטען פאַר נאַטירליך און זאָגאַר פאַר פאַרנינפטיג די פרייע ליבע. איהר איז קיינמאָל אין זינען ניט געקומען צו פאָראורטיילען יענע שענינקע פאַריזער מיידלאַך, וואָס לעבען ווי עס געפעלט זיי. פאַרקערט, זי האָט אויף זיי געקוקט מיט אַ פיעל גרעסערער סימפּאַטיע, ווי אויף די פרויען פון איהר אייגענעם, בורזשואַזען קרייז . . . טאָ וואָס האָט איהר איצט געדריקט? סילוויאַ האָט זיך באַנוצט מיט איהר רעכט . . . מיט איהר רעכט? נייז, ניט מיט קיין רעכט! זאָלען אַנדערע עס טאָן, אָבער ניט זי! . . . יענע, וועמען מען האַלט פאַר נידעריגער, ווערט מעהר ערלויבט. צו איהר שוועסטער, ווי צו זיך אַליין, האָט אַנעט געשטעלט, צי מיט רעכט, צי ניט מיט רעכט (יאָ, מיט רעכט!) די שטרענגסטע פאָדערונגען. סילוויאַ איז געזונקען, און אַנעט איז אויף איהר אין כעס געווען . . . „די איינציגע ליבע?" די ליבע צו דיר! . . . דו, ניט פאַרגינערקע, וואָס דו זאָגסט ליגען זיך אַליין! אָבער וואָס מעהר זי איז געווען אייפערזיכטיג אויף סילוויאַ'ן, אַלץ מעהר האָט זי איהר האַלט געהאַט.

דער צויבער פון דער אינגערער שוועסטער האָט אין דער שטיל פאַרטגעזעצט זיין אַרבייט. עס איז אומנוצליך זיך אויפצורעגען און צו פאַרלאַנגען אַז זי זאָל זיין אַן אַנדערע. זי איז אַזוי ווי זי איז. אַנעט האָט באַלד דערפיהלט, אַז איהר מאַטערט אַן אַנדער געפיהל: נייגעריגקייט. געגען איהר ווילען, האָט איהר געדאַנק זיך באַמיהט פאַרצושטעלען זיך ווי אַזוי סילוויאַ לעבט. זי האָט צופיעל געטראַכט

וועגן דעם. זי האט געפּרובירט זיך אוועקשטעלן אויף יענערס אָרט און זי איז געווען גאָר איבערראַשט און צומישט, זיך איבערצייי־גענדיג, אַז זי פיהלט זיך דערביי גאָר ניט אַזוי שלעכט. פאַרדרוס, צאָרן, אויפרעגונג, וואָס זי האט געפיהלט צו זיך אַליין, האָבען זי גע־מאַכט נאָך שטרענגער צו סילוויאַ׳ן. זי האט פאַרטגעזעצט צו זיין אין כעס און האט זיך אַליין פאַרבאָטען צו באַזוכען די שוועסטער.

סילוויאַ האט אויף אַ האָר זיך ניט באַאומרוהיגט וועגען דעם. דאָס וואָס אַנעט האט ניט געלאָזט הערען פון זיך קיין צייכענס פון לעבען, האט זי ניט באַאומרוהיגט. זי האט פאַרשטאַנען די עלטערע שוועסטער — זי האט געוואוסט, אַז אַנעט וועט קומען. דאָס וואַרטען האט זי ניט געדריקט. זי האט געהאַט מיט וואָס איהר האַרץ צו האַלטען פאַרנומען. ערשטענס — איהר פריינד. אמת איז, אַז ער האט פאַרנומען נאָר אַ קליין ווינקעל פון איהר האַרצען און ניט זעהר אויף לאַנג. און דערנאָך — נאָך אַזוי פיעל אַנדערע זאַכען! זי האט זעהר ליב געהאַט אַנעט. אָבער סוף כל סוף האט זי דאָך שוין אָפּ־געלעבט אָרום צוואַנציג יאָהר אָהן איהר. האט זי איצט געקאָנט וואַרטען נאָך עטליכע וואָכען . . . זי האט זיך פאַרגעשטעלט, וואָס עס קומט פאָר אין דער נשמה פון דער שוועסטער. זי האט דערפון געפיהלט אַ פרייד, צו וועלכער עס איז צוגעמישט געווען דער לעצטער טראָפּען פון פיינדליכקייט. צוויי ראָסען — קאָנקורענטקעס. צוויי קלאַסען. ניט אָרויסווייזענדיג עס, האט סילוויאַ, ווען זי איז געווען ביי אַנעט, געמאַכט אַ פאַרגלייך צווישען זייערע ביידענס לעבענס און לאַגעס. זי האט געטראַכט: פון דעסטוועגען זעהסטו, אַז אויך אויף מיין זייט זיינען פאַראַן קליינע פאָרטיילען. איך האָב דאָס, וואָס דו האסט ניט . . . דו האסט געמיינט מיך צו פאַנגען, און האסט דאָך ניט געפאַנגען . . . נו, אדרבה, פאַרקרים זיך, בלאָז אָן דיינע ליפּען! . . . איך האָב פאַרוואונדעט דיין געפיהל פון אַנשטענדיג־קייט . . . וואָס פאַר אַ קלאַפּ, מיין אָרימע אַנעט!

און, לאַכענדיג איבער די אָפּגענאַרטע האָפענונגען, וועלכע זי האט אין איהר פאַנטאַזיע אויסגעלייענט אויף דער שוועסטערס געזיכט, האט זי אַ קוש געטאָן איהר האַנט און געשיקט דער שוועסטער אַ קוש. אָבער איהר איז ניט געווען אומאַנגענעהם זיך צו זאָגען, אַז אַנעט האט געליטען דערפון, אַז עס איז איהר שווער געווען אָראָפּ־

צושלינגען אזא בייז. און ווי א קינד, וואס פירקאפריזועט זיך פאר א פולען לעפעל, האט זי געמורמעלט מיט איראניע און חוזק:

— נו אהער, קליינינקע! עפען די מיילכאלע!

עס האט זיך געהאנדעלט ניט נאר וועגען דעם וואס דאס געפיהל פון אנשטענדיגקייט האט געליטען. סילוויא האט אויסגעצייכענט געוואוסט, אז זי האט באליידיגט אנעט'ס אויך א צווייטען געפיהל, וואס עס איז איהר געווען שווערער זיך מודה צו זיין. און די מרשעת האט זיך געפרעהט דערמיט, ווייל זי האט זיך געפיהלט פאר די הערשעריז איבער איהר שוועסטער; זי וועט טאן מיט איהר וואס זי וועט וועלען . . . „ארימע אנעט! פרוביר זיך באפרייען פון מיר"! . . . סילוויא איז געווען זיכער, אבסאלוט זיכער, אז זי וועט ווערען די פאלשטענדיגע בעל־הבית'טע איבער איהר שוועסטער. לאבענדיג און דאך געריהרט, האט זי אין געדאנקען געשעפטשעט צו איהר:

— געגוג, איך וועל ניט מיסברויכען . . .

זי וועט ניט מיסברויכען? . . . און טאקע פארוואס ניט? . . . עס איז אינטערעסאנט — צו מיסברויכען! סוף כל סוף איז דאס לעבען דאך א מלחמה. דער זיגער האט אלע רעכטען! אויב דער באזיגטער איז מסכים דערצו, הייסט עס אז עס לוינט זיך איהם!

— גענוג! מען וועט זעהן!

איינמאל איז א פריהמארגנו (דאס איז געווען א מאנטאג) איז זי געגאנגען פאר איהרע געשעפטען, און האט מיט אמאל אויף דער גאס סעוור, אביסעל פאראוים פאר זיך, דערזעהן אנעט, וואס איז געגאנגען אין דערזעלבער ריכטונג. זי האט א געוויסע צייט זיך אונטערהאלטען נאכקוקענדיג און נאכפאלגענדיג איהר. אנעט איז געגאנגען מיט געוועהנליכע, גרויסע טריט. סילוויא — מיט קליינע, שנעלע, בייגיגע און טאנצענדע טריט, אפלאכענדיג פון יענערס איינגעלשען, קרעפטיגען גאנג; אבער זי האט אפגעשאצט די שעהנע הארמאניע פון דעם קרעפטיגען קערפער. האלטענדיג גלייך דעם קאפ, ניט קוקענדיג אויף די זייטען, איז אנעט געווען פארטיפט אין זיך. סילוויא האט זי אונטערגעיאגט און איז געגאנגען ווייטער גלייך מיט איהר אויפ'ן טראטואר, ניט זייענדיג באמערקט פון אנעט. נאכמאכענדיג איהר גאנג און קוקענדיג פון דער זייט אויף דער באק פון דער שוועסטער, וואס האט אויסגעזעהן ווי באצויגען מיט א שאטען פון מעלאנכאליע, האט סילוויא ניט א קעהר טוענדיג דעם קאפ שטיל א זאג געטאן:

— אנעט! . . .

אין דעם גערויש פון גאס איז שווער צו הערען. סילוויא האט קוים זיך אליין דערהערט. און דאך האט אנעט יא דערהערט. אדער, פיליכט האט זי דערפיהלט די אנוועזענהייט פון דעם איראנישען „צווייטען איך" איהרען, וואס האט זינט בער לעצטער צייט זי שווייגענדיג נאכגעפאלגט. זי האט מיט אמאל דערזעהן לעבען זיך דעם ליבען פראפיל, די שמייכלענדיג אהן ווערטער זיך באוועגענדע ליפען, די אויגען וואס האבען געקוקט פון דער זייט... זי האט זיך אפגעשטעלט מיט אזא אויסדרוק פון אומפארדעקטער פרייד, וואס האט שוין איין מאל איבעראשט און באצויבערט סילוויע'ן. שנעל אויס־

געשטערעקטע הענט. דאָס הינרייסען זיך פון איהר גאַנצען וועזען. סיל־וויא האָט א טראַכט געטאָן:

— זי וועט באַלד אַ שפּרונג טאָן!

נאָר איין אויגענבליק, און זי האָט זיך שוין באַהערשט, און כמעט מיט קעלט אַ זאָג געטאָן:

— גוט מאָרגען, סילוויאַ!

אָבער איהרע באַקען האָבען זיך צערויטעלט; איהר אָנגעצויגענ־קייט האָט ניט אויסגעהאַלטען געגען דעם אויסברוך פון געלעכטער פון דער קלייגער שוועסטער, וואָס איז צופרידען געווען מיט איהר איי־געלשען שפּאַס. זי האָט זיך צולאַכט צוזאַמען מיט יענע.

— אַ! דו האָסט מיך געכאַפּט!

סילוויאַ האָט איהר גענומען אונטער'ן האַנט און זיי זיינען גע־גאַנגען ווייטער צוזאַמען, צערטליך אויסגלייכענדיג די טריט איינע מיט די אַנדערע.

— דו ביזט שוין לאַנג דאָ? — האָט אַנעט אַ פרעג געטאָן.

— אָ! שוין אַ האַלבע שעה! — האָט סילוויאַ ערקלערט גאַנץ פעסט.

— עס קאָן ניט זיין! — האָט אַנעט פאַרטרויליך אויסגערופען.

— איך האָב נאָכגעקוקט דיינע באַוועגונגען. איך האָב אַלץ גע־זעהן. אַלץ, דו האָסט גערעדט געהענדיג.

— ניט אמת! ניט אמת! — האָט אַנעט פּראָטעסטירט — אַה, דו ליגנערקע!

זייערע הענט האָבען זיך צוזאַמענגעדריקט. זיי האָבען זיך אוועק־געלאָזען פּלוידערען וועגען דעם, וואו זיי זיינען אַקאָרשט געווען. זיי זיינען אין גאַנצען היימליך געוואָרען. אין מיטען פון דער לעבעדיגער ערצעהלונג וועגען די אויסשטעלונג פון וועש אין „באָן מאַרשע", וואו איינע פון זיי איז שוין געווען, און די צווייטע האָט געדאַרפט געהן, — אין דעם גערויש פון דער גאַס, וואָס זיי האָבען איבערגעשניטען, זיך דורכשטופּענדיג צווישען די קאַרעטעס מיט דעם זיכערען אינסטינקט פון צוויי קליינע פּאַריזערינס, האָט סילוויאַ אַ שושקע געטאָן אַנעט'ען אויפ'ן אויער:

— דו האָסט מיר ניט געגעבען קיין קוש!...

זיי זיינען שיעור ניט איבערגעפאָרען געוואָרען, אַ דאַנק אַנעט'ס

שנעלער באוועגונג. דערגרייכענדיג דעם טראָטואר האָבען זיי, ניט אויפהערענדיג צו פּלוידערן, פאַראייניגט זייערע נעזלאַך . . . איצט ענגער זיך צודריקענדיג איינע צו די אַנדערע, זיינען זיי געגאַנגען אי־בער דער גאַס וואָס האָט געפיהרט . . וואוהין האָט זי געפיהרט?

— וואוהין געהען מיר?

זיי האָבען זיך אָפּגעשטעלט, צופרידענע דערמיט, וואָס זיי האָ־בען זיך פאַרפּלוידערנדיג פאַרבלאָנדזשעט. סילוויאַ זיך איינגעשע־פּענדיג אין אַנעט'ן, האָט געזאָגט:

— זאָלען מיר צוזאַמען פרישטיקען.

אַנעט האָט זיך געשטעלט אַנטקעגען, (די אומערוואַרטקייט האָט זי צוגעצויגען, אבער אויך אַביסעל צומישט: זי איז געווען מעטאַדיש) אָנווייזענדיג, אז די אַלטע מאַמע וואַרט אויף איהר אין דער היים. אבער סילוויאַ איז פון אַזוינע קליינינקייטען ניט שטאַרק נתפּעל גע־וואָרען; זי האָט פאַרכאַפּט אַנעט'ן אום זי ניט אַרויסצולאָזען. זי האָט איהר געמאַכט אַפּטעלעפאָנירען דער מוהמען און האָט זי אַריינ־געפיהרט אין אַ באַקאַנטען מילכיגען רעסטאָראַן. פאַרביידע מייד־לאַך, באַזונדערס פאַר אַנעט, איז דער דאָזיגער באַשיידענער פרי־שטיק, מיט וועלכען סילוויאַ האָט געזוכט צו טראַקטירען איהר רייכע שוועסטער, געווען אַן אמת'ער גענוס. אַנעט (וואָס האָט עס פאַר־שטאַנען) האָט אַליין געפּונען אויסגעצייכענט. זי איז ענטציקט געווען פון דעם ברויט, פון די גוט איינגעבראָטענע קאָטלעטען. נאָך דעם זיי־נען געקומען פּאַזשימקעס מיט שמאַנט, פון וואָס זיי האָבען זיך גע־שמאַקעוועט, לעקענדיג מיט'ן צונג.

אָבער זייערע צינגער זיינען געווען מעהר פאַרנומען מיט דער פּלוידעריי, ווי מיט'ן עסען. גערעדט האָבען זיי אבער גאָר אַלץ וועגען פוסטע זאַכען, זיך איינעסענדיג איינע אין די אַנדערע מיט די אויגען, מיט דער שטים און שטודירענדיג איינע די אַנדערע. דער אינ־סטינקט האָט זיינע וועגען, קירצערע און בעסערע. זיי האָבען זיך גע־דרעהט אַרום און אַרום, זיך געדרעהט היימליך, פּונקט ווי זשומענדע פליגעלאַך, וואָס דרעהען זיך אַרום צעהן מאָל אַרום אַ טעלער, איידער צו טאָן אַ כאַפּ פון דאָס, וואָס עס איז אין טעלער פאַראַן. זיי האָבען ניט געקאָנט איינזיצען אויף אַן אָרט.

סילוויאַ האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן און געזאָגט:

— איצט דאַרף מען גײן אַרבעטן.

אויף אַנעט׳ס געזיכט האָט זיך באַוויזן אַזאַ אויסדרוק, ווי בײַ אַ קינד, בײַ וועמען מען נעמט מיט אַמאָל אַוועק די זיסיגקייטן. זי האָט געזאָגט מיט באַדויערן:

— עס איז געווען אַזוי גוט! פאַר מיר איז עס ווייניג.

— און פאַר מיר אויך — האָט סילוויאַ געענטפערט מיט אַ געלעכטער — ווען וועט עס נאָך אַמאָל זײַן?

— וואָס גיכער און אויף וואָס לענגער . . . דעם מאָל האָט זיך געענדיגט צו גיך.

— אויב אַזוי זאָלען מיר הײַנט אָוונט. קום נאָך מיר אום 6 אַזייגער און וואַרט בײַ דער טיר פון וואַרקשטאַט.

אַנעט איז געוואָרען אומרוהיג.

— מיר וועלען זײַן אַליין? . . .

זי איז געווען אומרוהיג פון דעם געדאַנק, טאָמער וועט זי דאָרט באַגעגענען יענעם „צווייטן“. סילוויאַ האָט דורכגעלייענט איהר געדאַנק.

— יאָ, מיר וועלען זײַן אַליין — האָט זי געזאָגט פון אויבען אַראָפּ מיט אַ לײַכטער איראָניע. זי האָט רוהיג ערקלערט, אַז יענער איז אַוועקגעפאָהרען צו פאַרברענגען צוויי־דרײַ טעג אין דער פּראָווינץ בײַ אייגענע. אַנעט איז רויט געוואָרען פון דעם, וואָס סילוויאַ האָט זי פאַרשטאַנען. זי האָט מעהר ניט געדיינקט, אַז נאָך נעכטען אין דער פריה האָט זי באַשלאָסען איהר אויסצודריקען איהר פולען מאָראַלישען פּראָטעסט. איצט איז איהר גאַנצע מאָראַלישע באַטראַכטונג באַשטאַנען אין דעם איין געדאַנק: „דעם אָוונט וועט ע ר ניט זײַן דאָ.“

וואָס פאַר אַ גליק! מען וועט קאָנען פאַרברענגען דעם גאַנצען אָוונט צוזאַמען.

זי האָט עס געזאָגט, אַפּלאָדירענדיג. סילוויאַ האָט געשאָקעלט מיט׳ן פוס, אַזוי ווי זי וואָלט זיך געקליבען צו טאַנצען, האָט געמאַכט אַ שפּאַסיגע העויה און געזאָגט:

— אַט זײַנען אַלע צופרידען.

זי האָט אָנגענומען אַן ערנסטען אויסזעהן, וואָרום עפּעס אַ מאַן איז אַרײַן, און זי האָט געזאָגט:

— צום ווידערזעהן, מיין טייערע.

און איז אנטלאפען ווי א פייל פון בויגען.

זיי האבען זיך באגעגענט איינינע שעה שפעטער, צווישען דעם גערויש פון דעם זארגלאזען, פליהענענדען געטומעל. פלוידערנדיג, זיך ארומקוקענדיג, טרעטענדיג מיט די פיס און פרובירענדיג זיך צו־צוקאמען פאר דעם קעשענע שפיגעלע, אדער פאר'ן שפיגעל פון אריינ־גאנג, האבען די קליינע נייטערקעס זיך אומגעקעהרט פארבייגעהענדיג פארביי אנעט און זי ארומגעקוקט מיט זייערע לעבעדיגע, נייגעריגע אויגען — און מיט צעהן טריט ווייטער זיך אפשטעלענדיג, ארויסקו־קענדיג, צוויטשערנדיג און זיך ארומדרייענדיג כדי א קוק צו טאן אויף סילוויא'ן, וואס האט זיך געקושט מיט אנעט'ן. און אנעט האט דער־פיהלט א ווייטאג — זי האט זיך איבערצייגט, אז סילוויא האט אויס־געפלוידערט זייער סוד.

זי האט אוועקגעפיהרט די שוועסטער מיטאג עסען אין בולאן. סילוויא האט אנגענומען די איינלאדונג. כדי צו שאנעווען די מוה־מען, וואס וואלט אנגעהויבען אכצען און קרעכצען, איז אויפ'ן וועג באשלאסען געווארען, אז סילוויא וועט פארגעשטעלט ווערען אלס פריינדין. דאס האט ניט געשטערט די קליינע גנב'טע, נאכ'ן עסען, ווען די אלטע דאמע, וואס איז באזיגט געווארען פון איהר צויבער, האט זיך צוריקגעצויגען אין איהר צימער, זי אנצורופען „טאנטע" מיט דעם טאן פון אן אינטימען שפאס.

אליין אין גרויסען סאד, אין א ליכטיגע זומער נאכט, צערטליך זיך ארומנעמענדיג, האבען זיי לאנגזאם זיך דורכשפאצירט, אריינ־ציהענדיג אין זיך דעם אטעם פון די פארמאטערטע בלומען, וואס ווערט אויסגעדאמפט צו ענד פון א שעהנעם טאג. ווי די בלומען, אזוי האבען אויך זייערע נשמות אויסגעדאמפט זייערע סודות. דעם מאל האט סילוויא געענטפערט אויף פראגען מיט א קלענערער פארשלא־סענקייט. זי האט דערצעהלט איהר לעבען פון קינדרוויי אן, און פרי־הער ווי אלץ — איהרע ערינערונגען אן פאטער. איצט האבען זיי גערעדט וועגען איהם ניט שטערענדיג זיך און אהן א באזונדערע קנאה. ער האט געהערט צו זיי ביידען און זיי האבען געאורטיילט וועגען איהם מיט אן איראנישען שמייכעל פון אויבען אראפ, ווי וועגען א קראנ־קען קינד, ניט זעהר א פארגינעפטיגען . . . (אלע מענער זיינען דיזעל־

בע !) — זיי זיינען ניט געווען אין כעס פאַר דעם אויף איהם . . .

— זאָג זשע, אַנעט, אויב ער וואָלט געווען אַ פאַרנינפטיגער מענש, וואָלט איך דאָך דאָ ניט געווען...

— אַנעט האָט איהר אַ דריק געטאָן די האַנט.

— אַי, ווי שטאַרק דו דריקסט !

נאָכהער האָט סילוויאַ גענומען דערצעהלען וועגען בלומען־געשעפט, ווי זי איז אַלס קינד געזעסען הינטער דעם טאַמבאַלק, צוזאַמענפלעכטענדיג צוזאַמען מיט די אַרונטערגעפאַלענע בלומען אויך איהרע ערשטע פאַנטאַזיעס — וועגען איהר ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט׳ן לעבען פון די געשפרעכען פון דער מוטער מיט איהרע קונדען; — און נאָכהער ווען דעלפין איז געשטאָרבען (סילוויאַ איז דאַמאָלסט אַלט געווען 13 יאָהר) וועגען די לעהרע ביי אַ שניידערקע, וואָס איז געווען אַ פריינדין פון דער מוטער און האָט זי גענומען צו זיך; און נאָכהער, אין אַ יאָהר אַרום, נאָך דעם טויט פון דער בעל הבית׳טע, וואָס איז געווען אויסגעמאַטערט פון דער אַרבייט (אין פאַריז ווערט מען גיך פאַרברענט !) איהרע ווייטערדיגע נסיונות: פאַרבייגעהענדיג, האָט זי געשילדערט די טיפּען און כאַראַקטערען, אַרויפשטעכענדיג מיט איין שטאָך אויף דעם שטאָף פון דער דערצעהלונג עפּעס וועלכע עס איז אַ שטריך, אַ שפּאַס, אַ ווערטעל, אַ גרימאַסע. זי האָט דערצעהלט ניט אַלץ: זי האָט אין לעבען דורכגעמאַכט עפּעס מעהר, וויפיעל זי האָט דערצעהלט, און פיליכט מעהר וויפיעל עס איז אַנגענומען צו געדיינקען. זי האָט זיך באַלוינט ביים קאַפּיטעל, וואָס האָט דערצעהלט וועגען איהר פריינד, (אויב עס וואָלטען געווען נאָך אַזוינע קאַפּיטלען, וואָלט זי ניט באַהאַלטען פאַר זיך) אַ סטודענט פון מעדיציין, וועמען זי האָט באַגעגענט אויף אַ באַל אין לאַטיינישען קוואַרטאַל (זי איז שטענדיג געווען געריייט זיך אַפּצוזאָגען פון מיטאָג עסען אָבער ניט פון צו כאַפּען אַ טאַנץ), ניט זעהר קיין שעהנער אָבער אַ וואַוילער, אַ ברונעט, מיט לאַכענדע אויגען און קנייטשען אין די ווינקלען; מיט שאַרפגעשניטענע נאָזלעכער, און מיט אַ נאָז פון אַ גוטען הונט — אַן אינטערעסאַנטער און אַ האַרציגער . . . זי האָט איהם באַשריבען אָהן שום באַגייסטערונג, אָבער מיט סימפּאַטיע, לויבענדיג זיינע גוטע מעלות, אָביסעל חוזק מאַכענדיג פון איהם און צו דער זעלבער צייט אַ צופרידענע מיט איהר אויסוואַהל. זי האָט איבערגעריסען די דערצעהלונג,

כדי זיך אנצולאכען פון געוויסע ערינערונגען וועגען וועלכע זי האט דערצעהלט און וועגען אנדערע, וואס זי האט ניט דערצעהלט. אנעט, אין גאנצען זיך פארוואנדלענדיג אין געהער, אן אויפגערעגטע און פאר־אינטערעסירטע, האט געשוויגען, אריינוואַרפענדיג פון צייט צו צייט עטליכע אומזיכערע ווערטער. סילוויא האט זי געהאלטען פאר א האנט, און מיט דער צווייטער, פרייער האנט, האט זי זי געגלעט, אזוי ווי זי וואלט פארנאנדערקלייבען פאסטשערקעס, איינע נאך די אנדע־רע מיט די שפיצען פינגער און האט ווייטער גערעדט. זי האט באַ־מערקט ווי די שוועסטער איז צורודערט, זי האט געפיהלט א ליבשאפט צו איהר און האט זיך געשפיעלט מיט איהר.

ביידע מיידלאך האבען זיך אוועקגעזעצט אויף א באנק אונטער די בוימער; אין דער אריינגעטראַטענער פינסטערניש האבען זיי איינע די אנדערע ניט געזעהן. דער טייוועל סילוויא האט זיך באנוצט דער־מיט, כדי צו דערצעהלען סצענעס אביסעל אויסגעלאסענע און ניט זעהר וויכטיגע, כדי אין גאנצען די שוועסטער צו פארשעמען. אנעט האט פארשטאנען איהר באהאלטענעם צוועק; זי האט ניט געוואוסט: צי זאל זי לאכען דערפון, אדער איהר שטראפען; געוואלט האט זיך איהר זי אויסזידלען; די שוועסטער איז געווען אזוי שעהן! איהר לאכענדע שטים האט אזוי געקלונגען, איהר פרייד האט אויסגעוויזען אזא געזונטע! אנעט האט קוים געאָטעמט, זיך באמיהענדיג ניט ארויסצואווייזען די אויפרעגונג, וועלכע די ליבעס סצענעס האבען ביי איהר ארויסגערופען. סילוויא, וואס האט געפיהלט אונטער איהרע פינגער די אויפרעגונג פון דער שוועסטער, האט זיך אפגעשטעלט, אום עס צו באנוצען פאר עפעס אן אנדער שמד־שטיק, און, זיך איינביי־געגדיג צו אנעט, איין אן נידעריגען טאן, זי נאאיוו א פרעג געטאן, צי האט זי א פריינד. אנעט האט אויפגעציטערט (זי האט עס ניט ערוואַרט) — און איז רויט געוואָרען. סילוויא'ס דורכדרינגענדע אויי־גען האבען געפרובירט ארומקוקען איהרע צוגען אין דער שיצענדער פינסטערניש; און אזוי ווי דאס איז איהר ניט געלונגען, האט זי מיט די פינגער א גלעט געטאן אנעט'ס באק...

— זי ברענט, — האט זי געזאגט לאכענדיג.

אנעט האט אומבאהאלפען זיך פארנאנדערגעלאכט און נאך מעהר זיך צורויטעלט. סילוויא האט זיך א וואָרף געטאן איהר אויפ'ן האלז.

— מיין נאַראַלע, ווי ליב דו ביזט, ניין, מען מוז חלש'ען פון גע־לעכטער פון דיר! זיי ניט בייז אויף מיר! איך שטאַרב פון געלעכטער! איך האָב דיך שרעקליך ליב! דו, האָב אויך כאָטש אביסעל ליב דיין סילוויאַ! זי איז אפילו ניט אַזאַ גרויסער אוצר, אָבער זי איז פּאָרט דיינע. אַנעט, פייגעלע דו מיין! גיב מיר דיין שנאָבעל, איך ליב דיך!...

אַנעט האָט ליידענשאַפטליך זי צוזאַמענגעדריקט אין איהרע אָרימס, אַזוי אַז ביי יענער האָט דער אָטעם פאַרכאַפּט. זיך באַפרייענדיג, האָט סילוויאַ באַמערקט אין טאָן פון אַ קענער:

— דו קאָנסט גוט אַרומנעמען. ווער האָט דיך געלערנט?

אַנעט האָט איהר פאַרשטאָפּט די מויל מיט'ן האַנט.

— מאַך ניט שטענדיג אַזוינע שפּאַסען.

סילוויאַ האָט איהר אַ קוש געטאָן די האַנט.

— זיי מיר מוחל, איך וועל מעהר עס ניט טאָן.

און זיך צודריקענדיג מיט דער באַק צו דער שוועסטערס פּלייצע, איז זי אונטערטעניג אַנטשוויגען געוואָרען, זיך צוהערענדיג צו דער שוועסטער און באַקוקענדיג דער שוועסטערס געזיכט אויף דעם אָפּשיין פון דורכזיכטיגען שטיקעל הימעל, וואָס איז ווי אין שטיקער צוריסען געוואָרען דורך די בלעטער. יענע האָט זיך איבערגעבויגען איבער איהר און שטיל גערעדט.

אַנעט האָט איהר האַרץ געעפענט. זי האָט דערצעהלט וועגען איהר איינזאַמער, גליקליכער יוגענד, דעם פריהמאָרגען פון אַ קליינער דיאַנאַ, אַ ליידענשאַפטליכע, אָבער זאָרגלאָזע, וואָס באַהערשט דאָס געוויינשטע ניט וועניגער ווי דאָס, וואָס זי באַזיצט אין דער ווירקליכקייט, וואָרום צווישען ביידען איז פאַר איהר ניטאָ קיין ווייטערער מהלך, ווי דער מהלך צווישען היינט און מאָרגען. און זי איז אַזוי זיכער מיט איהר מאָרגען, דאָס זי דערקוויקט זיך שוין פאָראויס מיט דעם ריח פון דעם מאַי־בלום, זיך ניט איילענדיג איהם אָפּצורייסען.

זי האָט דערצעהלט וועגען רוהיגען עגאָאיזם פון די אַלע יאָהרען, וואָס האָבען קיין פּאַסירונגען ניט געהאַט און וואָס זיינען פול געוועזען מיט דעם סאַק פון טרוימען. זי האָט דערצעהלט וועגען די נאָהענטקייט און די אַלץ פאַרשלינגענדע צערטליכקייט, וואָס האָט זי פאַרבונדען מיט'ן פאָטער. און אין דער צייט, וואָס זי האָט וועגען

זיך דערצעהלט, איז געשעהן א וואונדערבארע זאך; זי האט זיך אליין ענטדעקט. ווארום ביז יענער שעה האט זי ניט געהאט קיין געלע־גענהייט איהר אייגענע פארגאנגענהייט צו אנאליזירען. צייטענווייז האט זי זיך געשראקען.

זי האט איבערגעריסען איהר ערצעהלונג. אז אנדער מאל איז איהר שווער געווען צו געפינען ווערטער, און נאך אן אנדער מאל פלעגט זי אויסדריקען א געדאנק מיט ברענענדיגע, אומקלארע בילדער. סיל־וויא האט ניט שטענדיג פארשטאנען, און האט זיך אונטערהאלטען, וויינינגער הערענדיג ווי באאבאכטענדיג דעם אויסדרוק פון געזיכט, דעם קערפער, די שטים.

איצט האט אנעט זיך מודה געווען, אז זי האט געליטען פון אייפערזוכט, ווען זי האט ענטדעקט די עקזיסטענץ פון א צווייטער פא־מיליע, וועלכע דער פאטער האט פון איהר באהאלטען און וואס האט איהר באקאנט מיט דער עקזיסטענץ פון אט דער קאנקורענטקע, די שוועסטער. מיט א ליידענשאפטליכער אפענהערציגקייט האט זי ניט באהאלטען קיין זאך פון דאס אלץ, וואס האט זי געמאכט רויט צו ווערען; איהר ליידענשאפט האט ערוואכט אין דער צייט, וואס זי האט אן איהר זיך דערמאנט; זי האט געזאגט:

— איך האב דיך געהאסט! . . .

און געזאגט האט זי עס מיט אזא פייערדיגען אויסדרוק, אז זי האט זיך אפגעשטעלט, איבעראשט פון דעם קלאנג פון איהר אייגענער שטים. סילוויא, פיעל וויינינגער אויפגערעגט, אבער שטארק פאראינטערעסירט, האט אויף איהר באק געפיהלט דאס ציטערן פון אנעט'ס האנט און געטראכט:

— „דא איז באהאלטען א פלאם פייער!"

אנעט האט פארגעזעצט איהר ווידוי, וואס האט איהר טייער גע־קאסט. און סילוויא האט געטראכט ביי זיך:

— ווי לעכערליך עס איז וואס זי דערצעהלט מיר אלץ!

און זי האט געפיהלט ווי עס וואקסט אין איהר, כאטש אביסעל אן איראנישע, אבער אן אומענדליך־צערטליכע אכטונג צו דער דא־זיגער זאנדערבארער עלטערער שוועסטער און דאס האט זי באוואוינגען פריינדליך זיך צו רייבען מיט'ן געזיכט אן דער שוועסטערס האנט.

אנעט איז אין איהר דערצעהלונג דערגאנגען ביז דעם ארט, וואו

זי איז באַהערשט געוואָרען פון באַצויבערונג מיט דער שוועסטער, ניט קוקענדיג אויף דעם ווידערשטאַנד, וועו זי האָט צום ערשטען מאָל דערזעהן סילוויאַ'ן. אָבער דאָ האָט די אָפענהערציגקייט ניט גע־קאָנט גובר זיין די אויפרעגונג פון הארצען. זי האָט געפּרובירט פאַרטזעצען, און האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיך ענטזאָגענדיג עס ווידער צו פּרובירען און האָט געזאָגט:

— איך קאָן מעהר ניט . . .

עס איז אַריינגעטראָטען אַ שטיל־שוויייגען. סילוויאַ האָט גע־שמייכעלט. זי האָט זיך אויפגעהויבען, האָט צוגעלייגט איהר געזיכט צו דעם געזיכט פון דער שוועסטער און זי אָננעמענדיג פאַר דער מאָרדע, האָט זי שטיל באַמערקט:

— דיך ערוואַרט אַ גרויסע ליידענשאַפט.

— מיך! — האָט פּראָטעסטירט די צומישטע אַנעט.

סילוויאַ האָט זיך אויפגעהויבען פון באַנק, און שטעהענדיג לעבען די שוועסטער, האָט זי צערטליך צוגעדריקט איהר קאָפּ צו איהר ברוסט און געזאָגט:

— אָרימע . . . אָרימע אַנעט! . . .

אנהויבענדיג פון דעם טאג אז האבען די שוועסטער זיך שטענדיג געזעהן. עס פלעגט ניט פארביי א וואך, אז זיי זאלען זיך ניט באגעגעבען. סילוויא פלעגט אין אווענט־צייט קומען אין בולאן, אום צו טרעפען אנעט ניט פארבארייט. זעלטענער פלעגט אנעט זיך פארקלייבען צו סילוויא'ן. דורך א שווייגענדען אפמאך האט זיך אזוי איינגעשטעלט, אז אנעט זאל זיך ניט קאנען טרעפען מיט דעם פריינד פון דער שוועסטער. זיי האבען באשטעלט א באשטימטען טאג, ווען צו עסען פריהשטיק צוזאמען אין דעם מילכיגען רעסטאראן און האבען זיך אונטערהאלטען דערמיט וואס זיי האבען באשטימט צו טרעפען איינע די אנדערע אין פארשידענע טיילען פון פאריז. זיי האבעןביידע זיך גלייך געפרעהט מיט דער מעגליכקייט צו פארברייגען צוזאמען. דאס איז פאר זיי געווארען א נויטווענדיגקייט. אין די טעג, ווען זיי פלעגען זיך ניט זעהן, פלעגען די שטונדען זיך שלעפען ווי פון פעד און די אלטע טאנטע פלעגט ניט קאנען ארויסקריגען א ווארט פון אנעט און סילוויא פלעגט טיראניזירען איהר אומשולדיגען פריינד. דאס איינציגע וואס פלעגט זיי העלפען אריבערצוטראגען די ערווארטונג איז געוועזן דער געדאנק וועגען דאס אלץ וואס מען וועט קאנען ארומריידען ביים טרעפען זיך. דאס האט אבער ניט שטענדיג באפרידיגט; און קיינמאל איז אנעט ניט געוועזן אזוי גליקליך ווי אין יענעם אווענט שוין נאך צעהן א זייגער, ווען סילוויא האט אנגעקלונגען ביי איהר, ערקלערענדיג אז זי האט זיך שוין ניט געקאנט דערווארטען אויפ'ן מארגענדיגען טאג אום זי א קוש צו טאן. אנעט האט געברענט מיט דעם פארלאנג זי איינצוהאלטען ביי זיך; אבער די איינגערע שוועסטער, וואס האט זיך געשווארען אז זי קאן פארבלייבען נאר פינף מינוט, איז אנטלאפען נאך א גאנצער שעה פון פלוידעריי אהן אן אפשטעל.

אנעט האט געוואלט געבען דער שוועסטער א געלעגענהייט זיך

צו באַנוצען מיט איהר הויז און מיט איהר פאַרמעגען, אָבער סילוויא האָט קורץ און שאַרף אָפּגעשניטען אַלע אַזוינע פּראָבעס. זי האָט זיך אַריינגענומען אין איהר קליינע, איינגעשפּאַרטע קעפּעלע, אַז זי וועט ניט אַננעהמען קיין געלט־הילף. דערפאַר פלעגט זי אָהן וועלכער עס איז אַנשטרענגונג מצד דער שוועסטער אַננעהמען וועלכע עס איז אַ טואַלעט־זאַך, אָדער פלעגט „אַנטלייהען" זאַכען (און וואָס זי האָט געליהען, האָט זי שוין פאַרגעסען אָפּצוברייינגען). עס האָט זאָגאַר געטראָפען אַמאָל אָדער צוויי, אַז זי האָט איינפאַך שטילערהייט צו־געלאַטכענט געוויסע זאַכען . . . אַט אַזוי קלייניגקייטען! . . . עס איז אָבער זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז צו אַ מטבעה וואָלט זי זיך קיינמאָל ניט צוריהרען. געלט — דאָס איז הייליג. אָבער עפּעס אַ קליינע זאַך, אַ שעהנינקע, ניט טייערע זאַך . . . געגען דעם האָט זי ניט געקאָנט ביישטעהן. אַנעט האָט באַמערקט דעם שפּיל פון סאַראַקע־וואָראָנע און איז צומישט געוואָרען. פאַרוואָס האָט סילוויא עס ניט געבעטען ביי איהר? זי וואָלט געווען אַזוי גליקליך איהר צו מאַכען אַ מתנה. זי האָט זיך באַמיהט עס ניט צו באַמערקען. אָבער דער גרעסטער פאַרגעניגען פאַר די שוועסטער איז געווען זיך צו בייטען מיט בלוז־קעס, אונטעריאַקלאַך, מיט וואָס עס איז פון די וועש. אַנעט'ס ליי־דענשאַפט פלעגט דערמיט באַפרידיגט ווערען. סילוויא איז געווען אַ קינסטלערין אין דער פעהיגקייט צוצופּאַסען פאַר זיך די שוועס־טערס קליידער; און אַנעט'ס שטרענגער געשמאַק האָט זיך געביטען אונטער דעם איינפלוס פון דער שוועסטערס געשמאַק. דער רעזול־טאַט איז ניט אַלע מאָל געווען זעהר אַ געלונגענער, ווארום אַנעט פלעגט זיך אָפט אַזוי ווייט לאָזען פאַרפיהרען אין איהר ווילען נאָכ־מאַכען די שוועסטער, אַז זי פלעגט אַריבערכאַפּען די מאָס און צו־שטערען דעם סטיל, וואָס איז געווען מעהר פּאַסיג פאַר איהר אַליין. און סילוויא פון איהר זייט האָט געהאַט פאַרגעניגען דערפון און פלעגט מוזען זעהן איינצוהאַלטען איהר היציגקייט. זייענדיג אַ פּיעל מעהר געשיקטע, האָט זי פאַרשטאַנען ווי אויסצונוצען דאָס, וואָס זי האָט זיך געקאָנט אויסלערנען פון אַנעט, כאָטש זי אַליין האָט ניט געוואָלט זיך מודה זיין אין דעם: זי האָט גענומען זיך האַלטען שטרענגער, האָט אויסגעכאַפּט אַ געוויסע באַטאָנונג אין געשפּרעך, געוויסע זשעסטען און מאַנירען; אָבער זי פלעגט עס נאָכמאַכען אַזוי

קונציג, אז מען האט געקאנט זאגען, אז יענע, פון וועמען זי נעמט א מוסטער, האט עס אליין ביי איהר אנטליהען.

דאך ניט קוקענדיג אויף זייער גאנצער נאהענטקייט, האט אנעט געקאנט זיך דערוויסען נאר איין טייל פון דער שוועסטערס לעבען. סילוויא איז געווען אומאפהענגיג און האט האלט געהאט עס צו געבען פיהלען. אין אמת'ן געגומען, האט זי זיך ניט אין גאנצען ענטזאגט פון איהר קלאסען-געפיהל; זי האט זיך באמיהט צו ווייזען אנעט, אז איבער איהר קען מען ניט בעל-בית'עווען, און אז צו איהר קען מען קומען נאר דאן ווען איהר געפעלט. אויסער דעם, איז איהר ניט געבליבען אומבאמערקט, אז ווייט ניט אלץ געפעלט אין איהר דער שוועסטער און זי האט זיך דערפון געפיהלט באליידיגט. באזונדערס וואס איז שייך איהר ליבעס-פערהעלטנים. כאטש אנעט האט זיך באמיהט זיך צוצוגעוואוינען צו דער זאך, דאך האט זי ניט געקענט אין גאנצען באהאלטען די אומאנגענעהמקייט וואס דאס האט איהר פארשאפען. זי האט ענטוועדער אויסגעמיטען וועגען דעם צו ריידען, אדער זי האט זיך געצוואונגען צו ריידען וועגען דעם, ווילענדיג מיט'ן פולען הארצען מאכען פערגעניגען סילוויא'ן, אבער אין איהר טאן איז געווען עפעס אנגעשטרענגטעס, און סילוויא האט עס באמערקט און פלעגט זוכען גלייך אפצושניידען דעם געשפרעך וועגען דעם. אנעט האט עס וועה געטאן. זי האט פון טיפען הארצען געוואלט, אז סילוויא זאל זיין גליקליך אויף איהר אייגענעם שטייגער. זי האט ניט גע-וואלט ארויסווייזען, אז דער שטייגער איז ווייט ניט אזא, וואס זי וואלט געוואלט. אבער, זעלבסטפארשטענדליך, אז זי האט עס יא ארויסגעוויזען. ווען מען באזיצט שטארקע געפיהלען, איז מען ניט זעהר געשיקט. — סילוויא איז געווען בייז פאר דעם, און זי האט גענומען נקמה דורך איהר שווייגען. עס איז געווען נויטיג א צופאל, כדי אנעט זאל אין אייניגע וואכען ארום זיך דערוויסען וועגען וויכ-טיגע פאסירונגען אין לעבען פון איהר שוועסטער.

דעם אמת זאגענדיג, איז געווען אוממעגליך איינצורעדען סיל-וויא'ן, אז די פאסירונגען זיינען וויכטיג; און אפשר האבען זיי איהר טאקע נאר אויבערפלעכליך באריהרט, צוליב די בויגזאמקייט פון איהר טעמפעראמענט; אבער עס איז אויך מעגליך, אז איהר אייגענליבע האט געוואלט, אז דאס זאל זיין אזוי, מעהר ווי עס איז געווען אין

דערווירקליכקייט. אַנעט האָט צופעליג זיך דערוואוסט די נייעס אין אזא פאָרמע, אַז זייט אַ „געוויסע צייט" (עס איז אוממעגליך צו באַ־שטימען גענוי ווען : „עס איז אַן אַלטע געשיכטע" ! . . .) איז קיין פריינד מעהר ניט געווען. די פּאַרהעלטנים האָט זיך איבערגעריסען. עס האָט אויסגעזעהן, אַז סילוויא האָט זיך ניט שטאַרק גענומען צום האַרצען, אַנעט — פיעל מעהר ; אָבער זי האָט עס ווייט ניט באַ־דויערט. אויך אַז אומגעשיקטען אופן האָט זי פּרובירט זיך דערוויסען וואָס ס'איז אַזוינס פאָרגעקומען. סילוויא האָט אַ הייב געטאָן די פּלייצעס, האָט זיך פאַרנאַנדערגעלאַכט און געזאָגט :

— קיין זאַך איז ניט פאָרגעקומען. עס איז פאַרביי און דאָס אַלץ.

אַנעט וואָלט געדאַרפט זיך דערפרעהען דערמיט ; דאָך האָבען די ווערטער פון דער שוועסטער איהר גרוים צער פאַרשאַפט . . . וואָס פאַר אַ מאָדנער געפיהל ! וואָס פאַר אַ ווילדקייט ! . . . וואָס הייסט „פאַרביי" . . . אין האַרץ־אַנגעלעגענהייטען ! און זי האָט עס נאָך אַרויסגערעדט מיט אַ געלעכטער !

נאָך דער וויכטיגער נייעס איז געקומען אַ צווייטע ענטדעקונג. איין מאָל, ווען אַנעט האָט אויסגעדריקט דעם פאַרלאַנג צו באַגעג־נענען די שוועסטער ביים אַרויסגאַנג פון איהר אַרבייטס־פּלאַץ, האָט סילוויא רוהיג געזאָגט :

— ניין, ניין, איך קום אַהין מעהר ניט . . .

— וואָס הייסט ? — האָט די פאַרוואונדערטע אַנעט אַ פרעג געטאָן. — שוין לאַנג ?

— אָה ! זייט אַ געוויסע צייט . . .

(ווידער אַמאָל די זעלבע שטיק, אויסצומיידען אַ קלאָרען ענט־פער, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען צייט ! דאָס האָט געקענט מיינען מיט אַ יאָהר צוריק אָדער ערשט נעכטען !)

— וואָס זשע האָט פּאַסירט ?

— עס האָט פּאַסירט . . . דאָס, וואָס פּאַסירט יעדען יאָהר (ווי עס זינגט זיך אין לידעל : „אויף פּסח, אָדער אויף שבועות" . . .) באַלד נאָך דער „גראַנד פּרי" הויבט זיך אָן דער טויטער־סעזאָן. די בעל־הבית'טעם ווערען חזיר'יש און ווייזען אונז די טיר.

— אָבער אויב אַזוי, איז וואו ביסטו זשע ?

— אַ! אַמאָל דאָ, אַמאָל דאָרט. איך גײ, איך לויף, איך טו אַלץ צו ביסלאַך.

אַנעט איז געווען פאַרצווייפעלט.

— הייסט עס, אַז דו ביסט אַהן אַ שטעל, און זאָגסט מיר גאָרניט וועגן דעם!

סילוויא האָט געמאַכט אַ „גלייכגילטיגע" מינע, צו וועלכער זי איז שוין לאַנג געווען צוגעוואוינט. כלומר'שט גלייכגילטיג, פון אויבען אַראָפּ, האָט זי ערקלערט (כאָטש אין אמת'ן איז זי געווען זעהר צו־פרידען מיט דעם איינדרוק וואָס זי האָט געמאַכט), אַז זי נייהט ביי־ליגע קליידער פאַר געשעפטען פון פאַרטיגע קליידער, זי סטריגעוועט צוזאַמען קליידער און נייהט אויך מענערשע הויזען. (זי האָט גע־שפּאַסט דערצעהלענדיג וועגען דעם.) אָבער אַנעט האָט ניט געלאַכט. ענערגיש איז זי אַנגעגאַנגען מיט איהר דאָפּראָס, און האָט ענטדעקט, אַז די שוועסטער איז געלאָפען איבעראַל זוכען אַרבייט, און זיך גע־כאַפּט פאַר די שווערסטע און עקעלדיגע אַרבייטען. איצטער האָט זי פאַרשטאַנען פאַרוואָס די קליינע זעהט די לעצטע צייט אויס אַזוי בלאַס . . . פאַרוואָס זי פלעגט ניט קומען עטליכע טעג נאָכאַנאַנד, אויסטראַכטענדיג אומגעלומפּערטע תירוצים און ליגענס, כדי, זעלבסט־פאַרשטענדליך, צו קענען אַריינאַרבייטען שפּעט אין דער נאַכט, אויס־מאַטערען די אויגען מיט די הענט . . . סילוויאַ האָט ווייטער דער־צעהלט מיט איהר געוועהנליכען איראָנישען טאָן און געמאַכטע גלייכ־גילטיגקייט איהרע קליינע מפּלות. אָבער זי האָט געזעהן ווי די ליפּען האָבען געציטערט ביי דער שוועסטער פון כעס. פּלוצלונג האָט אַנעט אויסגעשאָסען:

— ניין! — האָט זי אויסגעשריען — דאָס איז נאָך ניט גענוג! איך קען ניט, איך קען עס ניט אַריבערטראָגען. ווי! דו זאָגסט אַז דו האָסט מיך האָלט; דו אַליין האָסט מיר געבעטען זיין פריינד, דו פּרעטענדירסט, אַז דו ביסט מיינער אַ פריינד און דו באַהאַלטסט פון מיר דאָס וויכטיגסטע וועגען זיך! . . .

(סילוויאַ'ס פּאַרריסענע ליפּעלאַך האָבען אויסגעדריקט: „אַ! אויך מיר אַ ווערדע!" . . . אָבער אַנעט האָט איהר ניט געלאָזען ריידען. דער שטראָם האָט זיך דורכגעריסען.)

— . . . איך האָב דיר געטרויט, איך האָב געגלויבט, אַז דו

וועסט מיר דערצעהלען וועגען דיינע צרות און זאָרג, פּונקט ווי איך האָב דיר דערצעהלט וועגען זיך — אַז אַלץ וועט זיין ביי אונז שותפות . . . אָבער דו האַלטסט מיך אין דער זייט, ווי אַ פרעמדע; איך ווייס קיין זאַך ניט, קיין זאַך ווייס איך ניט! ווען ניט דער צופאַל וואָלט איך קיינמאָל זיך ניט דערוואוסט, אַז דו געפינסט זיך אין אַ גערדריקטער לאַגע. דו האַלטסט אין איין זוכען אַ שטעלע, דו הרג'עסט אַוועק דיין געזונד; און דו ביסט געריים גיכער צו נעמען ווער וויים וועלכע אַרביים, איידער מיר צו זאָגען, כאָטש דו ווייסט אַז איך וואָלט געווען אַ גליקליכע דיר צו העלפען. דאָס איז מיאוס! מיאוס! דו האָסט מיר באַליידיגט. דאָס איז ניט קיין אָפענהער־ציגקייט, ניט קיין פריינדשאַפט! . . . איך וועל עס מעהר ניט דער־לאָזען! . . . ניין! קודם כל וועסטו זיך אַריבערקלייבען צו מיר ביז עס וועט זיך ענדיגען די אַרביימסלאָזיגקייט . . . — (סילוויאַ האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ אויף ניין) — . . . דו וועסט קומען, דו קענסט זיך ניט ענטזאָגען! הער זיך צו גוט, סילוויאַ, איך בעט דיך. אויב דו וועסט זאָגען ניין, וועסטו מיך קיינמאָל מעהר ניט זעהן . . .

סילוויאַ האָט זיך ניט גענומען די מיה זיך צו פאַרענטפערען אָדער צו ערקלערען. נאָר שמייכלענדיג האָט זי מיט עקשנות גע'טענה'ט דאָס איהריגע.

— ניין, ניין, מיין טייערע!

עס האָט איהר שטאַרק הנאה געטאָן, זיך צוקוקענדיג ווי אַנעט איז אויפגערעגט, ווי אַזוי זי האָט זיך איינגאַנצען פאַרלאָרען, כמעט געוויינט און איז געווען גערייט זי אַנצושלאָגען. זי האָט געטראַכט:

— זי איז אַ סך שענער.

און זיך אומקערענדיג מיט'ן רוקען, איז זי אַוועק צום פענסטער; עס האָט אויסגעזעהן ווי זי וואָלט סילוויאַ'ן מעהר ניט באַמערקט. די קלענערע שוועסטער האָט געוואַרט אַ מינוט, נאָכהער זיך אויפ־געהויבען און ווייך געזאָגט:

— צום ווידערזעהן, אַנעט.

אַנעט האָט זיך ניט אומגעקעהרט.

— זיי געזונד! — האָט זי געזאָגט.

איהרע פּויסטע זיינען געווען צוזאַמענגעדריקט. וואָלט זי זיך נור אַ ריהר געטאָן, ווייס גאָט וואָס עס וואָלט געשעהן. זי וואָלט

זיך צואווײנט, צושריען. זי האט זיך אבער ניט קײן ריהר געטאן, א שטאלצע און א קאלטע. סילוויא, אביסעל צומישט, ניט אהן מורא, אבער פארט א צופרידענע, האט אוועקגעהענדיג הינטער'ן טיר אויס־געשטעלט דעם צונג.

זי איז געווען ניט צו שטאלץ — (אביסעל האט זי זיך יא גע־גרויסט מיט איהר עקשנות). אנעט איז ניט מעהר שטאלץ געווען מיט איהר שארפקייט. אין פארצווייפלונג האט זי צו זיך גע'טענה'ט, אז זי האט איבערגעריסען דעם בריק: אנשטאט וואס זי האט גע־זאלט געדולדיג און פארשטענדיג אײנריידען סילוויא'ן, האט זי איהר כמעט ווי ארויסגעטריבען. סילוויא וועט צוריק ניט קומען. דאס איז שוין זיכער. דורך איהר האנדלונג האט זי פארמאכט די טיר פאר איהר. און זי האט זיך אליין פארבאטען די טיר ווידער עפענען. זי קען דאך ניט, נאך איהר ערקלערונג, ערשט געהן נאך סילוויא'ן. דאס וואלט דאך היישען זיך מודה זיין אין איהר נידערלאגע. איהר שטאלץ האט עס איהר ניט ערלויבט. און דער געפיהל פון גערעכטיגקייט האט עס אויך ניט דערלאזען. ווארום סילוויא האט דאך מיאוס גע־האנדעלט . . . ניין, ניין, זי וועט ניט געהן! . . .

זי האט אנגעטאן דעם הוט און אוועק גלייך צו סילוויא'ן.

סילוויא איז נאר וואס געקומען. זי האט מעלאנכאליש ארומגע־טראכט איהר פארפלאנטערטע לאגע. זי האט די גאנצע זאך גע־האלטען פאר נאריש, נאר זי האט ניט געוואוסט ווי ארויסצוקריכען פון דעם פלאנטער: ווארום זי האט ניט דערלאזען דעם געדאנקען, אז זי זאל זיך אונטערגעבען אונטער אנעט'ן, און פונקט אזוי וויניג האט זי זיך פארגעשטעלט, אז אנעט זאל זיך אונטערוואַרפען אונטער איהר. אין תוך גערעדט, האט זי געטראכט, אז די קאטשקעלע איז געווען גערעכט, אבער נאכגעבען האט זי ניט געוואלט. סילוויא איז ניט געווען גלייכגילטיג צו די ברכות פון רייכטום. יענע מיטלען, וועלכע אנעט האט באזעסען אין א פולער מאס, האבען אין איהר ער־וועקט, כאטש אומבאמערקט פאר אנדערע, א געפיהל פון יצר הרע און קנאה (דאס קען מען זיך ניט פארבאטען, אפילו ווען מען איז ניט אדער כמעט ניט קײן בעל־מקנא. צי דען קען מען זיך ענטזאגען, זייענדיג יונג, פון שעהנעם פארלאנג זיך אליין פארצושטעלען, וואס מען וואלט געטאן מיט רייכקייט, ווי אזוי מען וואלט עס געקענט

באנוצען בעסער ווי יענע, אומגעלומפערטע, וועמען אלץ פאלט אריין אין מויל פארטיגערהייט?...) און — זי האט זיך אין דעם ניט מודה געווען, אבער עס האט איהר פארדראסען אויף אנעט... דאך אויב אנעט איז אפילו געווען שולדיג, האט זי זיך באמיהט מען זאל איהר פארגעבען. אבער סילוויא האט דוקא ניט געוואלט איהר מוחל זיין... א! אין דאס אלץ איז מען זיך ניט מודה. יעדע איינע האט געזוכט צו באהאלטען פון דער צווייטער און געלאזט אויסוואקסען פינף־זעקס קליינע פארזעהענישען. מען באריהמט זיך ניט מיט זיי. מען באמערקט זיי כמעט ניט. אבער מען איילט זיך פון זיי פטור צו ווערען... דאס אמת'ע געפיהל, אין וועלכען סילוויא וואלט זיך באדארפט מודה זיין, איז געווען, אז סילוויא'ן האט זיך שטארק גע־ביינקט נאך דער רייכקייט, וואס האט איהר געפעהלט, אבער צו דער־זעלבער צייט איז איהר געפעלען געווען דער פארגעניגען פון פאר־אכטען דאס. אבער אין אמת'ן איז אין דער פאראכטונג קיין גרויס פארגעניגען ניט געלעגען און עס איז גארניט געווען נויטיג. ניין, סילוויא איז גארניט געווען גליקליך מיט איהר זיעג; עס איז ניט געווען מיט וואס זיך גרויס צו האלטען, אויב זי האט געזיעגט, שא־דענדיג זיך אליין. די איבערצייגונג איז געווען נאך טרויעריגער דער־פאר, ווייל איהר לאגע איז באמת געווען ניט פון די אנגענעהמע. עס איז איהר געווען גארניט גרינג זיך ארויסצופלאנטערן פון דער שווע־רער לאגע. די צאהל פון ארבייטסלאזע איז געווען גאנץ גרויס, און די אונטערנעמער האבען, זעלבסטפארשטענדליך, מיסברויכט דערמיט. דאס געזונט פון דער קליינער איז געווען ניט זעהר קיין גלענצענדע. די דריקענדע היץ פון א הייסען יולי־חודש, נעבכט אהן שלאף, מא־גערע שפייז, מאסענווייז אויסגעטרונקענע וואסער, דאס אלץ האט ארויסגערופען אן ענטצינדונג אין די קישקעס מיט דעזינטעריע, פון וועלכער זי איז זעהר אפגעשוואכט געווארען. אונטער דער גראטע פון דאך, וואס איז אנגעברענט געווארען פון היץ, אראפלאזענדיג די פארטקעס, האט סילוויא, א האלב נאקעטע, מיט אן ענטצונדענער הויט, געזוכט עפעס א קעלטערן ארט עס באטש מיט די הענט אנ־צוטאפען. און טראכטענדיג דערביי ווי גוט עס וואלט געווען זיך צו געפינען אין בולאנער הויז; און ניט האבענדיג קיין אנדערן פאר זיך אויף וועמען אויסצולאזען איהר גאנצען טאלאנט פון קאנען אויס־

לאכעז, האט זי געמאכט חוזק פון איהר אייגענער נארישקייט. זי האט פיין זיך אויסגעצייכענט . . . און דערצו נאך מוז דאך געזאגט ווערעז, אז, אין תוך גענומעז, איז זי געווען איינשטימיג מיט אנעט! . . . איצט האבען זיי זיךביידע פאר'עקשנ'ט . . . גאט מיינער! ווי נאריש זיי ביידע זיינען! . . . קיינע פון זיי וועט ניט נאכגעבען!

און זייענדיג זיכער אז זי וועט אין אמת'ן ניט נאכגעבען, אז זי וועט בלייבען א נאר ביז צו ענד, האט זי אונטערגעשמייכעלט, מיט א בלייכען שמייכעל. און האט פלוצלונג דערהערט אין קארידאר אנעט'ס גיכע טריט. זי האט זיי באלד דערקענט און איז אויפגעשפרונגען אויף די פיס:

— אנעט איז צוריקגעקומען! . . . ליבע מיידעל! . . .

זי האט ניט ערווארט אז יענע וועט קומען. מען זעהט, אנעט איז טאקע בעסער ווי זי.

אנעט איז שוין אריין. אין גאנצען רויט פון אויפרעגונג און פון לויפען אין היץ, האט זי ניט געוואוסט וואס זי וועט טאן; אבער ווי נאר זי איז אריין, האט זי שוין געוואוסט. ווערענדיג דערשטיקט אין דער לופט, וואס איז געווען ווי אין א קאלך־אויווען, אין דער האלב־טונקעלקייט פון צימער, האט זי פון דאס ניי דערפיהלט ווי א ליי־דענשאפטליכער צארן איז זי באפאלען. זי איז צוגעגאנגען צו סיל־וויא'ן, וועלכע האט זיך געווארפען איהר אנטקעגען, האט צוזאמענגע־דריקט איהרע פייכטע פלייצעס מיט איהרע אומגעדולדיגע הענט, און ניט ענטפערענדיג אויף איהרע קושען, האט זי ארויסגערעדט מיט א בייזער שטים:

— **איך וויל דיך אוועקפיהרען מיט זיך . . . טו זיך אן . . .** און רייד גארניט!

סילוויא האט פון דעסטוועגען פארט געפרובירט זיך אמפערן, בלייבענדיג טריי צו איהר געליבטער געוואוינהייט און זיך געמאכט ווי זי וואלט פראטעסטירען. אבער זי האט ערלויבט דער שוועסטער צו טאן מיט איהר וואס יענע וויל. אנעט האט זי אנגעטאן די קליי־דער, שיך, צוגעשפילעט דאס יאקעל, מיט אימפעט צוגעשטאכען די הוט צום קאפ און איהר אריינגעדרעהט ווי א פעקעל. סילוויא האט אליץ גע'טענה'ט: „ניין, ניין, ניין!" און כלומר'שט ארויסגעלאזען צארנדיגע געשרייען, אבער אין אמת'ן איז זי געווען ענטציקט פון

אנעט׳ס גראבער באהאנדלונג. און ווען אנעט האט גענענדיגט, האט זי אנגעכאפט די שוועסטער פאר בײדע הענט, זײ א קוש געטאן, האט אראפגעדרוקט אויף זײ דעם סליאר פון איהרע ציינדלאך און לא־כענדיג פון גליק, האט זי געזאגט:

— מאדאם שטורם . . . עס העלפט ניט! איך גיב זיך אונ־טער . . . טראג אוועק . . .

אנעט האט זי אוועקגעטראגען. זי האט זי אנגעכאפט פאר׳ן עלענבויגען מיט איהרע קרעפטיגע הענט, וואס האבען זי צוזאמענ־געדריקט ווי אין צוואנצען. זײ האבען זיך אריינגעזעצט אין א געדונגענעם אוטאמאביל — ווען זײ זײנען אנגעקומען, האט סילוויא געזאגט צו אנעט:

— איך קאן זיך מודה זײן; מיר האט זיך ביז אין לעבען אריין דאס געוואלט.

— פארוואס ביזטו געווען אזא שלעכטע? — האט אנעט נער־פרעגט בלומר׳שט בײז, אבער אין הארצען א גליקליכע.

סילוויא האט אנגענומען אנעט׳ס האנט און א קלאפ געטאן מיט דעם אײנגעבויגענעם גרויסען פינגער אויף איהר אויסגעשטעלטען שטערן.

— יא, דארט זיצט עקשנות! — האט אנעט געזאגט.

— עס איז עהנליך צו דײנער — האט סילוויא געזאגט, אנווײ־זענדיג אין שפיגעל אויף זײערע פאראײנגע׳עקשנ׳טע שטערנס. זײ האבען געשמײכעלט אײנע צו די אנדערע.

— און — האט סילוויא צוגעגעבען — מען ווייסט פון וואנען דאס קומט.

דאס צימער, וואס איז באשטימט געווען פאר סילוויא׳ן, האט שוין לאנג אויף איהר געווארט. נאך איידער זי האט געוואוסט פון דער עקזיסטענץ פון סילוויא׳ן, האט אנעט געהאלטען אנגעגרייט א שטייגעל פאר איהר צוקונפטיגער פריינדין. קיין פריינדין האט זיך ניט באוויזען; קוים א שאטען האט זיך באוויזען א צוויי־דריי מאל. אנעט׳ס כאראקטער האט איהר שארף אפגעטיילט פון אלע אנדערע. איהרע מאניערען, דא קאלטע, דא ברענענדיגע, די מעכטיגע, פלוצלונגע אויסברוכען, וואס איבערראשען אין אן איינגעהאלטענער נאטור, דאס אומגעוועהנליכע, דויערנדע און באפעהלענדע אין איהר נאטור, וואס האט, אומבאוואוסט פאר איהר אליין, געטליעט און אפגעשיינט, אפילו אין יענע שטונדען, ווען זי איז געווען דורכגעדרונגען מיט דעם פארלאנג זיך איבערצוגעבען צו א ליידענשאפטליכער היגרייסונג — דאס אלץ האט זי דערווייטערט פון די מיידלאך פון איהר עלטער, וועלכע האבען, אהן צווייפעל, זיך פארהאלטען מיט אכטונג צו איהר און (מען קאן זאגען) האבען זיך געפונען אונטער איהר השפעה, אבער זיינען פארבליבען אויף א געוויסען מהלך פון איהר און זיך באצויגען צו איהר מיט א געוויסער פארזיכטיגקייט. סילוויא איז געווען די ערשטע, וואס האט באקומען אין איהר באזיץ דעם דאזיגען שטייג. מען קאן גלויבען, אז זי האט עם אנגענומען אהן התפעלות און אז זי וואלט זיך ניט געשעמט אוועקצוגעהן פון דארט, ווען עם וואלט איהר זיך פארוועלט. אנעט האט איהר ניט פיעל געשטערט. זי איז זאגאר ניט געווען פארוואונדערט מיט דעם צימער, אין וועלכען מען האט זי באזעצט. שוין פון איהר ערשטען באזוך אז האט זי פון די פיעל איינצעלהייטען, וואס אנעט האט אין איהר ערפינדערישער צערטליכקייט צוגעטראכט און פון איהר אומגעשיקטער אויפרעגונג, פארשטאנען, אז דאס דאזיגע צימער איז באשטימט פאר איהר, סילוויא׳ן. איצט, זיך אנערקענענדיג פאר באזיגט — פאר איהר אייגענעם נוצען —

האָט זי ניט אַרויסגעוויזען דעם קלענסטען ווידערשטאַנד. נאָך שוואַך פון דער ענטצינדונג אין בויך, אָבער שוין אין דעם צושטאַנד פון געזונט ווערען, האָט די יונגע מיידעל זיך גערן געלאָזט באַלעווען פון איהר שוועסטער. דער דאָקטאָר, וואָס איז גערופען געוואָרען צו איהר, האָט געפונען, אַז זי איז בלוטאָרים און האָט געראָטען ענדערן די לופט און אָוועקפאָהרען אין די בערג. ניט זי, ניט די אַנדערע האָבען זיך ניט געאיילט צו פאַרלאָזען ביידענס נעסט, און זיי האָבען דורך זייערע ביטרע געגנג געמאַכט דעם דאָקטאָר צו זאָגען, אַז סוף כל סוף איז אין בולאָן אויך גוט און אַז אין אַ געוויסען זינען איז פאַר סילוויאַ'ן זאָגאַר בעסער זיך אַנצוהויבען ערהאָלען אין פאָלשטענדיגער רוה, איידער אין די פרישע בארג־לופט, וואָס וועט מאַכען שנעלער לויפען דאָס בלוט.

און אַזוי איז געשעהן, אַז סילוויאַ האָט געהאַט די מעגליכקייט זיך צו איבערגעבען צו פוילקייט און גאָרנישט טאָן אין בעט. ווי לאַנג האָט אַזוינס שוין מיט איהר ניט פּאַסירט! עס איז געווען אַ מחיה זיך אויסצושלאָפען וויפיעל די האַרץ האָט געגלוסט, אַנצושלאָפען זיך פאַר די אַלטע ניט דערשלאָפענע נעכט; און שפּעטער פאַר אַלץ — צו ליגען, ווען מען כאַפּט זיך אויף, אויסציהענדיג איבער די דינע, צאַרטע ליילאַכער, די פיס און די הענט, דאָס גאַנצע קערפּער, וואָס איז פול פון פאַרגליווערטער גליקזעליגקייט, און צו זוכען מיט'ן פוס אין בעט אַ קיהלען ווינקעלע. און פאַנטאַזירען, פאַנטאַזירען! . . . אמת איז, אַז די פאַנטאַזיעס זיינען ניט ווייט געגאַנגען. זיי האָבען זיך גע־דרעהט, ווי פליגען אויף דער סטעלע, זאָגאַר ניט פאַרענדיגענדיג די פּראָזען. זיי האָבען צו צוואַנציג מאָל איבערגע'חזר'ט מיט אַ זיך פלאָנטערענדיגען צונג עפּעס וועלכע עס איז אַ דערצעהלונג, אָדער אַ פאַרלאַנג, אַן עראינערונג אַן דעם אַרבייטספּלאַץ, וועגען דעם געליבטען, וועגען דער הוט. און איז רעבעטען מיטען פלעגען זיי זיך אַרונטער־לאָזען מיט דעם קאָפּ אַראָפּ אין דער אָזערע פון שלאָף . . .

— אָבער הער זשע, סילוויאַ, הער זשע! . . . (זי האָט געפּרובירט זיך קריגען אין שלאָף) דאָס איז דאָך קיין לעבען ניט . . . קריך אַראָפּ פון דאַנען!

עפּענענדיג איין אויג, פלעגט זי באַמערקען די שוועסטער, וואָס האָט זיך אַריבערגעבויגען איבער איהר און פלעגט זיך אַנשטרענגען

— (די ווערטער פלעגען מיט גרוים טרחה ארוים פון איהרע ליפּען) — אום צו זאָגען:

— אנעט! . . . וועק מיך אויף!

— אנעט פלעגט ענטפערן:

— קינד מײנס!

און פלעגט לאַכען זי אויפטרײסלענדיג. סילוויא פלעגט זיך נאַריש מאַכען:

— אַ! מאַמעלע מײן, וואָס האָב איך אַזוינס געטאָן, וואָס עס שלאָפט זיך מיר אַזוי שטאַרק?

די גאַנצע קראַפט פון אנעט'ס ליבע האָט זיך אויסגעגאָסען אין איהרע מוטערליכע אויסברוכען. זיצענדיג אויפ'ן בעט, פלעגט זי זיך פאַרשטעלען, אַז דאָס ליבע קעפּעל, וואָס זי דריקט צו איהר ברוסט, איז דאָס קעפּעל פון איהר טאָכטער. סילוויא האָט זיך אונטערגע־געבען, באַקלאַגענדיג זיך לפנים:

— ווי אַזוי זשע וועל איך איצט זיך ווידער אומקעהרען צו דער אַרבײט?

— דו וועסט מעהר ניט אַרבײטען.

— איך וועל! דאָס וועסטו ניט פּועל'ן! — פלעגט סילוויא אין כעס ווערען.

מיט אַמאָל פלעגט זי זיך אויסטשוכענען; זיך אַרויסרײסענדיג פון דער שוועסטער, זיך אוועקזעצענדיג אויפ'ן בעט, אַ צושויבערטע און צופּודעלטע, פלעגט זי קוקען דרײסט אנעט'ן אין די אויגען.

— נו, זאָל זײן אַזוי! זי מײנט, אַז איך וועל מיט געוואַלט זי אײנהאַלטען! נו, טאָכטערל מײנע, געה דיר געזונטערהייט! — פלעגט אנעט זאָגען לאַכענדיג — געה אויב דײן האַרץ געלוסט זיך אַזוי! קײנער האַלט דיך ניט!

— אויב אַזוי, פאַרבלײב איך! — האָט געענטפערט דער גײסט פון צו להכעיס, און סילוויא פלעגט ווידער פאַרזונקען ווערען אין בעט, אַ פאַרמאַטערטע פון אַנשטרענגונג.

אָבער אַזאַ גאַרנישט טאָן האָט אָנגעהאַלטען נאָר אײניגע טעג. און ווען זי האָט זיך איבערגעזעטיגט מיט'ן שלאָף, איז אָנגעקומען אַ פּעריאָד, ווען מען האָט זי ניט געקאָנט אײנהאַלטען אויף אַן אָרט. אַ האַלב־אָנגעטוענע, פלעגט זי גאַנצענע טעג זיך אַרומשלעפּען איבער

די צימערן, אין דער שוועסטערס שטעקשיך, צו ברייטע פּאַר איהרע באָרוועסע פיס; אין דער שוועסטערס שלאַפראָק, וועלכען זי פלעגט אַרום זיך אַרומדרעהען, ווי אַ טאָגע, מיט נאַקעטע הענט און איקרעם פלעגט זי אַרומוואַנדערן פון איין צימער אין אַ צווייטען און אַלץ אַרומ־קוקען. זי האָט ניט געהאַט קיין קלאָרען באַגריף וועגען „דיינס". (וועגען „מיינס" איז אַן אַנדער זאַך). אַנעט האָט איהר געזאָגט: „דו ביזט ביי זיך אין דער היים", און זי האָט די שוועסטער גע־האַלטען ביים וואָרט. זי האָט זיך גערוקט אין אַלץ. זי האָט קיין ווינקעלע ניט געלאָזען ניט אונטערזוכט. אַנעט האָט זי געכאַפּט, ווי זי האָט אריינגעשטעקט די נאָז אין איהרע פּאַפּירען, וועלכע האָבען, איבעריגענס, באַלד איהר דערעסען. יאָ, אויך די פאַרגלוישטע טאַנטע האָט דערפיהלט דעם באַפאַל פון דער קליינער, וואָס האָט ביי איהר אין צימער אַלע קעסטלאַך איבערגעוואָרפען און אַלע זאַכען איבערגע־שטעלט און מיט זיסע ריידלאַך צו דער בעל־הבית'טע (וועלכע האָט מיט שרעק נאָכגעקוקט איהר יעדער באַוועגונג), פלעגט אַלץ איבער־לאָזען אין אומאָרדנונג און די אַלטע מויד אליין פלעגט זי איבער־לאָזען אַ סקאַנדאַליזירטע און אַן פאַרצאַרנטע.

דאָס הויז איז אָנגעפילט געוואָרען מיט אַן אומרעשעפּליכען סוויסטשערן, מיט אַ פלוידעריי אָהן אַן אָנהויב און אָהן אַ סוף; אָהן אַ זינען און אָהן אַ סדר, ניט האָבענדיג קיין כח זיך אָפּצושטעלען. גאַנץ גלייך וואו, גאַנץ גלייך אין וואָס פאַר אַ קאָסטיום, זיך צוזעצענדיג אויף דער הענטעל פון אַ שטול, אָדער מיט אַ קעמעל אין האַנט, פאַר־נאַנדערקאַמענדיג די האָר, אָדער זיך אָפּשטעלענדיג אין מיטען טרעפּ, אָדער ארויסגעהענדיג אין דער פריה אין באָד־קאָסטיומען פון וואַנע, האָבעןביידע פריינדינען גערעדט, גערעדט און גערעדט; און אַ גע־שפּרעך, איינמאָל אָנגעהויבען, פלעגט זיך קאָנען פאַרציהען אויף שטונ־דען לאַנג, אָדער אויף פיעל טעג. צוליב די געשפּרעכען פלעגען זיי פאַרגעסען זיך צו געהן ליגען שלאָפען; אומזיסט האָט די מוהמע פּראָטעסטירט, געהוסט, געקלאַפּט אין סאַפיט; שטיקענדיג זיך פון געלעכטער, פלעגען זיי פּרובירען ריידען שטילער; אָבער אין פינף מי־נוט אַרום, עס הויבט זיך אָן. סילוויאַ'ס קליינער פּליית פלעגט ווידער זיך אָוועקלאָזען זינגען און עס פלעגען זיך ווידער הערען דאָ די גליקליכע, דאָ די בייזע אויסגעשרייען פון אַנעט, וועלכע האָט צו אַלץ זיך באַ־

צוויגען מיט היץ און וועמען די קליינע פלעגט קאנען קונציג ארויס־ברייננגען פון די כלים. די קלעפ אין וואנט פלעגען ווערען גאר צארנדיגער, דאמאלסט פלעגען די פריינדינען זיך באשליסען „איינצוגוועו־נען" זיך אין בעט. אבער די פלוידעריי פלעגט אנהאלטען אויך אין דער צייט פון אויסטאן זיך. די צימערן זיינען געלעגען איינע נעבען די אנדערע, די טירען פלעגען בלייבען אפען, די גרעניץ ליניע פלעגט אפט אריבערגעטראטען ווערען, און דער געשפרעך פלעגט אנגעהן אין די ספאדניצעס, און זיי וואלטען גאנצענע נעכט ווייטער גערעדט, ליגענדיג אין די בעטען, אויב דער פלוצלונג אנקומענדער שלאף וואלט ניט געמאכט א סוף צו זייער פלוידעריי. ער פלעגט זיך ארויפכאפען אויף זיי ווי א קארשון אויף א הינדעל. זיי פלעגען אנידערפאלען אויף די קישענס, מיט אפענע מיילער, אין רעכטען מיטען פון א זאץ. אנעט האט געשלאפען ווי א שטיק האלץ; איהר שלאף איז געווען א טיפער, אפט אן אומרוהיגער און שטורמדיגער, פול פון חלומות; זי פלעגט צוזאמענדרייען די ליילאכער, פלעגט ריידען פון שלאף; אבער פלעגט זיך ניט אויפכאפען. סילוויע, וועמעס שלאף עס איז געווען א לייכטער, מיט צערטליכען בראפענען — (אויב מען וואלט עס איהר געזאגט, וואלט זי זיך געפיהלט שטארק באליידיגט) פלעגט זיך אויפכאפען, זיך צוהערען, פלעגט זיך אונטערהאלטען מיט די שוועסטערס זינלאזע רייד פון שלאף, און אנדערש מאל פלעגט זי אויפשטעהן, פלעגט צוגעהן צום בעט, אויף וועלכען די אפגעשוואכטע אנעט פלעגט ליגען מיט הויך־אריבערגעצויגענע ליילאכער איבער די איינגעבויגענע קניה, און זיך אריבערבויגענדיג ביים ליכט פון נאכט־לעמפעל (ווארום אנעט האט ניט געקאנט שלאפען אהן פייער) פלעגט זי מיט נייגעריגקייט באטראכטען דער שוועסטערס שלאפענדע געזיכט, וואס איז געווען אפגעטראגען, אפגעלאזען, אבער פארט אומגעווייגליך־ליידענשאפטליך און טראגיש. זי האט דאס געזיכט מעהר ניט דערקענט . . . צי איז דאס אנעט? צי איז דאס מיין שוועסטער?

עס האט זיך איהר פלוצלונג פארוואלט זי אויפוועקען, און ארומוויקלען איהר האלז מיט די הענט.

— וועלפעלע, דו ביזט עס?

אבער זי איז געווען צו זיכער אין דעם, אז דא ליגט באמת באהאלטען א וואלף, אום צו מאכען א פערזוך זיך אין דעם צו איבערציי־

גען. ניט אַזאַ ריינע און אַ פיעל מעהר נאָרמאַלע ווי די עלטערע שוועסטער, האָט זי געשפּילט מיט פייער, ניט פאַרברענענדיג די הענט.

זיך אָנטועדיג און אויסטועדיג האָבען זיי לאַנג איינע די אַנ־דערע געשטודירט. ביי אַנעט פלעגען פאַרקומען אויסברוכען פון וויל־דער שעמעדיגקייט, און סילוויא, וואָס איז געווען סאַי פרייער און סאַי דורכזיכטיגער, פלעגט דערפון שטאַרק הנאה האָבען. ניט איין מאָל האָט אַנעט ,אויסגעזעהן קאַלט, כמעט פיינדליך; דאָ פלעגט זי זיין שאַרף־בייסענדיג, דאָ פלעגט זי זיך פאַנאַנדערוויינען גאָר אָהן אַן אור־זאַך. די שעהנע ליאַנער געזעצטקייט, מיט וועלכער זי האָט אַמאָל אַזוי שטאָלצירט, איז איצט צורונגען געוואָרען. די הויפּטזאַך איז גע־ווען דאָס, וואָס זי האָט עס בשום אופן ניט געוואָלט.

איצט פלעגט דאָס מתודה זיין זיך איינע פאַר די אַנדערע אַוועק־געהן זעהר ווייט. עס וואָלט געווען אומבאַקוועם דאָס אַלץ איבער־צודערצעהלען דאָ. דאָ זיינען יונגע מיידלאַך, וואָס ליבען איינע די אַנדערע גאַנץ נאַטירליך, רוהיג דערגאַנגען אין זייערע געשפּרעכען צו אויסגעלאַסענקייטען, וואָס האָבען אבער אין זייערע מיילער אָנגעהאַל־טען כמעט אַן אומשולדיגען כאַראַקטער, אָבער די דאָזיגע אומשולד געהט אין גאַנצען פאַרלאָרען אין פרעמדע מיילער. אין די געשפּרעכען פלעגט זיך אַרויסווייזען דער אונטערשייד צווישעןביידע נאַטורען: פרעהליכע אוממאָראַליטעט און זיכערע אין זיך אַליין גוטמוטיגקייט פון איינער און די ליידענשאַפטליכע, אומרוהיגע, מיט עלעקטרי אָנ־געלאַדענע ערנסטקייט פון דער צווייטער. עס פלעגען פאַרקומען צו־זאַמענשטויסונגען: אַנעט פלעגט פּראָטעסטירען געגען דעם זאָרט גע־שמאַק און געגען דער כמעט אויסגעלאַסענעם אופן, מיט וועלכען סיל־וויא פלעגט ריידען וועגען ליבעס־פראַגען. אַ דרייסטע ביי זיך אין האַרצען, איז זי געווען צוריקגעהאַלטען אין ווערטער, אַזוי ווי זי וואָלט מורא געהאַט צו דערהערען דאָס וועגען וואָס זי האָט געטראַכט. אַן אַנדערש מאָל פלעגט זי זיך פאַררינגלען מיט אַ שטאַרקען ריגעל פון אַ שטרענגען שווייגען, וועלכען זי האָט אַליין שלעכט פאַרשטאַנען. סיל־וויא האָט זי פיעל בעסער פאַרשטאַנען. אין די צוויי וואָכען פון לע־בען צוזאַמען, האָט זי וועגען אַנעט זיך דערוואוסט פיעל מעהר ווי אַנעט האָט אַליין געוואוסט וועגען זיך. און בשום אופן ניט דערפאַר, ווייל איהרע גייסטיגע פעהיגקייטען האָבען אריבערגעשטייגט די געוויינליכע

פעהיגקייטען פון א פשוט'ע פאריזער מיידעל פון פאלק. לאזענדיג אז א זייט איהר געפיהל פון פראקטישקייט, זעהר א פינקטליכע און טרעפענדע, פון וועלכע זי האט אבער וועניג וואס נוצען געהאט, ווייל אפט האט זי פארגעצויגען צו פאלגען איהר קאפריז — האט מען ניט געדארפט זיך פארקלייבען מיט איהר הינטער די גרעניצען פון איהר ענגער סביבה. אמת איז, אז אלץ האט איהר אמוזירט; אבער קיין זאך האט זי ניט שטארק אינטערעסירט, אויסער די מאדעס, וואס ווייסען פון טיפקייט בכלל ניט. אין אלץ וואס איז שייך קונסט און מאלעריי, מוזיק, אויסוואהל וואס צו לייענען, איז זי ניט געשטאנען העכער ווי די עהרליכע מיטעלמעסיגקייט; און אפט פלעגט זי זאגאר אזוי ווייט אויך ניט דערגרייכען. אנעט איז אפט געווען איבערראשט פון איהר גראבען געשמאק. סילוויא פלעגט עס באמערקען און זאגען:

— אך, איך בין ווידער דורכגעפאלען . . . נו, זאג זשע מיר, וואס איז אנגענומען אין אן אנשטענדיגער געזעלשאפט ? . . .

(זי פלעגט ריידען וועגען א בילד, ווי מען רעדט וועגען א הוט).

— . . . פון וואס דארף מען נתפעל ווערען ? ווי נאר איך וועל עס זיך דערוויסען, וועל איך עס טאן ניט ערגער ווי אנדערע.

אבער צייטענווייז איז זי ניט געווען אזוי נאכגיביג; זי האט עקשנות'דיג פארטיידיגט עפעס א העלד פון א ראמאן אדער עפעס א סענטימענטאלען ראמאנס, אין וועלכען זי האט געזעהן דאס לעצטע ווארט פון קונסט און געפיהל. איבעריגענס האט זי געצוואונגען די עלטערע שוועסטער אנצוערקענען די גרויסע מעלות, ריכטיגער — די קינסטלערישע מעגליכקייטען פון איין זארט קונסט, וועלכע אנעט האט ביז דאמאלסט עקשנות'דיג צוריקגעוויזען, ניט קענענדיג איהם: די מואווינג־פיקטשורס, פון וועלכע סילוויא איז געווען פאר'שיכור'ט.

עס פלעגט אויך פארקומען, אז ניט זייענדיג פעהיג צו באגרייפען די שעהנקייט פון א בוך, וואס זיי האבען געלעזען צוזאמען, פלעגט סילוויא בעסער פארשטעהן ווי אנעט די קראפט פון געוויסע זייטען, וועמעס אומגעוויינליכע אמת'דיגקייט פלעגט אריינברייגנען די שוועסטער אין פארצווייפלונג: ווארום סילוויא האט בעסער געקענט דעם לעבען ווי אנעט. און דאס איז דאך דאס בוך פון ביכער. ניט יעדער איינער וואס וויל, קאן דאס דאזיגע לעבענסבוך לייענען! יעדער אייגער טראגט אין זיך אזא בוך, פארטיג אויסגעשריבען פון דער ערש־

טער ביז דער לעצטער שורה. אום עס דורכצולייענען איז נויטיג, אז דער שטרענגער לעהרער — די ערפאַהרונג — זאָל אויסלערנען די שפּראַך אין וועלכע עס איז געשריבען. סילוויא האָט פריה אָנגעהויבען צו נעמען איהר אונטערריכט; זי האָט דערפאַר דאָס בוך גע־לייענט ווי א וואסער. אנעט האָט שפּעט אָנגעהויבען. אָן אונטער־ריכט, וואָס האָט זיך אריין אין קאָפּ לאַנגזאַם, מוז אריינדרינגען טיפער.

דער זומער איז יענעם יאָהר געווען אַן אומגעוויינליך הייסער.
שוין אַרום מיטען אויגוסט זיינען די פּרעכטיגע פרוכט־בוימער געווען
פאַרברענט. אין די הייסע נעכט פלעגט סילוויא אַרויסשטעקען דעם
נעזעל, אום אויפצוכאַפּען די באַוועגונג פון פרישער לופט. זי איז
געווען שוין געזונט, אָבער האָט נאָך אויסגעזעהן בלייך און האָט ניט
געהאט קיין אַפּעטיט. זי האָט שטענדיג ווייניג געגעסען, און, ווען
מען וואָלט איהר געלאָזען, וואָלט זי געווען גערייט צייטענווייז אָפּצור־
פּטר'ן דעם גאַנצען מיטאָג־עסען מיט איזקרים און פרוכט. אָבער
אַנעט האָט שאַרף נאָכגעקוקט, און זי פלעגט זיך שטאַרק בייזערען,
כאָטש זי איז געווען זעהר פאַרנומען. זי האָט ענדליך זיך באַשלאָסען
צו מאַכען די רייזע, וועלכע מען האָט אָפּגעלייגט פון איין וואָך אויף
דער אַנדערער, מיט דער געהיימער האָפענונג אינגאַנצען עס צו קאָנען
אויסמיידען. זי האָט געוואָלט האָבען די שוועסטער אינגאַנצען פאַר
זיך אליין אויף א גאַנצען זומער.

זיי זיינען אַוועקגעפאָהרען אין באַד־פלאַץ גרוזאַן. ביי אַנעט,
וואָס איז שוין אַמאָל דאָרט געווען, איז פאַרבליבען די ערינערונג ווי
וועגען א וואוילען, איינפאַכען האָטעל אין א פרידליכען, אידילישען
ווינקעל פון דער אַלטער שווייץ. אָבער אין די לעצטע עטליכע יאָהר
האָט אַלץ זיך געענדערט. דער האָטעל איז זיך צוואוואַקסען און איז
געווען פול מיט הוהא. עס איז אויפגעקומען א גאַנצע שטעדטעל פון
פאַלאַצען מיט גרויסע פּרעטענזיעס. צווישען די לאַנקעס זיינען אויס־
געלייגט געוואָרען וועגען פאַר אויטאָמאָבילען; און אין די פרייע פלע־
צער צווישען וואַלד האָט זיך געהערט דאָס סקריפּען פון עלעקטרישען
טראַמוואַי. אַנעט האָט געוואָלט אַנטלויפען. אָבער זיי זיינען געווען
פאַרמאַטערט פון דער רייזע, וואָס האָט גענומען א גאַנצען מעת־לעת;
דערצו האָבען זיי ניט געוואוסט וואוהין צו פאָהרען; עס האָט זיך
געוואָלט איין זאַך: ליגען אויסגעצויגען, זיך ניט רירענדיג; דאָרט
וואו זיי האָבען זיך געפונען האָט כאָטש די לופט נאָך אַלץ איהר קריס־

טאַלענט ריינקייט, כאָטש אַלעס איבעריגע האָט זיך געענדערט. סיל־וויא האָט מיט'ן צונג זיך געשמאַקעוועט מיט די ליפּען, ווי מיט דעם איז קרים, וואָס זי פלעגט לעקען אין פּאַריז, שטעהענדיג אין מיטען פון גאַסען־געריוש ביים וועגעל פון א פּעדלער מיט איז קרים. עס איז באַשלאָסען געוואָרען, אז זיי וועלען פאַרבלייבען אייניגע טעג, ביז די היץ וועט ניט אַרונטערפאַלען. און נאָכהער האָבען זיי זיך צוגעוואוינט. זיי האָבען אויך אין דעם געפונען א באַזונדערען חן.

עס איז געווען א לעבעדיגער סעזאָן. א טעניס־מעטש וואָס האָט צוגעצויגען די יוגענד פון דריי נאַציאָנען . . . מען האָט אַראַנזשירט טאַנץ אַבענטען, קליינע פאַרשטעלונגען. דער זשומענדער שוואַרם האָט שפּאַצירט, געפלירט, זיך געפּוצט. אַנעט וואָלט גערן געקאָנט זיך באַגעהן אָהן דאָס אַלץ, אָבער סילוויא'ן איז אמת היימליך געווען; און די שוועסטער איז אַנגעשטעקט געוואָרען מיט איהר פאַרגעניגען. ביידע זיינען געווען גוט אויפגעלייגט און האָבען ניט געהאַט קיין אורזאַכען אויסצומיידען די אונטערהאַלטונגען פון זייער עלטער.

זיי זיינען געווען יונג, היימליך, שעהן, יעדע אויף איהר אופן. מען האָט זיי באַלד אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען. אַנעט האָט זיך צובליהט. אויף די שפּאַצירען און אין ספּאָרט האָט זי זיך געלאָזט ווייזען פון דער בעסטער זייט. א שטאַרקע, א גוט געבויטע, וואָס האָט האַלט צו שפּאַצירען און די באַוועגליכע שפּילען, איז זי געווען א גלענצענדע פאַרטנערשע אין טעניס; א זיכערער אויג, פלינקע פיס, געשיקטע הענט, קלעפּ ווי בליצען. געוויינליך, צוריקגעהאַלטען אין איהרע באַוועגונגען, פלעגט זי אין די נייטיגע מאָמענטען באַקומען א פרעכ־טיגע צוהיצטקייט אין שוואונג. די ענטציקטע סילוויא האָט גע־פּאַטשט בראַוואָ, קוקענדיג ווי זי שפּרינגט אַרום. זי האָט שטאָלצירט מיט איהר שוועסטער. איהר ענטציקונג איז געווען נאָך גרעסער דער־פאַר, ווייל זי האָט געפיהלט, אז זי קען איהר ניט נאָכמאַכען; אָט די דינע מאָגערע פאַריזערין איז געווען ניט צוגעפּאַסט פאַר ספּאָרט שפּי־לען, און וועניג פאַרשטאַנען זייער שעהנקייט. מען האָט געדאַרפט אַזוי פיל אַרומלויפען! זי האָט דערפאַר געהאַלטען פאַר פיל אַנגענע־מער און באַזונדערס פאַר פיל פּראַקטישער — צו פאַרבלייבען א צו־שויערין. זי האָט די צייט ניט אומזיסט פאַרלאָרען . . .

זי האָט אַרום זיך אַרומגעקליבען א קליינע סוויטע און האָט אַזוי

קונציג געהערשט איבער איהר, ווי זי וואלט דעם גאנצען לעבען קיין אנדער זאך ניט געטאן. די טאלאנטפולע מיידעל האט געקענט נאכמאכען אין גראציע, טאקט און לייכטקייט יענע פרויען פון דער הויכער געזעלשאפט, צו וועלכע זי האט זיך צוגעקוקט. ניט ארויסווייזענדיג, אויסערליך בעצויבערענד נאכלעסיג, האט זי שטענדיג געהאלטען די אויגען און אויערען אויף דער וואך. פאר איהר איז קיין זאך ניט פארלארען געגאנגען אומזיסט. נאר אלס איהר בעסטער מוסטער איז אליץ פארבליבען אנעט. מיט איהר זיכערען אינסטינקט האט זי געקענט ניט נאר איהר נאכמאכען אין גאנצע רייהען קלייניגקייטען, נאר אויך מאכען פאלקאמענער איהר מוסטער דורך לייכטע וואריאציעס — און, צייטענווייז זאגאר עס טאן ראפינירט — אויף אזוי ווייט, אז עס זאל אויסקומען איהרס אריגינעל. זי האט ארויסגעוויזען נאך מעהר פארשטאנד, נאך מעהר שכל אין דעם, וואס זי פלעגט קיינמאל ניט ארויס פון יענע גרעניצען, וואו זי האט געפיהלט א פעסטען באדען אונטער איהרע פיס. דא איז זי געווען פאלקאמען אין איהרע מאנירען, אויסגעהאלטענקייט און איהר קונציגע פעהיגקייט זיך צו קאנען האלטען, צוגעווירצט מיט א לייכטע אויסגעלאסענקייט. אנעט האט זיך ניט געקענט איינהאלטען פון געלעכטער, זיך צוהערענדיג ווי אזוי זי האט מיט א צויבערענדען אפלאמב פארגעטראגען פאר איהר סוויטע יענע קענטניסע, וועלכע זי אליין האט נעכטען אין איהר אריינגעשטופט. סילוויא האט געווארפען אויף איהר אן איראנישען בליק. געוויס האט מען זי ניט געדארפט צו ווייט פארפיהרען אין געשפרעך. ניט קוקענדיג אויף איהר גאנצען שכל און גוטען זכרון, האט זי ריזיקירט ארויסצואווייזען וואס עס פעהלט איהר; אבער זי האט זיך ניט געלאזט פארפיהרען! זי האט אפגעהיט איהרע גרעניצען. און, אויסערדעם, האט זי געוואוסט ווי אויסצוקלייבען איהרע פארטנערס.

דאס זיינען געווען מייסטענס ספארטסמען, אויסלענדער, אנגלאזאקסען, רומענער, וואס זיינען געווען מעהר עמפינדליך צו א פעלער אין שפיל ווי צו פעלערען אין שפראך. די גרעסטע ליבע פון דעם קליינעם פרויען קרייז, האט גענאסען איינער אן איטאליענער טראגענדיג דעם קלינגענדען נאמען פון אן אלטער לאמבארדישער משפחה, „וואס איז שוין אויסגעשלאסען געווארען מיט עטליכע הונדערט יאהר צוריק, אבער א נאמען שטארבט קיינמאל ניט אפ.“ — ער האט געהאט

דעם אויסזעהן פון דעם שטאַרק פאַרשפּרייטען טיפּ צווישען דער יו־גענד פון איטאַליען, וואָס געהערט גיכער צו אַ בעשטימטע עפּאָכע איידער צו אַ בעשטימטע ראַסע. אין איהם איז געווען אַ קוריאָזע צו־זאַמענמישונג פון אַמעריקאַנעם פון פינפטע עוועניו, און אַ „קאָנדיאַטער קוואַטראַצענטאָ", וואָס אינגאַנצען קומט אַרויס אַ פּרעכטיגער טיפּ „פּאַר אַן אַפּעראַ". אַ שעהנער, אַ הויכער און אַ שלאַנקער, אַ גוט געבוי־טער, מיט אַ רונדען קאָפּ, אַ ראַזירטע געזיכט, מיט ברענענדיגע אויגען, אַ טונקעלער ברונעט, מיט אַ גרויסען זיגער־נאָז, מיט בלוּיליכע נאָז־לע־כער מיט אַ דיקער מאָרדע, האָט טוליאָ אַרומשפּאַצירט פּראַנטעוועענדיג מיט זיין טאַליע און ברייטע ברוסט. זיינע מאַניערען זיינען געווען אַ געמיש פון זיסליכע פריינדליכקייט און גראָבקייט. אַ מאַן געגען וועל־כען קיינער האָט ניט געקענט בייזשטעהן, ער האָט זיך נאָר בעדאַרפט איינבייגען אום אויפצוקלייבען הערצער, אָבער ער האָט זיך ניט איינ־געבויגען. ער האָט געוואַרט מען זאָל איהר אונטערטראָגען אַליין.

עס איז מעגליך, אַז דוקא דערפאַר וואָס אַנעט האָט איהר האַרץ איהם ניט אונטערגעטראָגען, האָט ער זיין אויסוואַהל אָפּגעשטעלט אויף איהר. אַלס טענים טשעמפּיאָן האָט ער אָפּגעשאַצט די פיזישע מעלות פון דער מיידעל און אין געשפּרעך מיט איהר האָט ער ענט־דעקט אַנדערע פאָרמעם פון ספּאָרט, אין וועלכע זייערע געשמאַקען זיינען צוזאַמענגעקומען, רייטען, רודערן, צו וועלכע אַנעט איז גע־ווען איבערגעבען מיט איהר גאַנצע ליידענשאַפט. ער האָט דער־שמעקט מיט זיין גרויסען נאָז אין איהר אַ איבערפלוס פון ענערגיע אין דעם יונגען קערפּער, און איהם האָט זיך עס פאַרוואַלט. אַנעט האָט באַמערקט זיין פאַרלאַנג און האָט זיך געפיהלט צו דער זעלבער צייט אי באַליידיגט, אי באַזיגט. איהר קרעפטיגע, פיזישע נאַטור, וואָס איז געווען פאַרשטיקט דורך יאָרען פון אָפּגעשלאָסענקייט האָט ער־וואַכט פון דעם פייער פון דעם פּרעכטיגען זומער. צווישען אַ יוגענד וואָס האָט נאָר געטראַכט פון פערגעניגענס, צווישען די אויפרעגונג פון די מענערשע שפּילען, די לעצטע וואַכען, וואָס זי האָט פאַר־בראַכט מיט סילוויאַ'ן, די פרייע געשפּרעכען, די צו שטאַרקע צערט־ליכקייט מיט וועלכע זי האָט זיך אַנגעזעטיגט האָבען אויפגערודערט איהר נאַטור, וועמעס טיפקייט זי האָט אַזוי ווייניג געקענט. דאָס הויז איז געווען שלעכט פאַרטיידיגט געגען דעם באַפאַל פון ליידענ־

שאפטען. אנעט האט צום ערשטען מאל דערפיהלט דעם שארפען ביס פון זינליכקייט. זי האט זיך געשעמט און געוועזן בייז, ווי זי וואלט געקראגען א פאטש. אבער דער פארלאנג האט דורך דעם זיך ניט איינגעשטילט. אנשטאט זיך צו באהאלטען, האט זי זיך געווערט געגען דער ליידענשאפט מיט א שטאלצע קאלטקייט און א ציטערנדען הארצען. און ער, די גאנצע צייט צופריעדען מיט פאלשטענדיגער אכטונג זיין רויבערישען פארלאנג, וואס איז געבליבען ניט באפרידיגט, און דורך דעם איז זיין באצויבערונג געווארען נאך שטארקער, זעהענדיג, אז זי האט פארשטאנען און זי קעמפפט דערמיט. דאס איז געוועזן אן אנדער זארט מעטש, אויף אן אנדער אופן א הינרייסענדער!

עס זיינען פארגעקומען צווישען זיי הארטע דועלען, היציגע צוזאמענשטויסונגען, וועלכע די אנדערע געסט האבען אין גאנצען ניט באמערקט. אין דער צייט ווען ער פלעגט זיך איינבויגען מיט א מעדנערישער העפליכקייט, א קוש צו טאן די האנט און זי פלעגט מיט א שטאלצער פריינדליכקייט צו איהם שמייכלען — האט זי געלעזען אין זיינע אויגען:

— דו וועסט זיין מיינע.

און איהרע צוזאמענגעדריקטע ליפען פלעגען איהם ענטפערען:

— קיינמאל ניט!

סילוויא האט נאכגעקוקט די דועלען מיט איהר שארפען בליק. און, אין דער צייט וואס דאס האט זי אמוזירט, האט אין איהר זיך אנגעצונדען דער פארלאנג, צו נעמען אן אנטייל אין דעם שפיל. אין וועלכען זינען? זי האט נאך אליין ניט געוואוסט . . . באטש איינפאך כדי זיך צו אונטערהאלטען — און, געוויס צו העלפען אנעט, — דאס איז דאך זעלבסטפארשטענדליך, דער אינגעל איז געוועזן זעהר שעהן. אנעט איז אויך געוועזן זעהר שעהן. ווי שעהן דאס שטארקע געפיהל האט זי געמאכט! אט די היציגע שטאלצקייט, אט דער שטערן פון א יונגען אקסעל, וואס איז גערייט צום קאמף, אט די פלוצלונגע בוואלעם פון רויטקייט און בלאסקייט, וועלכע סילוויא האט ווי געזעהן אריבערלויפען איבער דער שוועסטערס קערפער, ווי א ציטער . . . דער מאנסביל איז געוועזן איינגעשפארט אין זיין שפיל . . .

— . . . עס וועט דיר גאר ניט העלפען, מיין אינגעל; ניין, ניין, דו וועסט איהר ניט ארייגקריגען, אויב נאר זי וועט ניט וועלען! . . .

אָבער אפשר וויל זי? . . . אָדער זי וויל ניט ? . . . באַשלים זיך, אַנעט! ער איז אריינגעפאַלען. מאַך א סוף צו איהם ! . . . א נאַר, זי קען ניט ! . . . אויב אַזוי וועלען מיר איהר העלפען . . .

זייער באַקאַנטשאַפט האָט אויסגעוויזען ווי איין ליובגעזאַנג צו אַנעט, וואָס איז געקומען פון ביידע זייטען. זייביידע זיינען אנטציקט געווען פון איהר. דער איטאַליענער איז געווען אין גאַנצען באַזיגט. מיט לייכטענדע און ברענענדיגע אויגען האָט סילוויא זיך פאַרנאַנדערגעגאָסען ליובענדיג די שוועסטער אין זעלבען טאָן ווי ער. זי איז געווען זעהר געשיקט אין איהרע ליובגעזאַנגען צו דער שוועסטער. אָבער ניט ווייניגער געשיקט האָט זי זיך באַוואָפענט מיט די אייגענע צויבער־מיטלען, און ווי נאָר זי האָט איין מאָל זיי אוועקגעלאָזען אין פולען גאַנג, האָט זי שוין ניט געקאָנט זיין אָפּשטעלען, וויפיל מאָל זי האָט צו זיך ניט געזאָגט:

— איצט בארוהיג זיך. גענוג. דו פאַרקריכסט צו ווייט . . .

איהרע צויבער־מיטלען האָבען זיך אָבער ניט איינגעשטילט און עס איז איהר נאָר איבערגעבליבען איין זאַך: זיי צו פאָלגען . . . און דאָס איז געווען אַזוי היימליך! עס פאַרשטעהט זיך, דער דאָזיגער אידיאָט איז באַלד אַן אַנגעצונדענער געוואָרען. ווי נאַריש די מענער זיינען! ער האָט זיך איינגערעדט, אַז אַלע איהרע צויבערמיטעל ווערען פאַרספּענדט צוליב זיינע שעהנע אויגען. און דאָך זיינען זיינע אויגען געווען שעהן . . . און וואָס וועט ער איצט טאָן, אַט דאָס פּישעל צווישען צוויי האָקענס? צי קלייבט ער זיך ניט אראָפּצושלינגען ביידע? אויף וואָס וועט ער זיך באַשליסען?

. . . „נו, מיין ליבער, קלייב אוים!“

זי האָט קיין זאַך ניט געטאָן, אום איהם צו פאַרלייכטערען די אויסוואהל און לאָזען אַנעט פאָראויס. מיט אַנעט איז געווען דאָסזעלבע. פון דעם אויגענבליק אַן האָט זי אינסטינקטיוו פאַרדאָפּעלט איהרע אָנשטרענגונגען צו פאַרטונקלען סילוויען. די שוועסטער האָבען צערטליך געליבט איינע די אַנדערע. סילוויא האָט פונקט אַזוי שטאָלצירט מיט די ליובגעזאַנגען, וואָס מען האָט אַדרעסירט צו אַנעט — וויפיעל אַנעט האָט שטאָלצירט מיט דעם איינדרוק, וואָס סילוויא האָט געמאַכט. זיי האָבען זיך שואל עצה געווען איינע ביי די אַנדערע. זיי האָבען זיך געזאָרגט וועגען די איינצעלהייטען פון

דער צווייטערס טואַלעט. און האָבען גאַנץ קונציג דורך זייער קאָנטראַסט געהאָלפען איינע די אַנדערע מאַכען אַן איינדרוק. אויף די אונטערהאַלטונגען אין האָטעל האָבען זיי צו זיך צוגעצויגען אַלעמענס בליקען. און אין הפך צו זייער אייגענעם פאַרלאַנג האָבען די דאָזיגע בליקען ערוועקט אין זיי דאָס געפיהל פון קאָנקורענץ. ניט קוקענדיג אויף זייער גאַנצען ניט וועלען עס טאָן, האָבען זיי דאָך ניט געקאָנט זיך צוריקהאַלטען פון דעם אָפּצושאַצען זייערע אייגענע ערפאָלגען, באַזונדערס דעם ערפאָלג ביי דעם, וואָס האָט זיי אינטערעסירט פיעל שטאַרקער ווי זיי אַליין וואָלטען עס געוואָלט . . .

ער האָט זיי גענומען אינטערעסירען פיעל שטאַרקער פון יענער צייט אָן, זינט זיי האָבען מעהר ניט געוואוסט אין וועלכער פון זיי ער איז אַליין שטאַרקער פאַראינטערעסירט. אַנעט האָט אָנגעהויבען פיהלען אַן אומקלאָרען ווייטאָג, זיך צוקוקענדיג ווי טוליא מאַכט חנ'דלאַך צו סילוויא'ן. ביידע זיינען זיי געווען אויסגעצייכענטע טענצערינס, אָבער יעדע אויף איהר אופן. אַנעט האָט געטאָן אַלץ וואָס נאָר מעגליך צו פאַרפעסטיגען איהר גרעסערע פעהיגקייט. און, געוויס, האָט זי לויט דעם אורטייל פון קענער געטאַנצט בעסער. אָבער סילוויא, כאָטש ניט אַזוי פאָלקאָם אין דער דאָזיגער טאַנץ קונסט, האָט אַרויסגעוויזען מעהר ליידענשאַפט; און פון דעם מאָמענט אָן, וואָס זי האָט פאַרשטאַנען אַנעט'ס פּלענער, האָט איהר קיינער מעהר ניט געקאָנט ווידערשטעהן, און טוליאָ האָט אין אמת'ן ניט געקאָנט זיך מעהר צוריקהאַלטען. אַנעט האָט מיט ווייטאָג אין הארצען באַמערקט, אַז זי איז פאַרלאָזען. אין אַ געוויסער שעהנער, לבנה'דיגער נאַכט, נאָך אַ גאַנצע רייה פון טענץ צוזאַמען מיט סילוויא'ן, איז ער מיט איהר אַרויס, זיך אונטערהאַלטענדיג און לאַכענדיג. אַנעט האָט זיך ניט געקאָנט באַהערשען. זי האָט אויך מעהר ניט געקאָנט פאַרבלייבען אין זאַל. ניט האָבענדיג דעם מוט זיי נאָכצוגעהן אין דער טיפעניש פון גאָרטען, האָט זי זיך אָנגעשטרענגט זיי צו דערזעהן דורך די גלעזערנע וועראַנדע, וואָס איז געלעגען צו דער זייט פון גאָרטען, און זי האָט זיי דערזעהן אויף דער אַלייע, זי האָט דערזעהן ווי, זיך צובויגענדיג איינע צו די אַנדערע האָבען זיי געהענדיג זיך געקושט.

אָבער די מאַטערניש איז געווען גאָר נישט אין פאַרגלייך מיט דאָס, וואָס עס איז ווייטער געשעהן. — אַנעט איז אַרויף צו זיך, און

זיצענדיג אַהן ליכט, האָט זי דערזעהן ווי סילוויא איז צוריק געקומען זעהר אַן אויפגעלייגטע. סילוויא פון איהר זייט איז איבערראַשט געוואָרען זי צו זעהן אַליין אין דער פינסטערניש, און האָט גענומען גלעטען איהרע הענט, קושען איהרע באַקען און, ווי געוויינליך אויסדריקען טויזענט און איינע צערטליכקייטען. אַנעט, זיך פאַרענטפערנדיג מיט אַ פּלוצלונגען קאָפּשמערצען, וואָס האָט זי כלומרשט געצוואונגען זיך אומצוקערען פריה צו זיך אין צימער, האָט געפרעגט: ווי אַזוי די שוועסטער האָט פאַרבראַכט דעם לעצטען טייל פון אָוועגט און צי האָט זי שפּאַצירט אין גאָרטען מיט טוליאַ? — סילוויא האָט, מיט אַ נאַאיוועער מינע, געענטפערט, אַז זי האָט ניט שפּאַצירט, און אַז זי ווייסט ניט, וואָס טוליאַ האָט געטאָן, און אַז סוף כל סוף האָט טוליאַ איהר דערעסען, אַז זי האָט ניט האַלט קיין מאַנסבילען, וואָס זיינען צו שעהן, אַז ער איז אַ פּוסטער פראַנט און צו שוואַרץ... און דערביי איז זי אַוועק שלאָפען, אונטערזינגענדיג אַ וואַלס.

אַנעט האָט ניט געשלאָפען. סילוויא האָט אויסגעצייכענט געשלאָפען. זי האָט ניט פאַרדעכטיגט, וואָס פאַר אַ שטורם זי האָט אַרויסגערופען... אַנעט האָט זיך געפונען אין דער מאַכט פון אַ טייוועל, וואָס האָט זיך אַריינגעריסען צווישען זיי. דאָס וואָס האָט פּאַסירט איז געווען אַ קאַטאַסטראָפע, אַ דאָפּעלטע קאַטאַסטראָפע. סילוויא איז געווען איהר קאָנקורענטקע. און סילוויא האָט איהר ליגען געזאָגט. איהר געליבטע סילוויא! סילוויא, איהר פרייד, איהר גלויבען... אַלץ איז צוזאַמענגעבראָכען. זי האָט איהר מעהר ניט געקאָנט ליבען... איהר ליבען? ... אַ! ווי טיף האָט זיך איינגעוואָרצעלט די דאָזיגע ליבע איהרע — פיעל שטאַרקער ווי זי האָט אַליין געטראַכט! ... אָבער צי קאָן מען ליבען דאָס וואָס דו פאַראַכטעסט? אַ! סילוויא'ס פאַרראַט וואָלט נאָך אַלץ גאָרנישט געווען... געשעהן איז עפּעס וואָס פיעל ערגערעס... „אָט דאָס... אָט דאָס... נו, זאָג זשע שוין וואָס? ...“ אַ, אָט דער דאָזיגער מענש, וועמען אַנעט האָט ניט געאַכטעט, וועמען זי האָט ניט געליבט — אָבער וועמען זי ליבט איצט — ליבט? ניין! וועמען זי פ א ר ל א נ ג ט. דער פיבער פון אייפערזיכטיגען שטאָלץ האָט געפאָדערט, אַז זי זאָל איהם באַהערשען, אַז זי זאָל איהם אַרויסכאַפּען ב י י י ע נ ע ר צ ו ו י י ט ע ר — און, די הויפּט־זאַך, אַז זי זאָל

ניט דערלאָזען י ע נ ע — אַ נ ד ע ר ע איהם אַרויסצורייסען פון זיך . . . (י ע נ ע — אַ נ ד ע ר ע — אַט וואָס סילוויאַ איז געוואָרען פאַר אַנעט! . . .).

זי האָט אויף איין שעה ניט געקאָנט צומאַכען אַן אויג אין פאַר־לויף פון דער גאַנצער נאַכט . די לייִלאַכער האָבען איהר געבערענט די הויט. — פון דער צווייטער שכנות'ער בעט האָט זיך געטראָגען דאָס לייכטע אָטעמען פון אַן אומשולדיגען שלאָף.

און אויף מאָרגען, ווען זיי האָבען זיך באַגעגענט פּנים אל פּנים, האָט סילוויאַ פון ערשטען בליק דערזעהן, אַז אַלץ האָט זיך געענ־דערט; דאָך האָט זי ניט פאַרשטאַנען, וואָס אַזוינס איז פאָרגע־קומען. אַנעט, מיט בלויע פאַסען אונטער די אויגען, אַ בלאַסע, אַ שטרענגע, אַ שטאָלצע, אָבער איבערראַשענד פיעל שענער ווי געוועהנליך (אי שענער — אי מאָוס'ער — אַזוי ווי אַלע באַהאַלטענע סודות פון איהר אָרגאַניזם וואָלטען מיט אַמאָל רעוואָלטירט) — אַנעט, אַן איינ־געשמידטע אין דעם פאַנצער פון גאוה, אַ קאַלטע, אַ פיינדליכע און אַ פאַרשלאָסענע איז זיך האָט געקוקט און זיך צוגעהערט צו סילוויאַ'ן, וואָס האָט, ווי געוועהנליך, געפּלוידערט איהרע נאַרישקייט, קוים זי באַגריסענדיג, און איז אַרויס פון צימער . . . סילוויאַ'ס סוויטשערן איז איבערגעריסען געוואָרען אויפ'ן האַלבען וואָרט. זי איז אויך אַרויס, נאָכקוקענדיג פון ווייטען נאָך אַנעט, וואָס האָט זיך אַראָפּ־געלאָזען די טרעפּ . . .

זי האָט פאַרשטאַנען. אַנעט האָט דערזעהן טוליאַ, וואָס איז געזעסען אין זאַל, און, דורכשפּרייזענדיג דורכ'ן צימער, איז זי אַוועק גלייך צו איהם. ער האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז די לאַגע האָט זיך געענדערט. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבען איהם. זיי האָבען גע־נומען ריידען וועגען פּוסטע זאַכען. אַ שטאָלצע, ניט אַ דרעה טוענ־דיג מיט'ן קאָפּ, האָט זי געקוקט גלייך פאַראויס, אויסמיידענדיג איהם צו קוקען אין געזיכט אַריין. אָבער ער האָט ניט געקאָנט צווייפלען: זי האָט געקוקט אויף איהם. פון הינטער די בלוי־געוואָרענע ברעמען האָט אַ בליק, וואָס האָט ווי זיך אויסגעבויגען אַן אַ זייט, אום זיך צו באַשיצען פון אַ שטאַרקען ליכט, גערעדט:

— דו ווילסט מיך?

און ער, דערצעהלענדיג מיט אַ זעלבסטבאַוואוסטען טאָן, עפּעס

א נאַרישע מעשה, און באַקוקענדיג זיינע נעגעל, האָט פון דער זייט אויסגעקוקט, ווי אַ גרויסער רויבער. אַט דער דאָזיגער קערפּער מיט אַן אויסגעשטאַרצטער ברוסט האָט ווי געפרעגט:

— דו, הייסט עס, ווייסט אויך?

— איך וויל, אַז דו זאָלסט מיך וועלען — אַזוי איז געווען דער ענטפער.

סילוויאַ האָט מעהר קיין ישוב הדעת ניט געהאַט. דורכגעהענדיג דעם זאַל, אַרום און אַרום, איז זי צוגעגאַנגען צו זיי און זיך אוועקגעזעצט אויף דעם פרייען שטוהל צווישען אַנעט און טוליאַ. אַנעט׳ס צאָרן האָט זיך געלאָזט פיהלען אין איהר בליק — נאָר איין בליק, אָבער עס איז געווען גענוג. סילוויאַ האָט דערפיהלט די גאַנצע פאַראַכטונג, וואָס האָט געשטעקט אין איהם. זי האָט אַראָפּגעלאָזט די ברעמען און זיך געמאַכט, ווי זי וואָלט גאָר ניט באַמערקט; אָבער זי האָט זיך אַ טרייסעל געטאָן, ווי אַ קעצעל, איבער וועלכער עס איז דורכגעלאָפען אַן עלעקטרישער שטראָם; זי האָט אַ שמייכעל געטאָן און זיך גערייט צו טאָן אַ ביס. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ שטילער דרייקאַמף. אַנעט האָט זיך געהאַלטען, ווי זי וואָלט גאָר ניט באַמערקט סילוויאַ׳ס אַנוועזענהייט און זי האָט קיין אויפמערקזאַמקייט ניט געשאַנקען צו איהרע ווערטער: זי האָט איבער איהר קאָפּ גערעדט מיט דעם צוטומעלטען טוליאַ; אָדער, זייענדיג געצוואונגען צו הערען — ווארום יענע איז געווען שאַרף אויפ׳ן צונג — האָט זי דורך אַ שמייכעל, אָדער דורך אַן איראָנישען בליק, געמאַכט אויפמערקזאַם אויף יעדען קליינעם פעהלער אין שפּראַך, מיט וועלכע סילוויאַ׳ס געשפּרעך איז נאָר אַלץ געווען רייך (די קליינע פּלוידערזאַק, איז נאָר אַלץ ניט געווען אימשטאַנד, ניט קוקענדיג אויף אַלע איהרע קונצען זיי איינצאַנצען אַרויסצורייסען פון איהר גאָרטען). די טויטלידבאַליידיגטע סילוויאַ האָט מעהר ניט געזעהן פאַר זיך קיין שווערער און האָט נאָר פאַר זיך געזעהן אַ קאָנקורענטקע. זי האָט געטראַכט:

— עס וועט קומען אויך דיין רייה צו קריגען דעם ריכטיגען קלאַפּ.

און פאַררייסענדיג די אויבערשטע ליפּ, האָט זי געטראַכט:

— אַ צאָהן פאַר אַ צאָהן, אַן אויג פאַר אַן אויג . . . ניין, צוויי אויגען פאַר איינע.

— זי האט זיך אריינגעווארפען אין שלאכט. אך! די אומ־פארזיכטיגע אנעט! אין געגענזאץ צו איהר, האט סילוויא זיך אויף א מינוט ניט אפגעשטעלט צו באטראכטען וואס עס פאסט פאר איהר שטאלץ און וואס ניט; יעדער וואפע איז געווען נוצליך, אבי נאר צו דערגרייכען דעם ציעל. אנעט, אז איינגעשמידטע אין דעם פאנצער פון איהר גאוה, וואלט געהאלטען פאר אן ערנידערונג פאר זיך צו לאזען טוליא באמערקען באטש א שאטען פון איהר פארלאנג. סילוויא אבער האט זיך ניט גערעכענט מיט אזוינע קלייניגקייטען; זי האט זיך גע־קליבען אפצושפיעלען פאר'ן יונגען מאן דאס שפיעל, וואס האט אם מייסטען איהם געשמייכעלט . . .

— וואס ציהסט דו פאר? א פרעכטיגע פאראכטונג, אדער מען זאל זיך מיט דיר ארומטראגען? . . .

זי האט געקענט די מענער, אט די באשעפענישען, וואס האבען האלט מען זאל זיי חנפ'ענען. טוליא האט פארגעטערט א חנפה'לע, און סילוויא האט איהם גענומען שענקען חנפות מיט א פולער מאס. מיט אן אומשולדיגער און רוהיגער אומפארשעמטקייט, האט די קליינע שטיפערקע גענומען אויסרעכענען די מעלות פון דעם קליינעם בודא פון פאלאס־האטעל: ווי שלאנק ער איז געבויט, ווי קלוג ער איז, ווי שעהן ער איז אנגעטאן. באזונדערס די קליידער: ווארום, ווי עס האט איהר אויסגעוויזען, זיינען די קליידער פאר איהם געווען פון באזונדערער וויכטיגקייט.

אמת, אז יעדער לויב איז איהם געווען אנגענעהם. אבער, אז ער איז שעהן, איז פאר איהם קיין נייעס ניט געווען, און וואס איז שייך זיין שכל, האט זיין גרוים יחוס שוין אליין גענדארפט זיין א גאראנטיע פאר דעם. אבער זיין טואלעט איז געווען זיין פערזענליכער אויפטו: און ער איז געווען זעהר עמפפינדליך צו די שבחים פון א פא־ריזער קענער. מיט דעם בליק פון א קענער, וואס האט אין געהיים גע־מאכט חוזק איבער די געוויסע נאאיוויטעט פון זיין שוין צו שרייענדען געשמאק, האט סילוויא געהאלטען אין קומען אין התפעלות פון איהם, פון קאפ אזש ביז זיינע פיס. אנעט איז אזש רויט געווארען פון שאנד און צארן; די קונצען פון איהר איינגערער שוועסטער זיינען אויסגעקומען אין איהרע אויגען אזוי גראב און עקעלדיג, אז זי האט זיך אליין געפרעגט:

— ווי אַזוי קאָן ער עס איבערטראָגען?

ער אָבער איז שוין גאָר געווען צופרידען דערמיט: טוליא איז געווען נאַאיוו ווי אַ קליין קינד. און, אַראָפּלאָזענדיג זיך פון טרעפּעל צו טרעפּעל, איז זי פון דעם ציטראָן־פאַרביגען שליפּס אַרונטער צו דעם בלויען גאַרטעל און פון דאָרט איז זי צוגעגאַנגען צו די גאָלד־גרינע זאָקען, און דאָ האָט זי געמאַכט אַן אָפּשטעל: אַ געדאַנק איז איהר אריין אין קאָפּ! ניט אויפהערענדיג צו ווערען ענטציקט פון טוליא'ס שלאַנקע פיס (מיט וועלכע ער האָט אַזוי שטאָלצירט) — האָט זי גענומען זיך באַריהמען מיט איהרע אייגענע פיס, וואָס זיינען באמת געווען זעהר שעהן. מיט אַ שטיפערשער קאָקעטעריי האָט זי איהרע דערנעהנטערט צו טוליא'ס פיס און זיי גענומען פאַרגלייכען, פאַר־נאַנדערעפענענדיג די פיס פון די קניה ביז די קנעכלאַך. נאָכהער, זיך אומקעהרענדיג צו אַנעט, וואָס האָט מיט פאַראַכטונג זיך צוריק געשאַקעלט אין איהר ראָקינג־טשער, האָט זי מיט אַ באַצויבערנדען שמייכעל געזאָגט:

— מיין טייערע! וויין דיינע פיס אויך!

און שנעל פאַרנאַנדערגעעפענט זיי — די פעטע קנעכלאַך און די שווערליכע פוס־זיילען. נאָר צוויי סעקונדען האָט עס געדויערט. אַנעט האָט אַ ריס געטאָן דעם פאַלשען נאָגעל, וואָס האָט צופרידען זיך אַ ציה געטאָן צוריק. טוליא האָט געזעהן . . .

זי האָט זיך אָבער דערביי ניט אָפּגעשטעלט. דעם גאַנצען פריה־מאָרגען האָט זי געהאַלטען אין איין אויסטראַכטען פאַרשידענע קאָנ־טראַסטען, לפנים גאַנץ צופעליגע, וואָס האָבען אָבער אַלע זיך אַרויס־געוויזען ניט לטובה פון אַנעט. מיט דעם אויסרייד, אַז זי אָפּעַ־לירט צו טוליא'ס גוטען געשמאַק מכח אַ קאָלנער, אַ יאַקעל, אַ טיכעל, האָט זי געזוכט טוליא'ס אויפמערקזאַמקייט צוצוציהען צו דאָס, וואָס ביי אַנעט איז געווען ניט אַם שענסטען און ביי איהר ווייט ניט אַם מאוס'טען. אַנעט, ציטערענדיג און זיך מאַכענדיג, אַז זי פאַרשטעהט ניט וואָס דאָ געהט אָן, האָט מיט אַלע כחות זיך איינגעהאַלטען אום די שוועסטער ניט צו דערשטיקען. צווישען צוויי אַזוינע שמד־שטיק האָט סילוויא, צולייגענדיג איהרע פינגער צו די ליפּען, איהר געשיקט אַ לופט־קוש. אָבער צייטענווייז האָבען די בליצען פון זייערע בליקען זיך צוזאַמענגעשטויסען:

(אנעט) — . . . איך פאראכט דיך!

(סילוויא) — מעגליך. אבער האלט האט ער דאך מיך.

— „ניין! ניין!“ — האט געשריען אנעט.

— „יא! יא!“ — האט געענטפערט סילוויא.

זיי האבען זיך דורכגעווארפען מיט ארויספאדערנדיגע בליקען.

אנעט איז לאנג ניט געווען בכח צו באהאלטען איהר פיינדזעליג־קייט אונטער א שמייכעל, ווי א שלאנג אונטער בלומען. אויב זי וואלט לענגער פארבליבען, וואלט זי עס איהר אין די אויגען געזאגט. זי האט פלוצלונג איבערגעלאזען דאס שלאכטפעלד צו סילוויא׳ן. זי איז אוועק מיט א הויך־אויפגעהויבענעם קאפ, איהר צוואורפענדיג דעם לעצטען בליק מיט אן אויפפאדערונג. סילוויא׳ס איראנישער בליק האט איהר געענטפערט:

— אז מיר וועלען לעבען — וועלען מיר לאכען.

די מלחמה האָט אָנגעהאַלטען דעם צווייטען טאָג און די ווייטערדיגע טעג פאַר די אויגען פון דער צופרידענער גאַלערייע: די געזעלשאַפט איז האַטעל האָט עס באַמערקט און צוואַנציג פּאָר כיטרע אויגען פון חברה־ליידיגגעהער זיינען געווען אויסגעשטעלט אויף זיי. אייניגע האָבען זיך געוועט, ווער עס וועט געווינען דעם קאַמף. ביידע קאָנקורענטקעס זיינען געווען צופיעל פאַרטאָן מיט זייער שפּיעל אום צו שענקען אויפמערקזאַמקייט צו דעם שפּיעל פון אַנדערע.

אבער, דעם אמת זאָגענדיג, האָט עס שוין אויפגעהערט פאַר זיי צו זיין אַ שפּיעל. סילוויא, פּונקט ווי אַנעט, איז געווען שטאַרק געקריינקט. עפּעס אַ טייוועל האָט זיך פאַרקליבען אין זייערע נשמות און צורודערט זייערע געפיהלען. טוליא, שטאָלץ מיט דעם נייעם געווינס, האָט אויסגעהאַלטען דעם פייער אַהן דער קלענסטער אָנשטרענגונג. ער איז געווען אין אמת'ן זעהר שעהן, ניט קיין נאַר און האָט געברענט מיט די פאַרלאַנגען, וואָס ער אַליין האָט אָנגעצונדען: עס האָט זיך געלוינט איהם צו עראָבערן. קיינער האָט עס ניט געוואוסט בעסער ווי ער אַליין.

די שוועסטער־שונאים האָבען זיך באַגעגענט יעדען אָוועגט אין זייער צימער, האָסענדיג איינע די אַנדערע. אָבער ניט קוקענדיג אויף דעם האָבען זיי זיך פאַרשטעלט ווי זיי וואָלטען גאָרניט געוואוסט דערפון. זייענדיג שכנות אין זייערע בעטען, וואָלטען זיי די לאַגע געמאַכט אין די אָווענטען אומערטרעגליך, אויב זיי וואָלטען אָפען זיך אַרויסגעזאָגט; עס וואָלט דערגאַנגען צו אַן אָפּענעם צוזאַמענשטויס, וועלכען מען האָט געמוזט זעהן אויסצומיידען. זיי האָבען זיך אַזוי איינגעאָרדענט, אַז זיי זאָלען אַריין און אַרויס אין פאַרשידענע צייטען, ניט ריידענדיג איינע מיט די אַנדערע, און זיך מאַכענדיג ווי זיי וואָלטען ניט זעהן איינע די אַנדערע. אָבער אַזוי ווי דאָס איז פאַרט געווען אוממעגליך — האָבען זיי אויסגערעדט

מיט אַ קאַלטען טאָן: „אַ גוטען מאָרגען!“ „אַ גוטע נאַכט!“ — אַזוי ווי עס וואָלט גאָר נישט געשעהן. די עהרליכסטע און פאַרשטענדליכסטע זאַך וואָלט געווים געווען זיך דורכצורייידען. אָבער דאָס האָבען זיי ביידע ניט געוואָלט. זיי האָבען ניט געקענט. ווען ביי אַ פרוי רייסט זיך דורך די ליידענשאַפט, קאָן פון עהרליכקייט קיין רייד ניט זיין: און נאָך ווייניגער קאָן זיין די רייד וועגען געזונטען מענשען־פאַרשטאַנד.

די ליידענשאַפט האָט ביי אַנעט זיך פאַרוואַנדעלט אין אַ פאַרגיפטונג. דער קוש, וועלכען טוליא האָט איינמאָל אין אָוונט אין אַן אַלייע מיט געוואַלט אַרויפגעדריקט אויף די ליפען פון דער שטאָלצער מיידעל, האָט אַרויסגערופען ביי איהר אַ ליידענשאַפטליכען שטורם. אין מיטען פון איהר צאָרן און דערנידערונג האָט זי נאָך אַלץ געקעמפט. אָבער עס איז איהר באַזונדערס שווער געווען צו ווידערשטעהן דערפאַר, וואָס דער דאָזיגער שטראָם האָט זי פאַרכאַפּט צום ערשטען מאָל. וועה איז די צופיעל איינגעשפאַרטע הערצער! ווען די ליידענשאַפט פאַרכאַפּט זיי, ווערט דאָס ריינסטע אַם ווייניגסטען באַשיצט . . .

איינמאָל ביינאַכט, נאָך אַ לאַנגער פיבערישער שלאַפלאָזיגקייט, וואָס האָט זי פאַרברענט, איז אַנעט ענדליך אַריינגעפאַלען אין אַ שלאָף, נאָך אַלץ טראַכטענדיג אַז זי איז נאָך וואַך. זי האָט זיך געזעהן ליגענדיג אויפ׳ן בעט מיט אָפענע אויגען. אָבער זי האָט ניט געקאָנט זיך אַ ריהר טאָן. די הענט און די פיס זיינען ביי איהר געווען געבונדען. זי האָט געוואוסט, אַז סילוויא, וואָס ליגט דאָ לעבען איהר, מאַכט זיך ווי זי וואָלט שלאָפען, און אַז טוליא דאַרף אָנקומען. זי האָט שוין געהערט דעם סקריפּ פון דער פאָדלאָגע אין פאָרצימער און דעם גערויש פון פאָרזיכטיג זיך דערנעהענטערענדע טריט. זי האָט געזעהן ווי סילוויא האָט זיך אויפגעהויבען פון בעט, האָט באַפרייט די פיס פון אונטער׳ן ליילאַך, איז אויפגעשטאַנען און זיך אַרויסגעגנב׳עט דורכ׳ן טיר, וואָס איז געווען האַלב אָפען. אַנעט האָט אויך געוואָלט אויפשטעהן, אָבער ניט געקאָנט. אַזוי ווי זי וואָלט עס דערפיהלט האָט סילוויא זיך אַרומגעקוקט, האָט זיך אומגעקעהרט צוריק צו דער בעט, האָט אַ קוק געטאָן אויף אַנעט, האָט זיך אַריבערגעבויגען איבער איהר, אַזוי ווי זי וואָלט וועלען איהר גוט אַרומקוקען.

זי איז געווען גאָר אינגאַנצען אַנדערש ווי סילוויאַ. זי איז ניט געווען עהנליך אויף איהר, און דאָך איז עס פּאַרט געווען סילוויאַ; זי האָט געהאַט אַ בייזען שמייכעל מיט אויפגעריסענע ציינער; זי האָט געהאַט לאַנגע, שוואַרצע האָר אַהן לאָקענס, גלייכע און האַרטע, וועלכע, ווען זי האָט זיך אַריבערגעבויגען, האָבען זיך אַריינגעשפּאַרט אין אַנעט'ס געזיכט, מויל און אויגען. דאָס געזיכט פון דער קאָנקורענטקע האָט זיך אַריבערגעבויגען אַלץ נאָהענטער און נאָהענטער. סילוויאַ האָט צוריקגעוואָרפען דעם צודעק און האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין בעט. אַנעט האָט דערפיהלט אַ האַרטע קני, וואָס האָט זיך איינגעדריקט איהר אין זייט. זי האָט זיך געשטיקט. סילוויאַ האָט געהאַלטען אַ מעסער: דער קאַלטער קלינגעל האָט זיך אָנגעריהרט אַן אַנעט, וועלכע האָט גע־נומען זיך וואָרפען און שרייען . . . זי האָט זיך אויפגעכאַפּט אין דער שטילקייט פון צימער, זיצענדיג אין בעט מיט פאַרנאַנדערגע־וואָרפענע ליילאַכער. סילוויאַ האָט רוהיג געשלאָפען. אַנעט, איינ־האַלטענדיג דאָס קלאַפּען פון האַרצען, האָט זיך צוגעהערט צו דעם באַרוהיגענדען אָטעמען פון דער שוועסטער און האָט נאָך אַלץ גע־ציטערט פון האַס און שרעק . . .

זי האָט געהאַסט . . . אָבער ווען? און ווען איינענטליך האָט זי געליבט? זי האָט געוואוסט דעם ריכטיגען ווערטה פון טוליאַ און האָט איהם ניט געאַכטעט, האָט מורא געהאַט פאַר איהם און האָט גאָר קיין שום צוטרויען צו איהם ניט געהאַט. און דאָך האָט זי, צוליב אָט דעם מענשען, פון וועלכען זי האָט ניט געהאַט קיין אַהנונג מיט צוויי וואָכען פריהער און וואָס איז פאַר איהר גאָר נישט געווען, איז זי געווען גערייט צו האַסען די, וואָס איז געווען איהר שוועסטער, די, ווען זי האָט געליבט מעהר ווי אַלץ, וועמען זי האָט נאָך איצט געליבט . . . (ניין! . . . יאָ! . . . וועמען זי האָט נאָך אַלץ געליבט ווי פריהער . . .) זי וואָלט פאַר דעם מענשען מקריב געווען מיט איהר גאַנצען לעבען . . . אָבער ווי אַזוי, ווי אַזוי איז דאָס אַלץ מעגליך געוואָרען? . . .

זי איז געווען פול פון שרעק, אָבער האָט געמוזט סוף כל סוף מודה זיין אַז די משוגעת איהרע איז אַלמעכטיג. צייטענווייז פלעגט אַ בליץ פון געזונטען פאַרשטאַנד, אַ שמייכעל פון ביטערער איראָניע, אַ צופלוס פון דער פריהערדיגער צערטליכקייט צו סילוויאַ'ן אַרויס־

הויבען איהר קאפ פון תהום. אבער עס איז געגוג געווען איין אייפער־זיכטיגער בליק, א קוק אויף טוליא, וואס האט זיך געשושקעט מיט סילוויא, אז זי זאל פון דאס ניי פארזינקען אין דעם תהום . . .

מען האט געקאנט זעהן, אז זי פארלירט דעם באדען. און דוקא דערפאר איז איהר ליידענשאפט נאך מעהר צווישעט געווארען. זי האט זיך ניט ארויסגעוויזען פאר געשיקט. זי האט ניט געקאנט באהאלטען איהר באליידיגטע ווירדע. טוליא, אט דער גוטער פרינץ, האט מיט גנאך מסכים געווען ניט צו מאכען קיין אויסוואהל צווישען זיי; ער האט זיי ארויסגעוויזען דעם כבוד פאר זיי ביידען א ווארף צו טאן דאס טיכעל. סילוויא האט עס גיך אויפגעכאפט. זי האט ניט געמאכט קיין גרויסע צערעמאניעס דערפון; זי האט זיך געקליבען שפעטער צו מאכען טוליא טאנצען נאך איהרע באפעהלען. זי איז ניט שטארק נתפעל געווען זעהענדיג ווי דער דאזיגער דאן־זשואן רייסט ארוים קושען פון אנעט'ס ווינשטאק. און אויב דאס איז איהר אפילו געווען אומאנגענעהם, האט זיך אויך ניט געפונען פאר נויטיג עס ארויסצואווייזען. מען קאן זיך פארשטעלען . . . אנעט איז אבער אויף אזוינע זאכען ניט געווען פעהיג. זי האט ניט דער־לאזען, אז מען זאל זיך דארפען טיילען און האט צו אפען ארויסגע־וויזען דעם עקעל, וואס טוליא'ס דאפעלשפיעל האט אין איהר ארויס־גערופען.

טוליא האט אנגעהויבען אפגעקיהלט צו ווערען צו איהר. אט די ערנסטקייט אין ליידענשאפט האט איהם געשטערט, האט איהם „דערעסען". אביסעל ערנסטקייט איז גוט אין ליבע. אבער צופיעל איז אומגעזונט: עס ווערט א לאסט, ניט קיין ליבע. ער האט זיך פארגעשטעלט די ליידענשאפט ווי א פרימאדאנע, וואס, נאכדעם ווי זי זינגט אפ איהר הויפט־ליד, געהט זי ארוים, אויסשטרעקענדיג די הענט אום זיך צו פארנייגען פאר'ן פובליקום. אבער אנעט'ס ליידענ־שאפט האט, ווי עס זעהט אוים, ניט געוואוסט פון דער עקזיסטענץ פון פובליקום. זי האט געשפיעלט נאר פאר זיך אליין, און געשפיעלט האט זי שלעכט . . .

זי איז געווען צופיעל אויפריכטיג, צופיעל אין אמת'ן פארליבט, אום נאכצוקוקען נאך זיך, אום אפצואווישען טרערען פון איהר ליידען, פון איהר מאטערניש, אום אויסצוגלייכען איהרע קליינע פעהלערן,

וועלכע, אַ מעהר אויפמערקזאַמע פרוי, פאַרטושט, אָדער שוואַכט אָפּ עטליכע מאָל אַ טאָג. איהר אויסזעהן האָט איהר גאָר קיין טובה ניט געטאָן. זי איז זאָגאָר געוואָרען אַלץ מעהר מאוס, וואָס מעהר זי האָט זיך דערפיהלט פאַר באַזיגט.

די טריאומפירענדיגע סילוויא, זיכער אין איהר זיג, האָט גע־קוקט אויף די פאַרלאָזענע אַנעט מיט אַ געפיהל פון באַפרידיגטע אי־ראָניע, וואָס איז געווען צוגעפּעפערט מיט קערנדלאַך פון בייזקייט, און וואו ניט וואו אויפ'ן דעק — אויך מיט אַביסעל רחמנות.

— נו, וואָס? דו האָסט געקראָגען דיינס? דו האָסט עס גע־וואָלט? איצטער קרימסטו זיך?... אָרימער געשלאָגענער הינטעל...

און איהר האָט זיך געוואָלט צולויפען און איהר אַ קוש טאָן. אָבער ווען זי פלעגט צוגעהן צו איהר, פלעגט אַנעט אַרויסווייזען אַזאַ פיינדליכקייט, אַז סילוויא פלעגט זיך אָבטראָגען בורטשענדיג:

— דו ווילסט ניט, מיידעלע... ווי דו ווילסט זיך! זיי זיך גע־זונטערהייט!... איך בין נאָך צו גוט צו דיר. יעדערער פאַר זיך און שפּיי אויף אַנדערע!... סוף כל סוף, אויב די נאַרעלע ליידעט איז זי אַליין שולדיג! פאַר וואָס איז זי שטענדיג אַזוי אומגעלומפּערט ערנסט? אַזוי האָבען געטראַכט אויך אַלע אַנדערע.

אַנעט האָט געענדיגט דערמיט, וואָס זי האָט זיך ענטזאָגט פון קאַמף. סילוויא און טוליא האָבען אַראַנזשירט אַן אָוונט פון לעבע־דיגע בילדער. סילוויא האָט באַדאַרפט אַרויסווייזען איהר גאַנצען צויבער, זיך אַליין איבערשטייגען (זי איז געווען אַ קליינע פאַריזער צויבערין, וואָס האָט געקענט מיט דער הילף פון שטיקלאַך שטאָף זיך פאַרוואַנדלען אין אַ גאַנצע רייהע פערזאָנען, יעדע שענער פאַר'ן אָריגינאַל, אָבער וואָס האָבען איהר געמאַכט מעהר באַצויבערנדיג ווי די אַלע, וועלכע זי האָט פאַרגעשטעלט...) צו פּרובירען קאָנקורירען מיט איהר אויף דעם געביט, איז געווען פאַר אַנעט אַ זיכערע ני־דערלאַגע. זי האָט עס צו גוט געוואוסט. זי איז שוין פון פריהער געווען באַזיגט; וואָס וואָלט געוואָרען מיט איהר נאָכדעם? זי האָט זיך ענטזאָגט אַנטייל צו נעמען אונטער דעם אויסרייד, אַז זי איז ניט געזונד: איהר שלעכטער אויסזעהן איז געווען גענוג ענטשולדי־גונג פאַר דעם. טוליא האָט ניט צופיעל געבעטען. — ווי נאָר זי האָט זיך ענטזאָגט, האָט זי נאָך מעהר גענומען ליידען דערפון, וואָס

זי האָט אוועקגעלייגט די וואָפען. דער קאַמף, אַפילו אַ האָפנונגס־לאָזער, איז פאַרט אַ שטיק האָפנונג. און איצט איז זי געווען גע־צוואונגען איבערצולאָזען טוליא און סילוויא'ן גאַנצענע שטונדען איי־נע אַליין צוזאַמען. זי האָט זיך אַנגעשטרענגט צו זיין אויף אַלע רע־פעטיציעס, כדי זיי צו שטערען. אָבער זי האָט זיי ניט שטאַרק גע־שטערט. זי האָט גיכער זיי אויפגערייצט — באַזונדערס סילוויא'ן, וועלכע האָט ניט געוואוסט פון קיין שאַנד און וועלכע האָט איהם צעהן מאָל געמאַכט ווידערהאָלען די סצענע ווי אַ רויבער שלעפט אוועק אַ גע'חלש'טע פרוי. מיט אויגען, וואָס האָבען געפינקעלט מיט פייער, מיט פאַרקריצטע ציינער און רויבערישע געשטאַלט גרייט צו טאָן אַ שפרונג, ווי אַ טיגער, האָט ער געשפּיעלט די ראָלע אַזוי ווי ער וואָלט געווען גערייט צו פאַרניכטען און פאַרברענען דעם גאַנצען פּאַלאַץ־האָטעל. וואָס איז שייך סילוויא'ן, וואָלט זי געמעגט קריגען דעם פּרייז צווישען די צוואַנציג טויזענד „גוריעס", וואָס קאָמען פאַרנאַנ־דער מאַהאמעד'ס באַרד אין גן־עדן.

עס איז געקומען דער אָוענט פון דער פאָרשטעלונג. זיך באַהאַל־טענדיג אין די לעצטע רייהען, אַ פאַרגעסענע אין אַלגעמיינעם טומעל, האָט אַנעט ניט געקענט אויסזיצען ביז צום סוף. זי איז אַרויס אינ־גאַנצען אַן אויסגעמאַטערטע. דער קאָפּ האָט געברענט. עס איז איהר געווען ביטער אין מויל. זי האָט זיך פאַר'שכור'ט פון איהרע ליידען. די צוריקגעוויזענע ליידענשאַפט האָט איהר געברענט די ברוסט.

זי איז אַרויס אויף דער לאָנקע, וואָס האָט אַרומגערינגעלט דעם האָטעל; אָבער זי האָט ווייט ניט געקאָנט אוועקגעהן; זי האָט די גאַנצע צייט זיך געדרעהט אַרום דעם באַלויכטענעם זאַל.

די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזען. עס איז געוואָרען פינסטער. דער טירישער אינסטינקט האָט זי געצוואונגען צו האַלטען אַן אויג אויף דער טיר, דורך וועלכער זיי האָבען ביידע, וואַרשיינליך, געדאַרפט דורכגעהן. די קליינע זייטיגע טיר האָט געגעבען אַ מעגליכקייט די אַקטיאָרען צו דערגרייכען דאָס קליידער־צימער אין צווייטען פליגעל, ניט דאַרפענדיג דורכגעהן דעם זאַל — זיי זיינען באמת אַרויס און, ניט אוועקגעהענדיג ווייט, האָבען זיי זיך אָפּגעשטעלט אין דער פינ־סטערניש פון פעלד, זיך דורכצוריידען באַהאַלטענדיג אונטער אַ גרופּע בוימער. אַנעט האָט געהערט ווי זי האָט געלאַכט, געלאַכט . . .

— ניין, ניין, ניט היינטיגע נאַכט!

טוליא האָט געפּאָדערט:

— פאַרוואָס?

— ערשטענס דערפאַר וואָס איך וויל שלאָפען!

— עס וועט נאָך זיין גענוג צייט זיך אויסצושלאָפען.

— ניין, ניין! עס איז קיינמאָל ניט גענוג צייט זיך גוט דורכ־צושלאָפען!...

— צי זאָל זיין מאָרגען ביינאַכט.

— די אַנדערע נעכט איז דאָסזעלבע. דערצו בין איך ביינאַכט ניט אַליין. מען קוקט מיר נאָך.

— הייסט עס, אַז דאָס וועט קיינמאָל ניט געשעהן?

און די שטיפערקע סילוויא האָט געענטפערט, זיך קייכענדיג פון געלעכטער:

— איך האָב אָבער גאָר קיין מורא ניט פאַר ליכט. האָט איהר מורא?

אַנעט האָט מעהר ניט געקאָנט עס צוהערען. א שטראָם פון עקעל און שמערץ האָט זי אוועקגעטראָגען לויפענדיג אין וויטען פעלד אין דער טיפער נאַכט. עס איז מעגליך, אַז דער געררויש פון איהר ווילדען געלאַף און פון די דורכגעבראָכענע צווייגען, ווי אויף דעם וועג פון א לויפענדער חיה, איז דערהערט געוואָרען. אָבער זי האָט ניט געטראַכט וועגען דעם, צי וועט מען איהר דערהערען. קיין זאַך האָט פאַר איהר מעהר קיין באַדייטונג ניט געהאַט. זי איז געלאָפען, גע־לאָפען... וואוהין? זי האָט עס ניט געוואוסט. זי האָט ביז צו ענד עס ניט געוואוסט... זי איז געלאָפען אין דער פינסטערניש קרעכצענדיג. זי האָט קיין זאַך ניט געזעהן פאַר זיך. איז זי גע־לאָפען פינף מינוט, צוואַנציג מינוט, א שעה? זי האָט עס ניט גע־וואוסט... ביז דאַמאָלסט, ווען זיך פאַרשטעפענדיג מיט דער פוס אַז דעם וואָרצעל פון א בוים, איז זי אַנידערגעפאַלען מיט'ן גאַנצען קער־פער, זיך אָפּשלאָגענדיג דעם שטערן אַן בוים־שטאַם... און דאַן האָט זי זיך צושריען, צורעוועט זיך איינשפּאַרענדיג מיט'ן מויל אין דער ערד, ווי א פאַרוואונדעטע חיה.

אַרום איז נאַכט. דער הימעל אָהן א לבנה, אָהן שטערען, שוואַרץ. די ערד אָטעמט ניט, עס הערט זיך ניט דאָס זשומען פון פליגעלאַך,

אַלץ איז טויב. מעהר ניט עס הערט זיך דער גערויש פון וואַסער איבער די שטיינער, וואָס פּליסט לעבען דעם סאַסנע־בוים, און וועלכען אַנעט האָט זיך אָנגעשלאָגען. און נאָר פון דער טיפעניש פון פעלזענ־הייל, וואָס האָט דורכגעשניטען די בערגיגע געגענד, האָט זיך דער־טראָגען דער ווילדער גערויש פון שטראָם. זיין קלאַנגליד האָט זיך צוזאַמענגעגאָסען מיט דעם קלאַנגליד פון דער פאַרוואונדעטער פרוי. עס האָט אויסגעוויזען ווי זיי ביידע וואָלטען געווען דאָס אייביגע קלאַנגליד פון דער ערד . . .

כל זמן זי האָט געשריען, האָט זי וועגען קיין זאַך ניט געטראַכט. דער קערפּער, וואָס איז אויפגעשאָקעלט געוואָרען פון די קאָנוואולסיווע יללות, האָט זיך באַפרייט פון דעם ווייטאָג, וואָס האָט איהם געדריקט אין פאַרלויף פון פיעל טעג מיט זיין שווערער משא. דער פאַרשטאַנד האָט געשוויגען. — נאָכדעם האָט דער אָפּגעשוואַכטער קערפּער אויפ־געהערט צו קרעכצען. דער נשמה־שמערץ איז אַרויס אויף דרויסען, און אַנעט האָט ווידער גענומען פיהלען דאָס באַוואוסטזיין, אַז זי איז פאַרלאָזען. זי איז געווען אַליין. זי איז געווען פאַרראַטען. דער קרייז פון איהרע געדאַנקען איז ווייטער ניט געגאַנגען. זי האָט קיין כחות ניט געהאַט צוזאַמענצוקלייבען די צושטרייטע סטאַדע. זי האָט אַפילו קיין כח ניט געהאַט זיך אויפצוהייבען. אַן אויסגעצויגענע איז דער פולער לענג האָט זי זיך אָנגעטרויט דער ערד . . . אַך, אויב נאָר די ערד וואָלט געוואָלט זי צונעמען! . . . דער גערויש פון לוי־פענדען טייכעל האָט גערעדט און געטראַכט פאַר איהר.

ער האָט ארומגעוואשען איהר וואונד. אין איינינגע צייט אַרום (אַהן צווייפעל, אין אַ גאַנץ לאַנגע צייט אַרום) האָט אַנעט, אָפּגע־שוואַכט פון איהרע ליידען, קוים אויפגעהויבען איהר צושלאָגענעם קער־פּער. די וואונד אויפ'ן קערפּער האָט ביי איהר אַרויסגערופען אַ שאַרפען שמערץ; דער שמערץ, אָפּציהענדיג איהר אויפמערקזאַמקייט, האָט גרינגער געמאַכט איהרע געדאַנקען. זי האָט איינגענעצט אין וואַסער איהרע צוריסענע הענט און זיי צוגעלייגט צום פאַרוואונדע־טען, ברענענדיגען שטערן. און אין דער לאַגע איז זי געבליבען זיצען, איינטונקענדיג די שלייפען און אויגען צו די וואַסער, וואָס זי האָט געהאַלטען אין קויפען. און פיהלענדיג ווי אַט די אייזענע ריינקייט דרינגט אריין טיף ביי איהר אין דער נשמה, און זי איז פרעמד גע־

וואָרען צו איהם אייגענעם ליידען . . . זי האָט גענומען נאָכקוקען, ווי א זייטיגע, נאָך די קרעכצען, און האָט שוין ניט פאַרשטאַנען דעם זינען פון איהר גרויסען צאָרן. זי האָט געטראַכט:

— פאר וואָס ? . . . צו וואָס ? . . . איז עס כדאי ? . . .

דער לויפענדער טייכעל האָט גערעדט אין דער נאַכט:

— א משוגעת, א משוגעת, א משוגעת . . . אלץ איז הבל . . . קיין זאך איז ניט פאַראַן . . .

אַנעט האָט ביטער און טרויעריג א שמייכעל געטאָן:

— וואָס האָב איך געוואָלט ? . . . איך ווייס עס אפילו שוין מעהר ניט . . . וואו איז עס, דאָס גרויסע גליק ? . . . זאָל איהם נעמען דער, וואָס וויל ! . . . איך וועל מעהר ביי קיינעם ניט פרוּ־בירען עס צונעמען.

און נאָכהער האָבען פּלוצלונג, ווי כוואַליעס, גענומען צופליסען בילדער פון דעם גליק, נאָך וועלכען זי האָט פאַרט געבייינקט אין די הייסע אויפפלאַקערונג פון פאַרלאַנגען, וועלכע — כאָטש איהר שכל האָט עס אָפּגעלייקענט — האָבען פאָרט באַהערשט און וועלען נאָך לאַנג באַהערשען איהר קערפּער. דורך דעם דורכגאַנג, וואָס זייערע שאַרפע ציינער האָבען דורכגעשניטען, האָבען זיי מיט זיך נאָכגע־שלעפּט דעם שווערען כח פון אייפערזיכטיגען צאָרן . . . זי האָט אריי־בערגעטראָגען זייער אויסברוך שוויינענדיג, זיך איינבייגענדיג, ווי אונטער די פליגעל פון דעם אַנלויפענדען ווינט. נאָכהער, אויפהייבענ־דיג דעם קאָפּ, האָט זי הויך געזאָגט:

— איך בין ניט גערעכט . . . ער ליבט סילוויא'ן מעהר. דאָס דאַרף אַזוי זיין. זי איז מעהר געשאַפען פאר ליבע, און זי איז א סך שעהנער פאר מיר. איך ווייס עס און ליב זי, איך ליב זי דערפאר, וואָס זי איז אַזאַ. איך וואָלט זיך געדאַרפט פרעהען מיט איהר גליק. איך בין אַן עגאָאיסטקע . . . אָבער, פאר וואָס, פאר וואָס האָט זי מיר ליגען געזאָגט ? אלץ אויף דער וועלט, נאָר ניט דאָס ! צו וואָס האָט זי מיך אָפּגענאַרט ? פאר וואָס האָט זי ניט געזאָגט אָפען, אז זי ליבט איהם ? פאר וואָס האָט זי געהאַנדעלט מיט מיר, ווי מיט א שונא ? . . . אך ! און דערצו די אלע כאַראַקטעריסטישע שטריכען אין איהר, וועלכע איך וואָלט געוואָלט ניט זעהן, וואָס זיינען אַזוי אומריין, שלעכט, מאוס ! . . . אָבער דאָס איז ניט איהר שולד. פון

וואנענט זאָל זי וויסן? וואָס פאר א זאָרט לעבען איז איהר אויסגע־קומען צו פיהרען פון קינדרווייז אן! . . . און איך אליין, צי האָב איך א רעכט איהר פאָרוואורפען צו מאכען? צי דען בין איך מיט איהר געוועזן אפענהערציגער? . . . און צי דען איז דאָס, וואָס האָט גע־שטעקט אין מיר, געוועזן ריינער? . . . אָדער, צי איז עס נאָר ג ע־ו ו ע ן? . . . עס איז דאָך נאָך איצט אויך אין מיר . . . איך וויים גאַנץ גוט, אז דאָס אלץ איז נאָך פאַראַן אין מיר . . .

זי האָט מיד זיך אָפּגעזיפצט, און נאָכהער געזאָגט:

— מען דאַרף געהן! מען דאַרף מאכען א סוף דערצו! איך ביז די עלטערע, און איך האָב זיך ארויסגעוויזען פאר די מעהר משוגע'נע!... זאָל סילוויא זיין גליקליך!

אָבער זאָגענדיג: „מען דאַרף געהן“! איז זי נאָך אלץ געזעסען א געוויסע צייט זיך ניט רירענדיג. זי האָט זיך צוגעהערט צו דער שטילקייט און געטראכט, בייסענדיג די קנעכלאך פון די ארומגעריי־סענע פינגער, — נאָכהער האָט זי זיך אָפּגעזיפצט, האָט שווייגענדיג זיך אויפגעהויבען און האָט זיך אוועקגעלאָזען געהן אהיים.

זי איז אַהיים געגאַנגען אין דער פינסטערניש. די לבנה האָט באַדאַרפט באַלד אויפגעהן; זי איז נאָך געווען ווייט, אָבער איהר אויפגאַנג האָט זיך שוין געפיהלט הינטער'ן האָריזאָנט פון דעם תהום פון דער פינסטערניש. אַ שוואַכער ליכט האָט ווי מיט אַ זוים באַצויגען די שפּיצען פון די ביימער, וואָס האָבען אַרומגערינגעלט די געגענד ווי מיט אַ רינג און פון מינוט צו מינוט האָבען זיי אַלץ קלאָרער אויסגעמאָלען אויף דעם לייכטענדען פאָהן זייערע שוואַרצע פּראָפילען. אַנעט איז געגאַנגען זיך ניט אײַלענדיג; און איהר ברוסט, וואָס האָט ווידער גענומען אָטעמען גלייכמעסיג, האָט לאַנגזאַם אַרײַנגעצויגען אין זיך דעם גערוך פון די אָפּגעקאָסעטע לאָנקעס.

פון ווייטענס, אויף דעם פינסטערן וועג, האָט זי דערהערט גיכע טריט. די האַרץ האָט ביי איהר גענומען קלאַפּען. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט. זי האָט זיי דערקענט, און איז אַוועק שנעלער אַנטקעגען. פון יענער זייט האָט מען אויך דערהערט. אַן אומרוהיגער קול האָט גערופען:

— אַנעט!

אַנעט האָט ניט געענטפערט: זי האָט ניט געקאָנט: זי איז געווען אויפגערעגט; אַ טייכעל פון פרייד האָט גענומען זיך גיסען; צלעם איבעריגע, דאָס גאַנצע לעצטע ביסעל פון קומער, איז פאַרגעסען געוואָרען. זי האָט ניט געענטפערט: אָבער זי האָט גענומען געהן גיכער, נאָך גיכער. איצט איז יענע געלאָפען און געשריען:

— אַנעט! — מיט אַן אומרוהיגען קול.

אין דעם אומזיכערן פינקלען פון דער לבנה, וואָס האָט זיך דורכגעריסען דורך די פינסטערע וואַנד, האָט אַ קליינע, אומקלאָרע פיגור זיך אַרויסגעריסען פון דער ווייסליכער פינסטערניש. אַנעט האָט אויסגעשריען:

— סילוויאַ!

און האט זיך א ווארף געטאן צו איהר, ווי א בלינדע, אויס־שטרעקענדיג די הענט . . .

זיך איילענדיג צוזאמענצוטרעפען זיך, האבען זייערע קערפערס זיך אנגעשטויסען איינע אן די אנדערע. זיי האבען צוזאמענגעדריקט איינע די צווייטע. און זייערע מיילער האבען געזוכט איינע די אנדערע און געפונען . . .

— מיין אנעט!

— מיין סילוויא!

— מיין עלטערע שוועסטער! מיין ליבע!

— מיין קליינינקע, מיין געליבטע!

זייערע הענט האבען אין האלב־טונקעל ארומגעטאפט די באקען, האר, געגלעט די קארק, די האלז, די פלייצעס און זיינען ווידער אריין אין באזיץ פון די פארלאזענע פריינד.

— מיין טייערע! — האט סילוויא אויסגעשריען, אנריהרענדיג איהרע נאקעטע פלייצעס. — דו ביזט אהן א מאנטעל! דו האסט ניט אין וואס זיך איינצואוויקלען.

אנעט האט באמערקט, אז זי האט באמת גארניט געהאט אויף זיך אויסער דעם באל־קלייד; און האט מיט אמאל דערפיהלט די קעלט און האט א ציטער געטאן.

— דו ביזט משוגע! משוגע! — האט סילוויא געשריען, איהר צודעקענדיג און איינוויקלענדיג אין איהר מאנטעל. און איהרע הענט, אנגעהענדיג ווייטער מיט דער אונטערזוכונג, האבען זיך דערקליבען ביז די וואונדען:

— דיין קלייד איז צוריסען . . . וואס אבער האסטו געטאן? וואס איז מיט דיר געשעהן? . . . און די האר אויף די באקען . . . און דאס, דאס, וואס איז ביי דיר אויפ'ן שטערן? . . . אנעט, דו ביזט אנידערגעפאלען? . . .

אנעט האט ניט געענטפערט. זי האט אומבאהאלפען אראפגע־לאזען דעם קאפ, צודריקענדיג זיך מיט'ן געזיכט אן סילוויא'ס פלייצע און האט געוויינט. סילוויא האט זי אוועקגעזעצט לעבען זיך ביים ברעג פון וועג. די לבנה, זיך אויפהויבענדיג איבער די בערג, האט באלויכטען אנעט, מיט דעם פארוואונדעטען שטערן, וועלכען סילוויא האט באדעקט מיט קושען.

— זאָג מיר וואָס דו האָסט געטאָן . . . זאָג מיר וואָס איז געשעהן . . . מיין אוצר, דו, מיין וועלפעלע; איך האָב זיך אַזוי דערשראָקען, ווען איך בין אַריין ביי דיר אין צימער און דיך ניט געפונען! . . . איך האָב איבעראַל דיך געזוכט, און גערופען! . . . איך זוך דיך שוין אַרום אַ גאַנצע שעה! . . . אַך, ווי אומגליקליך איך בין געווען! . . . איך האָב מורא געהאַט . . . מורא געהאַט . . . איך קאָן ניט זאָגען פאַרוואָס איך האָב מורא געהאַט . . . פאַרוואָס ביזטו אַוועק? . . . פאַרוואָס ביזטו אַנטלאָפען? . . .

אַנעט האָט ניט געוואָלט ענטפערן.

— איך ווייס ניט, — האָט זי געזאָגט. — איך האָב עפּעס געפיהלט ניט מיט אַלעמען, איך האָב זיך געוואָלט דורכגעהן . . . דעם אָטעם כאַפּען.

— ניין, דו זאָגסט ניט דעם אמת! אַנעט, דערצעהל מיר אַלץ.

זי האָט זיך איינגעבויגען צו דער שוועסטער און געשעפּטשעט:

— האַרצעלע מיינע, צוליב יענעם? . . .

אַנעט האָט זי איבערגעריסען: —

— ניין! ניין!

אָבער סילוויאַ האָט ניט אָפּגעלאָזען:

— זאָג קיין ליגען ניט! זאָג דעם אמת! זאָג! זאָג דיין קליי־נער שוועסטערל! איז עס צוליב איהם?

אַנעט האָט אויסגעווישט די אויגען און פּרובירענדיג שמייכלען, האָט זי געזאָגט:

— ניין, איך פאַרזיכער דיר . . . אמת איז, אַז מיר איז געווען אַביסעל שווער . . . דאָס איז נאַריש . . . אָבער איצט איז דאָס אַלץ געענדיגט. איך בין גליקליך, וואָס ער ליבט דיך.

סילוויאַ איז אונטערגעשפּרונגען פון אָרט און ביין אַ פּאַטש גע־טאָן מיט די הענט:

— הייסט עס פאַרט, אַז עס איז צוליב איהם! . . . אַך! אָבער איך ליב איהם דאָך גאָר ניט. איך ליב ניט אַזאַ טיפּ!

— דו ליבסט איהם יאָ . . .

— ניין! ניין! ניין!

סילוויאַ האָט מיט'ן פוס געקלאַפּט אָן דער ערד.

— עס איז פאַר מיר אינטערעסאַנט געווען צו שפּיעלען מיט

איהם אין ליבע; איך האָב עס געטאָן צוליב שפּאַס, אָבער פאַר מיר איז עס גאָרניט, אין פאַרגלייך מיט דיר . . . אַך! אַלע מענערשע קושען זיינען פאַר מיר ניט ווערט קיין איין טרער דיינעם . . .

אַנעט איז געווען אויפגערעגט פון גליק.

— איז עס אמת? אמת?

סילוויא האָט זיך אַ וואָרף געטאָן איהר אין די אָרימס.

ווען זיי האָבען זיך אַביסעל בארוהיגט, האָט סילוויא געזאָגט צו אַנעט:

— זיי זיך מודה איצט! דו האָסט איהם געליבט, דו אויך?

— איך? אַט זעהסטו, דו האָסט געזאָגט אַז דו ליבסט איהם?

— ניין, זאָג איך דיר, איך פאַרבאַט דיר . . . איך קאָן וועגען דעם ניט הערען. דאָס איז געענדיגט, געענדיגט.

— דאָס איז געענדיגט, — האָט אַנעט נאָכגעזאָגט.

זיי האָבען זיך אומגעקערט איבער דעם וועג, וואָס איז געווען באַגאָסען פון דער לבנה, שמייכלענדיג, ענטציקט דערמיט, וואָס זיי האָבען ווידער געפונען איינע די אַנדערע. פּלוצלונג האָט סילוויא זיך אָפּגעשטעלט און, ווייזענדיג דער לבנה אַ קולאַק, האָט זי אויסגעשריען:

— אַך, ווילדע חיה איינע! . . . ער וועט מיר טייער באַצאָהלען פאַר דעם! . . .

און אַזוי ווי די יונגענט ענטזאָגט זיך קיינמאָל ניט פון איהרע רעכטען, האָבען זיי הויך זיך פאַרנאַנדערגעלאַכט איבער דאָס פאַר־רעטערישע וואָרט.

— ווייסטו וואָס מיר וועלען טאָן? — האָט אָנגעהויבען די בעל־נקמה'ניצע סילוויא. — באַלד ווי מיר וועלען אַהיים קומען, וועלען מיר איינלייגען די זאַכען און מאָרגען, מאָרגען גאַנץ פריה, וועלען מיר אָפּפאָהרען מיט'ן ערשטען צוג. ווען ער וועט אַרונטערגעהן צום פריהשטיק, וועט ער קיינעם ניט געפינען . . . די פייגעלאַך זיינען אַנט־לאָפען! . . . אַ! . . . און נאָכהער . . . (זי האָט אויסגעשאָסען מיט אַ געלעכטער.) און איך האָב דאָך גאָר פאַרגעסען! . . . איך האָב דאָך באַשטימט איהם צו טרעפען אַרום צעהן אַ זייגער אין וואַלד, דאָרט אויפ'ן סאַמע שפּיץ . . . ער וועט אַרומלויפען אַ גאַנצען פריה־מאָרגען מיך זוכען . . .

זי האָט זיך צולאַכט הויך אויפ׳ן קול. און אַנעט האָט נאָכגעפאָלגט איהר ביישפּיל. עס האָט זיי אויסגעזעהן לעכערליך די גרימאַסע, וואָס טוליא וועט מאַכען, אַז ענטוישטער און פאַרביייזטער. צוויי שטיפערקעס! . . . זייערע ליידען זיינען שוין געווען ווייט.

— און דאָך, — האָט אַנעט געזאָגט — דו וואָלסט ניט געדאַרפט, מיין טייערע, זיך אַזוי קאָמפּראָמעטירען.

— באַ! וואָס אַרט עס מיך? — האָט סילוויא געענטפערט. — איך בין דאָך ניט וויכטיג . . . איבעריגענס, — האָט זי צוגעלייגט, בייסענדיג אַנעט׳ס האַנט, וואָס האָט פריינדליך זי געגלעט איבער דער באַק — איך וואָלט געדאַרפט זיין פאַרגינפטיגער, איצט, ווען איך בין געוואָרען דיינע אַ שוועסטער . . . איך וועל עס זיין, איך פאַרשפּרעך דיר . . . אָבער, ווייסטו, שוועסטערל, דו ביזט דאָך געווען ניט מיט פיעל מעהר פאַרנינפטיג ווי איך.

— יאָ, עס איז אמת, — האָט אַנעט מיט גאַל געענטפערט. — און איך האָב מורא, אַז עס זיינען פיליכט געווען מינוטען ,ווען איך בין געווען נאָך ווייניגער פאַרנינפטיג . . . און — האָט זי געזאָגט, זיך צודריקענדיג פעסטער צו דער שוועסטער — וואָס פאַר אַ זאָנדערבאַרע זאַך עס איז די האַרץ! קיינמאָל, קיינמאָל ווייסטו ניט, וואָס עס קאָן מיט אַמאָל זיך אויפהייבען און דיך אַוועקטראָגען . . . דו ווייסט אַליין ניט וואוהין . . .

זיי זיינען שוין כמעט דערגאַנגען צום האָטעל.

זיין דאָך האָט געגלאַנצט אין דער לבנה־ליכט. סילוויא האָט אַרומגעכאַפּט אַנעט׳ס האַלז און האָט איהר אַריינגעשושקעט מיט אַ ציטערנדיגער שטים און מיט אַן ערנסטקייט, וואָס זי האָט פון זיך אַליין ניט ערוואַרט:

— שוועסטערל! איך וועל ניט פאַרגעסען וואָס דו האָסט דורכגעליטען די נאַכט, וואָס דו האָסט דורכגעליטען צוליב מיר . . . יאָ, יאָ, לייקען ניט! . . . איך האָב געהאַט גענוג צייט ווענען דעם נאָכצוטראַכטען, ווען איך בין אַרויסגעלאָפען, דיך זוכענדיג, און מורא האָבענדיג פאַר אַן אומגליק . . . וואָס וואָלט געווען, אַז דאָס וואָלט געשעהן? ! . . . אַך! וואָס וואָלט איך דאַמאָלסט געקאָנט אָנהייבען צו טאָן? . . . איך וואָלט ניט געקאָנט מעהר לעבען.

— מיין טייערע! — האָט אַנעט געזאָגט, אַ גערירהרטע. — דו

ביזט ניט שולדיג אין דעם, דו האסט ניט געקאנט פארשטעהן, וואס פאר א לײדען דו האסט מיר פאראורזאכט.

— איך האב גוט פארשטאנען און געוואוסט, אז איך מאך דיך זיך צו מאטערן און דאס האט זאגאר — ער זיך צו, אנעט! — האט זאגאר מיר פארשאפט פארגעניגען!

ביי אנעט האט זיך צוזאמענגעדריקט דאס הארץ, און זי האט א טראכט געטאן, אז זי וואלט נאך מיט איין טאג פריהער געהאט גרוים הנאה, צוקוקענדיג זיך צו סילוויא'ס לײדען, זי צווינגענדיג צו לײדען ביז בלוטיגע טרערען. און זי האט זיך מודה געווען אין דעם. זײערע הענט האבען פעסט זיך צוזאמענגעדריקט.

— אבער, וואס קומט דא פאר מיט אונז? וואס זיינען מיר אזוינס? — האבען זיי אליין זיך געפרעגט פארשעמטע און צוגע־דריקטע, און דאך פיהלענדיג א דערלײכטערונג ביי דעם געדאנק, אז די אנדערע — איז אויך אזא . . .

דאס איז ווען מען ליבט, — האט סילוויא געזאגט.

— דאס איז ווען מען ליבט, — האט מאשינעל נאכגעזאגט אנעט. און, א דערשראקענע, האט זי געפרעגט:

— הייסט דאס ליבע?

— און ווייסטו וואס, — האט סילוויא געזאגט — דאס איז נאר אן אנהויב.

אנעט האט אומזיכער פראטעסטירט, זאגענדיג, אז זי וויל מעהר ניט ליבען.

סילוויא האט זיך צולאכט איבער איהר. און אנעט האט זעהר ערנסט נאכגעזאגט:

—איך וויל מעהר ניט אזוי. איך טויג פאר דעם ניט.

— גענוג שוין, — האט סילוויא געזאגט. — אויף דעם איז קיין האפענונג ניטא, מיין ארימע אנעט! דו וועסט אויפהערען צו ליבען נאר דאמאלסט, ווען דו וועסט אויפהערען צו לעבען!

צווייטער טייל.

די ערשטע טעג פון אקטאבער, — גרויע, ווייכע. שטילע לופט. א ווארימער רעגען, וואס פאלט גלייך ארונטער, ניט געאיילט. דער הייסער מגושמ׳דיגער כח פון דער נאסער ערד, פארטיגע פרוכטען אין די קעלערן, די טשאנעס אין די קעלטערן ..

לעבען דעם אפענעם פענסטער אין דעם דארפישען הויז פון די ריוויערס, אין בורגונדיען, זיינען געזעסען איינע אנטקעגען די אנדערע און גענייתביידע שוועסטער. אריבערבויגענדיג די קעפ איבער דער ארבייט, האבען זיי ווי זיך געצילעוועט איינע אין די אנדערע מיט זייערע גלאטע שטערנס — ביידע פון א גלייך אויסגעבויגענעם פאר־מאט, א מעהר קינדערשער ביי סילוויא׳ן און א מעהר ענטוויקעלטער ביי אנעט, א קאפריזער ביי דער ערשטער און אן איינגעשפארטער ביי דער צווייטער — א ציקאלע און א קליינער אקסעל. אבער ווען זיי האבען אויפגעהויבען די קעפ, האבען זייערע אויגען זיך דורכ־געווארפען מיט בליקען פון געגענזייטיגער פארשטענדעניש. זייערע צינגער, וואס האבען געקלונגען א גאנצען טאג נאכאנאנד, האבען איצט גערוהט; די שוועסטער האבען שווייגענדיג איבערגעלעבט צום טויזענטען מאל זייערע אויפרעגונגען, התפעלות׳ן, קנוילען פון ווער־טער — אלץ וואס זיי האבען פארשטאנען און דערקענט איינע אין די אנדערע אין פערלויף פון די פיעל טעג. ווארום דעם מאל האבען זיי איינע די אנדערע זיך פארטרויט ביז צו ענד, מיט גרויס באגעהר שטרעבענדיג אלץ צו נעמען און אלץ צו געבען. און איצט האבען זיי געשוויגען, כדי בעסער ארומצוטראכטען וועגען אט דער זייער געוואונגענער געהיימער רויב.

אבער אומזיסט האבען זיי פרובירט אלץ דורכקוקען דורך און דורך און אלץ באהערשען: סוף כל סוף זיינען זיי פארבליבען א רעט־טעניש איינע פאר די אנדערע. און, עס איז זעלבסטפארשטענדליך.

אז פאר יעדע פערזאן, איז יעדע צווייטע פערזאן — א רעטעניש און אין דעם ליגט טאקע דער אינטערעס. אבער וויפיעל האט יעדע זאכען, וואס די צווייטע וועט קיינמאל ניט פארשטעהן! זיי האבען זיך אליין געזאגט (ווייל זיי האבען עס געוואוסט):

— וואס הייסט פארשטעהן? פארשטעהן — הייסט ערקלערען. עס איז ניט נויטיג צו ערקלערען, אום צו ליבען...

און דאך האט עס א גרויסע באדייטונג! ווארום אויב דו פאר־שטעהסט ניט, קאנסטו ניט אננעמען אין פולער מאס. און דערצו, אויב מען זאל ריידען וועגען ליבע — טא ווי האבען זיי געליבט? זיי האבען געליבט אינגאנצען ניט אויף א גלייכען אופן.ביידע טעכ־טער פון פאול ריוויער האבען אהן ספק באקומען פון פאטער א גלייך— רייכע ירושה פון געפיהלען — נאר ביי איינער זיינען די געפיהלען געווען באהאלטען, ביי דער אנדערער זיינען זיי געווען צושוואומען. קיין זאך איז ניט געווען אזוי פארשידען ביי ביידע שוועסטער ווי זייער געפיהל פון ליבע. די זעהר קאפריזנע צערטליכקייט פון סיל־וויא'ן, א לאכענדע, א שטיפערישע, וואס האט ניט געוואוסט פון צוואנג, און אין תוך גענומען, זעהר אן אויסגערעכענטע, איז געווען זעהר באוועגליך, אבער האט קיינמאל ניט פארלארען דעם קאמפאס און האט, ארומשוועבענדיג אויף איהרע פליגעלאך, שטענדיג זיך גע־דרעהט ארום דער טויבען־נעסט. אבער א זאנדערבארער ליבעס־טייר־וועל האט זיך באזעצט ביי אנעט און ערשט קוים מיט זעקס חדשים צוריק האט זי זיך באקאנט מיט איהם; זי האט איהם צוריקגעהאלטען, זיך באמיהט איהם צו באהאלטען, ווייל זי האט מורא געהאט פאר איהם; איהר אינסטינקט האט איהר געזאגט, אז אנדערע וועלען איהם ניט פארשטעהן, אט דעם גאט פון ליבע, וואס איז איינגעצאמט אין א שטייג, מיט פארבונדענע אויגען, אן אומרוהיגען, א הונגעריגען מיט א גרויסען באגעהר, וואס ווארפט זיך ארום שווייגענדיג אין די שטייגען פון דער געזעלשאפט און צוגרייזשעט לאנגזאם דאס הארץ אין וועלכען ער איז איינגעשלאסען! די ברענענדיגע ביסען, שטענ־דיגע, שווייגענדיגע האבען געצוואונגען אנעט'ס מוח זיך ארומצו־דרעהען אין דעם זשומען פון אויסמאטערנדיגער פארגליוורונג. עס האט אבער אין דעם אויך ניט געפעהלט קיין פארגעניגען, עהנליך צו יענע אנדערע איינדרוקען, וואס האבען זי געמאכט צו ליידען:

א שאַרשקע שטאָך, א צו־ענגע העמדעל, דאָס גלעטען פון רויהע מעבעל, אָדער די קעלט פון א רויהער וואַנט. קייענדיג די ביטירע קאָרע פון צווייג און עס בייסענדיג, פלעגט זי צייטענווייז פאַרגעסען אַז זיך, אַן דער צייט; דאָס פאַרגעסען פלעגט אָנהאַלטען גאָט ווייס וויפיעל צייט — א פערטעל סעקונדע, אָדער א שעה? — אָבער זי פלעגט פון דעם פּלוצלונג זיך אויפכאַפּען אַ פאַרדעכטיגע און צומישטע, אויפ־כאַפּענדיג דעם אומזיכטיגען בליק פון סילוויא'ן, וואָס פלעגט זיך מאַכען אַז זי ארבייט און צו דערזעלבער צייט מיט א ווינקעל־אויג זיך צוקוקען צו איהר. די קליינע שוועסטער האָט גאָרניט געזאָגט. נים די, ניט יענע האָבען ניט געמאַכט קיין באַוועגונג; אָבער דאָס אויפפלאַקערן פון פלאָם האָט זיך צוגאָסען אויף אַנעט'ס געזיכט. סילוויא, ניט וויסענדיג געגוי, האָט אָבער געשמעקט מיט'ן נעזעל אַז דאָס אינערליכע לעבען, וואָס דרעמעלט ווי א שלענגעל, וואָס איז באַדעקט מיט בלעטער, אויף דער זון און פּלוצלונג מיט אַמאָל, מיט שאַרפע באַוועגונגען, הייבט עס אָן ווילד זיך צוזאַמענצודרעהען. די עלטערע שוועסטער איז איהר אויסגעקומען זאָנדערבאַר, א ביסעל משוגע, אין אמת'ן ניט אַזאַ ווי אַלע אַנדערע . . . איהר האָט איבער־ראַשט אין דער שוועסטער ניט אַזוי איהרע ליידענשאַפטליכע אָנ־פאַלען און די היציגקייט, וועלכע זי האָט אויסגעטייטשט אין אַנעט'ס אומקלאָרע געדאַנקען, ווי די כמעט טראַגישע ערנסטקייט, וואָס זי האָט אין זיי אריינגעטראָגען. טראַגיש. אַך, וואָס פאַר א געדאַנקען! וואָס קאָן מען מיט זיי מאַכען? עס איז אַזוי ווי עס איז. מען נעמט אַלץ אַז ווי עס איז אין דער ווירקליכקייט. סילוויא'ן האָבען ניט באַאומרוהיגט יענע אַנדערהאַלבען־טויזענט פאַנטאַזיעס, וואָס האָבען זיך פאַרביינעגליטשט אונטער איהר הויט! זיי קומען און געהען אוועק! דאָס אַלץ, וואָס עס איז גוט און אָנגענעהם — איז איינפאַך און נאַטירליך. און דאָס אַלץ, וואָס איז שלעכט און אומאָנגענעהם — איז אויך פונקט אַזוי איינפאַך און נאַטירליך. צי עס איז גוט אָדער שלעכט — איך שלינג עס אַרונטער, און עס גליטשט זיך שנעל דורך. צו וואָס מאַכען אַזוי פיעל צערעמאָניעס? . . . אַך, אַט די צורודערטע אַנעט! — מיט א גאַנצען וועלדעל פון ברענענדיגע און קאַלטע גע־דאַנקען, מיט א גאַנצען הויפען פון פאַרלאַנגען און שרעקענס, מיט אַ גרויסער דורכמישונג פון ליידענשאַפט און שעמעדיגקייט, וואָס

זיינען פאַרפלאָנטערט אין אַלע ווינקעלאַך! ... ווער וועט זיי פאַר־נאַנדערפּלאָנטערן? ... און דאַך, זייענדיג אַזאַ אומנאַרמאַלע, אומ־געוועהנליכע און אומפאַרשטענדליכע, האָט זי דאָך שטאַרק אינטערע־סירט און אינטריגירט סילוויאַ׳ן און צוגעצויגען זי צו זיך; און דער־פאַר האָט זי איהר נאָך מעהר געליבט...

דאָס לאַנג־אָנהאַלטענדע שווייגען איז געווען אָנגעזעטיגט מיט אומרוהיגע סודות. סילוויא האָט פּלוצלונג זיך אַרויסגעריסען פון איהם און האָט גענומען ריידען וועגען וואָס עס האָט זיך געמאַכט... שנעל, זעהר שנעל און גאַנץ שטיל, אַריינלאָזענדיג דעם קאָפּ אין דער אַרבייט, אַזוי ווי זי וואָלט געוואָלט אויסזידלען די שוועסטער, האָט זי גענומען אַרויסזאָגען אַ רייה פון זינלאָזע ווערטלאַך, הויפּטזעכליך אויף „אי“, ווי דאָס „קיקיקי“ פון אַ פייגעלע, וואָס ציטערט אויף פון פרייד. נאָכדעם האָט זי פּלוצלונג ווידער אָנגענומען אַן ערנסטע, וויכ־טיגע מינע, און עס האָט אויסגעוויזען, ווי זי וואָלט זאָגען: „ווער? איך? איך האָב קיין זאַך ניט געטאָן“ ... אָדער, בייסענדיג דעם פאָדים, האָט זי אָנגעהויבען אונטערצוזינגען מיט איהר דינער שטימכעלע אונ־טער׳ן נאָז עפּעס וועלכען אַ זעהר נאַרישען ראָמאַנס, וואו עס האָט זיך גערעדט וועגען בלומען און פויגלען, אָדער עפּעס אַן אויסגעלאַ־סענע לידעל, וועמעס חוצפּה׳דיגע ווערטלאַך זי האָט כיטרע אַרויסגע־רעדט מיט דער מינע פון אַ סטאַטעטשנעם קינד. אַנעט איז אויפגע־שפּרונגען, האַלב לאַכענדיג, האַלב בייז:

— שווייג, שווייג, זאָג איך דיר!

זיי האָט עס דערלייכטערט. די לופט איז געוואָרען שיטערער. וואָס הייסט ווערטער? די שטימען אליין — ווי זיי וואָלטען צוזאַ־מענבינדען פון דאָס ניי. די נשמות ווערען נעהענטער. וואו זיינען מיר געווען מיט אַ מינוט צוריק? ... היט זיך פאַר׳ן שווייגען! צי ווייסען מיר, וואָס דאָס איז דער מינוט פון פאַרגעסען קאָן עס דיך אָדער מיך אוועקטראָגען אויף זיינע גיכע פליגלען? רייד מיט מיר.! איך וועל ריידען מיט דיר. איך האַלט דיך. האַלט מיך פעסט! ...

זיי האָבען זיך שטאַרק געהאַלטען איינע אָן די אַנדערע. זיי האָבען פעסט באַשלאָסען איינע די אַנדערע ניט אַרויסצולאָזען, וואָס עס זאָל ניט געשעהן. וואָס עס זאָל ניט געשעהן, וועט עס ניט אָנ־

ריהרען דעם תוך: — „איך בין איך; דו ביזט דו; מיר בייטען זיך. זאָלען מיר זיך געבען די הענט. מיר וועלען פון דעם ניט אָפּטרעטען". דאָס איז געווען אַ געגענזייטיגע מתנה; אַ שטילשווייגענדער אָפּ־מאַך, עפּעס אַ בונד פון נשמות, שטאַרקער שוין דערפאַר אַליין, וואָס קיין אויסערליכער צוואַנג — ניט קיין געשריבענער קאָנטראַקט, ניט קיין קירכליכע אָדער בירגערליכע אינסטיטוציע — האָט איהם ניט שווער געמאַכט. און אויב זיי זיינען פאַרשידען — טאָ איז וואָס? עס האָבען אַ טעות די וואָס מיינען, אַז די בעסטע בונדען האַלטען זיך אויף עהרליכקייט אָדער אויף קאָנטראַסטען. ניט דאָס און ניט יענעס. נאָר עפּעס אַן אינערליכער אַקט, עפּעס אַן „איך קלייב אויס, איך וויל און איך שווער", אַ גוטע פאַרהאַרטונג, פאַרפעסטיגט מיט דעם שטעמפּעל פון געמיינזאַמען באַשלוס. אַז אייגנעשפּאַרטען, ווי די ביידע מיידלאַך מיט די קיילאַכדיגע שטערנס. „איך באַזיץ דיך און איך בין איצט פונקט אַזוי ווייניג אימשטאַנד דיך אָפּצוגעבען צו אַן אַנדערן, ווי זיך אַליין צוריקצונעמען . . . איבעריגענס, ביזטו פריי צו ליבען וועמען דו ווילסט, צו טאָן וואָס דיר געפעלט, וועלכע שגעונות דו ווילסט, זאָגאַר קליינע פאַרברעכענס, אין לעצטען פאַל (איך ווייס גאַנץ גוט, אַז דו וועסט עס ניט טאָן, אָבער אויב אפילו אַזוי!) — דאָס אַלץ וועט קיין זאַך ניט ענדערן אין אונזער אָפּמאַך . . ." זאָל, ווער עס וויל, עס דערקלערן! אויב די עהרליכע אַנעט וואָלט געהאַט דעם מוט צו דערגעהן ביז צו ענד אין איהרע געדאַנקען, וואָלט זי געדאַרפט זיך מודה זיין, אַז זי איז גאַרניט זיכער אין סילוויא'ס מאָראַלישער פעסטקייט און איהרע צוקונפטיגע טריט. און סילוויאַ, מיט איהר שאַרפער אויג, וואָלט ניט גאַראַנטירט, אַז אַנעט וועט ווען עס איז זיך ניט אַרויסווייזען פעהיג אויף עפּעס אַ געפעהרליכען טריט. נאָר איז געווען שייך אַנדערע, צו זיי האָט עס קיין שייכות ניט געהאַט. זיי ביידע זיינען געווען זיכער, זיי האָבען געהאַט דעם אַבסאָלוטען צוטרויען איינע צו דער אַנדערער. די גאַנצע איבעריגע וועלט האָט זיך געקאָנט איינאָרדענען ווי עס האָט געוואָלט. וואָס עס זאָל ניט פאַרקומען, האָבען זיי אַלץ מוחל געווען איינע די אַנדערע מיט פאַר־מאַכטע אויגען, אַזוי לאַנג ווי דאָס האָט נאָר ניט געקאָנט אָנריהרען זייער געגענזייטיגע ליבע.

דאָס איז פיליכט געווען ניט זעהר מאָראַליש; איז ניט קיין

געפּאהר: עס וועט זיך געפינען אַן אַנדער געלעגענהייט אָפּצוהיטען די מאָראַל.

אַנעט, אַ ביסעל אַ פּעדאַנטישע, וואָס האָט געקענט דעם לעבען נאָך ביכער — וואָס דאָס האָט איהר ניט געשטערט צו עפענען דאָס בוך פון לעבען נאָך אַמאָל (ווארום ביים לעבען גופא איז נאָר אַן אַנ־דער קלאַנג, אויב דו הערסט עס ניט פון ביכער) האָט זיך דערמאָנט אַן שילער'ס שעהנע פערזען

„זיהן מיינע, די וועלט איז פול מיט ליגען און האַס,
יעדער איינער ליבט נאָר זיך;
אַלע בענדער, וואָס קומען פון ניט פעסטען גליק, זיינען אומזיכער . . .
דאָס וואָס דער קאַפּריז האָט פאַרבונדען, וועט דער קאַפּריז אויך
פאַרנאַנדערבינדען.
די נאַטור אַליין איז אויפריכטיג;
זי אַליין רוהט אויף פעסטע אַנקערס.
אַלעס איבעריגע שווימט לויט דעם ווילען פון די שטורמישע
כוואַליעס . . .
די סימפּאַטיע גיט אייך אַ פריינד, דער נוצען — אַ חבר;
גליקליך איז דער, וועמען די געבורט גיט אַ ברודער! . . .
זיי זיינען בייגאַנד אום צו קאָנען ווידערשטעהן געגען דער וועלט
פון קריג און פאַרראַט . . .

סילוויא האָט פון אַזוינע געדאַנקען ניט געוואוסט, זעלבסטפאַר־שטענדליך! און זי וואָלט זיי געפונען פאַר צו אומקלאָר און אַז דאָס זיינען צופיעל ווערטער אויסצודריקען אַזאַ איינפאַכען געפיהל. אָבער, קוקענדיג אויף אַנעט, וואָס איז געזעסען ניט אַרבייטענדיג אַראָפּגע־לאָזען דעם קאָפּ, און אויף איהר פעסטען קאַרק און אויף די גע־דיכטע פאַרקאַמטע, געפלאָכטענע האָר — האָט זי געטראַכט:

— זי האָט זיך ווידער פאַר'חלומ'ט, אָט די עטלערע; זי האָט ווידער זיך אַרונטערגעטונקט אין דעם קעסטעלע פון נאַרישע זאַכען. אין אָט דעם קעסטעל מוז ליגען באַהאַלטען אַ סך גוטעס! . . . אָבער אַהין מיר וועט מען איהם ניט עפענען . . .

ווארום די אינגערע איז געווען איבערצייגט, פיליכט צופיעל שוין איבערצייגט, אין דעם, אַז איהר געזונטער פאַרשטאַנד און ער־

— 9

פאהרונג שטעהען ווייט העבער ווי דער שוועסטערס. זי האט געזאגט צו זיך אליין:

— איך וועל איהר פארטיידיגען.

זי האט געדארפט קודם כל זיך אליין פארטיידיגען, ווארום ביי איהר אין קעסטעלע איז אויך געלעגען א סך נארישע זאכען. אבער זי האט זיי געקענט פון פאראויס. זי האט געקוקט אויף זיי, ווי א בעל־הבית קוקט אויף זיינע קווארטיראנטען. אויב מען גיט זיי אפ א צימער, איז עס ניט אומזיסט . . . און נאכהער, טו וואס דו ווילסט, און זאל זיין וואס עס איז! אזוי לאנג ווי עס האט זיך געהאנדעלט וועגען איהר אליין האט עס ניט געהאט קיין גרויסע באדייטונג. זי וועט שטענדיג זיך קאנען ארויסדרעהען . . . אבער שטעהן אויף דער וואך פון א צווייטער איז געווען א נייער און זעהר א רייצענדער געפיהל.

אין דערזעלבער צייט . . . אנעט, וואס האט געהאלטען דעם קאפ ארונטערגעלאזען ניט ארבייטענדיג, האט זיך ארומגעטראגען פונקט מיט דעם זעלבען געפיהל. זי האט געטראכט:

— מיין טייערע, קליינע שטיפערקע! . . . צום גליק בין איך אין צייט געקומען אום איהר צו פיהרען פאר'ן האנט! . . .

און זי האט געבויט פלענער וועגען סילוויא'ס צוקונפט, וואס זיינען בלי ספק געווען וואונדערבאר, אבער וועגען וועלכע סילוויא'ס מיינונג אליין איז געבליבען אומבאקאנט . . .

און יעדע איינע פון זיי האט באוויזען גענוג זיך אנצופאנטאזירען וועגען דעם גליק פון דער צווייטער (און וועגען אייגענעם גליק אויך, זעלבסטפארשטענדליך).

— אי, אי, מיין נאדעל האט זיך צובראכען . . . מען קאן מעהר ניט זעהן . . .

און זיי האבען אוועקגעווארפען די ארבייט און זיינען געגאנגען צוזאמען זיך דורכשפאצירען, כדי אויסצוגלייכען די פיס; זיי זיינען געגאנגען אונטער'ן רעגען זיך איינוויקלענדיג ביידע אין דעמזעלבען מאנטעל אין דער טיפקייט פון גארטען, אונטער די וויינענדע בוי־מער, וואס האבען שוין זייערע האר פארלארען; זיי האבען אונטער דעם וויינשטאק גענומען קייען א צווייגעל פון העלע וויינטרויבען, וואס איז געווען געשמאקער דערפאר, וואס עס איז געווען נאס, און

האָבען געפּלוידערט, געפּלוידערט . . . נאכהער זיינען זיי פּלוצלונג אַנטשוויגען געוואָרען, זיך צוהערענדיג און איינאַטעמענדיג דעם הערבסט־ווינט, דעם ריח פון די אָרונטערגעפאַלענע פּרוכט, (זיי וואָלט עס איינגעשלונגען!) פון טרוקענע בלעטער, דאָס פאַלענדע אָקטאָבער־ליכט, וואָס ווערט אויסגעלאָשען אום פיער אַ זייגער, דאָס שווייגען פון די איינגעשלאָפענע פעלדער, די ערד, וואָס האָט דעם רעגען אַריינגעצויגען, די נאַכט . . .

און, זיך נעמענדיג פאַרביידע הענט, האָבען זיי פאַנטאַזירט צוזאַמען מיט דער ציטערנדיגער נאַטור, וואָס האָט אין זיך באַהאַלטען דעם קליינמוטיגען, אָבער פלאַמענדען טרוים וועגען פריהלינג — דעם רעטעניש פון דער צוקונפט.

אין אַט די צערטליכע און נעבעלדיגע, ווי מיט שפּינגעוועבס אַרומגעוויקעלטע, אָקטאָבער־טעג, איז זייער נאָהענטקייט זיי געוואָרען אַזוי נויטיג, אַז זיי האָבען זיך געשטעלט די פראַגע: ווי אַזוי האָבען זיי פריהער געקאָנט זיך באַגעהן אָהן דעם?

און דאָך זיינען זיי אָהן דעם זיך באַגאַנגען פריהער און זיי וועט נאָך אויסקומען זיך צו באַגעהן אָהן דעם אויך שפּעטער. צו צוואַנציג יאָהר שליסט דאָס לעבען זיך ניט איין אין איין צובונד, ווי טייער עס זאָל ניט זיין — באַזונדערס דאָס לעבען פון אַזוינע צוויי פליהענדע באַשעפעניש׳ען. זיי מוזען נאָך אויספּרובירען די גרויסקייט פון דער פרייער לופט. ווי שטאַרק דער ווילען פון זייערע הערצער האָט ניט געפאָדערט, איז דאָך דער אינסטינקט פון זייערע פליגלען געוועזען נאָך שטאַרקער. און ווען אָנעט און סילוויאַ האָבען צערטליך געזאָגט איינע צו די אַנדערע:

— ווי אַזוי האָבען מיר אַזוי פיעל יאָהר געקאָנט לעבען איינע אָהן די אַנדערע? — האָבען זיי זיך ניט מודה געווען:

און דאָך וועט מען פריהער אָדער שפּעטער מוזען (וואָס פאַר אַ פּאַרדרוס!) ווייטער לעבען איינע אָהן די אַנדערע.

ווארום אַ צווייטער קאָן ניט לעבען פאַר אייך, אַנשטאַט אייך; און איהר וואָלט עס אַליין ניט געוואָלט. דאָס באַדערפניש אין גע־גענזייטיגער ליבע איז, אָהן צווייפעל, געווען גרויס ביי זיי; אָבער אין יענער איינער פון זיי איז געווען אויך אַן אַנדער באַדערפניש, אַ פיעל שטאַרקערע, וואָס דרינגט אריין פיעל טיפער, ביז דעם סאַמע קוואַל פון דער עקזיסטענץ פון דיביידע קליינע ריוויערס: דאָס באַדערפניש און אומאָפּהענגיגקייט. זייענדיג אַזוי פאַרשידען אין אַזוי פיעל פּרטים, האָבען זיי דאָך אָבער ביידע דוקא געהאַט (וואָס פאַר אַ שלים־מזל!) געמיינזאַם אַט דאָס באַדערפניש אין אומאָפּ־הענגיגקייט. זיי האָבען עס ביידע געוואוסט גאַנץ גוט: און דאָס איז אויך געווען איינע פון די הויפּט־אורזאַכען, פאַרוואָס זיי האָבען

איינע די אַנדערע אַזוי געליבט, כאָטש זיי האָבען ניט געוואָלט זיך מודה זיין אין דעם, ווארום זיי האָבען אין דעם זיך אַליין דערקענט.— אָבער אויב אַזוי, וואָס איז געוואָרען פון זייערע פּלענער צו פּאַראַיי־ניגען זייערע לעבענס? אין דער צייט וואָס יעדע פון זיי האָט זיך ארומגעטראָגען מיט'ן געדאַנק, אַז זי וועט שטעהן אויף דער וואַך פון דער צווייטענס לעבען, האָט יעדע פון זיי געוואוסט, אַז די צווייטע וועט ניט מסכים זיין דערצו, פּונקט ווי זי אַליין וועט ניט מסכים זיין. דאָס איז געווען אַ צערטליכער חלום, מיט וועלכען זיי האָבען זיך געשפּיעלט, און זיי האָבען זיך באַמיהט אַז די שפּיעל זאָל אָנהאַלטען וואָס לענגער.

אָבער גאַנץ לאַנג האָט עס ניט געקאָנט אָנהאַלטען.

אַז יעדע זאָל בלייבען אומאָפּהענגיג פון דער אַנדערער — דאָס איז געווען נאָך צו דערליידען. אָבער אָט דיביידע קליינינקע רעפּובליקען, וואָס זיינען געווען אַזוי אייפערזיכטיג אויף זייער פרייהייט, זיינען געווען באַהערשט, ווי אַלע רעפּובליקען, פון דעספּאָטישע אינ־סטינקטען. יעדע איינע האָט געהאַט איהר ריכטונג, און, האַלטענדיג נאָר איהרע איינענע געזעצען פאַר גוט, האָט זי געוואָלט זיי ארויפ־צווינגען אויך אויף דער צווייטער. אַנעט, וואָס איז געווען פעהיג אויף זעלבסט־קריטיק, פלעגט נאָך יעדער פּראָבע זיך אריינמישען אין די רעכטען פון דער שוועסטער, זיך מאַכען פאַרוואורפען; און דאַן פלעגט זי באַלד ווידער באַנייען איהרע פּראָבעס. זי האָט באַ־זעסען אַן עהרליכע און ליידענשאַפטליכע נאַטור, וואָס איז געגען איהר ווילען געווען גענייגט צו הערשען. איהר נאַטור איז אפילו געווען פעהיג אַ געוויסע צייט זיך צו לאָזען איינצאַמען פון אַ געוויסער ליבע; אָבער איינגאַנצען זיך ענדערן האָט זי ניט געקאָנט. און מען מוז מודה זיין, אַז אויב אַנעט האָט זיך באַמיהט זיך צוצופּאַסען צו סילוויא'ס פאַרלאַנגען, האָט סילוויא ניט געשטרעבט איהר לייכטער צו מאַכען די אויפגאַבע. זי האָט שטענדיג געהאַנדעלט ווי איהר פלעגט איינפאַלען אין קאָפּ, און אין פאַרלויף פון מעת־לעת פלעגט איהר איינפאַלען אין קאָפּ מעהר ווי צו איין פאַרלאַנג אַ שעה און זיי האָבען זיך ניט צוגעפּאַסט איינע צו די אַנדערע. אַנעט, וואָס איז געווען מעטאָדיש און האָט האַלט געהאַט אַ סיסטעם, האָט אין אָנהויב גע־לאַכט, נאָכהער פלעגט זי ווערען אין כעס אויף די קאַפּריזען, וואָס

האָבען זיך ביי דער שוועסטער געענדערט ווי דער ווינט. זי האָט גערופען די שוועסטער: „די ווינט־ראָזע“ און „איך וויל... וואָס וויל איך?“ און סילוויא האָט איהר גע־רופען: „וויכער“, „מאדאם באפעהל“, „האַלבער טאָג אום 12 אַ זייגער“, וואָרום דער שוועסטערס פינקטליכקייט האָט איהר אין כעס אריינגעבראַכט.

זיי האָבען אויך ווייטער געליבט איינע די אַנדערע, אָבער זיי איז שווער געווען אויף לאַנג זיך צוצופּאַסען צום זעלבען זאַרט לעבען. זיי האָבען געהאַט פאַרשידענע געשמאַקען, פאַרשידענע געוואוינהייטען.

אַזוי ווי זיי האָבען איינע די אַנדערע געליבט, האָט אַנעט גע־פונען אין זיך די געדולד אויסצוהערען קליינע רכילות׳ן סילוויא׳ס, וועלכע האָט געהאַט אַ שאַרפע אויג און אַ גוטען אויער אַנצוקלייבען זיי און דערביי ניט קיין זעהר גוטען צינגעל. סילוויא האָט אין זיך געפונען כחות זיך צו פאַרשטעלען, ווען זי האָט געהאַלטען אין אונטערדריקען אַ געניץ.

(„ענדיג שוין! ווען וועט שוין נעמען אַ סוף?...“)

אַז זי איז שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דעם זי איינשלעפערנ־דיגען לייענען, אַ פאַרגעניגען מיט וועלכען אַנעט האָט זיך געוואָלט טיילען מיט איהר.

(„מיין גאָט! ווי שעהן עס איז, מיין טייערע!“)

אָדער ביי די אומגעלומפּערטע גייסטיגע איבונגען אויף די טעמאַס וועגען לעבען, טויט אָדער געזעלשאַפט...

„אַט איז אַן אומעט אביסעל!... טראַלאַלאַ!... אַט דאָס הייסט ניט האָבען קיין אַנדערע דאגות!“)

— און דו? — פרעגט אַנעט — וואָס דענקסטו וועגען דעם, סילוויא?

(„עס אינטערעסירט מיך ווי פאַר־אַ־יאָהריגער שניי!“ — האָט סילוויא געטראַכט.)

— איך בין איינשטימיג מיט דיר, מיין טייערע.

דאָס אַלץ האָט אָבער זיי משום אופן ניט געשטערט איינע די אַנדערע צו פאַרגעטערן. מעהר ניט די געשפּרעכען זיינען צוליב די פאַרשידענקייט געוואָרען אביסעל אומבאַקוועם.

אָבער וואָס טוט מען פאַרט גאַנצענע טעג איינע אַליין אין דעם אומעטיגען הויז אויפ'ן ברעג וואַלד, אין מיטען פון די אַפּגעליידיגטע פעלדער, אונטער דעם נידעריגען הערבסט־הימעל, וואָס גיסט זיך צו־זאַמען אין נעבעל מיט דער נאַקעטער פלאַכער ערד? סילוויאַ האָט געמעגט וויפיעל זי וויל זיך איינריידען, אַז זי פאַרגעטערט דעם דאָרף — זי האָט אָבער גיך אויסגעשעפּט די דאָרפישע פאַרגעניגענס: זי האָט זיך דאָ געפיהלט פאַר אומנוציג, אַרויסגעשלאָגען פון איהר קאַלייע, אַ פאַרבלאָנדזשעטע . . . נאַטור, נאַטור . . . זאָלען מיר זיין אָפּגעהערציג! די נאַטור האָט אויף זי אָנגעהויכט אַ טויטליכע לאַנג־ווײַלע . . . אַ פּאַסענדער אָרט פאַר שלעפערס! . . . זי האָט ניט גע־קאָנט איבערטראָגען די קליינע אומבאַקוועמליכקייטען: נעבעטען ווינ־טען, רעגען, בלאָטע (די פּאַריזער בלאָטע האָט איהר אויסגעוויזען אַנגענעם אין פאַרגלייך מיט דער), מייז, וואָס לויפען אַרומזוכענדיג אַלטע בריקלאַך, שפּינען, וואָס קערען זיך אום צוריק אין הויז זיך צו באַזעצען אויף ווינטער־קוואַרטיר, און אָט די שרעקליכע חיה'לאַך, די טרובענדיגע מאַסקיטאַס, וואָס סמאַקעווען זיך מיט איהרע קנעכלאַך און הענט. זי איז געווען גרייט צו וויינען פון אויפרעגונג און פאַר־דרוס. — אַנעט, פאַלשטענדיג באַפרידיגט מיט דער פרישער לופט און מיט דער איינזאַמקייט אין דער געזעלשאַפט פון דער געליבטער שוועס־טער, וואָס האָט ניט געוואוסט פון לאַנגווייליגקייט און וואָס האָט געלאַכט פון די מאַסקיטאַ־בייסען, האָט געפּרובירט מיטשלעפּען מיט זיך סילוויאַ'ן אין איהרע שפּאַצירען איבער די בלאָטעס, ניט באַ־מערקענדיג דעם אויסדרוק פון עקעל אויף דער שוועסטערס געזיכט. דער אַנפאַל פון אַ רעגענדיגען/ווינט האָט זי פאַר'שכור'ט, זי האָט פאַרגעסען אַז סילוויאַ'ן און האָט געשפּרייזט מיט גרויסע טריט איבער אַ צואַקערטען פעלד, און איבער'ן וואַלד, אויפשאָקעלנדיג די נאַסע צווייגען; נאָר אַ לאַנגע צייט שפּעטער האָט זי זיך דערמאָנט אַן דער פאַרלאָזענער אינגערער שוועסטער. און סילוויאַ האָט זיך גע־בלאָזען, האָט אַרומגעקוקט איהר געשוואָלענע געזיכט אין שפּיגעל און איז אויסגעגאַנגען פון אומגעדולד, טראַכטענדיג:

„ווען זשע וועלען מיר געהן צוריק?"

סוף כל סוף האָט די אינגערע ריוויער צווישען איהרע טויזענט און איינע שטרעבונגען און שוואַכקייטען, געהאַט איין גוטע, פעסטע

שטרעבונג, וואס קיין זאך האט אין איהר עס ניט געקאנט אפשטעלען, און די דארף־לופט האט עס צוגעגעבען נאך א נייעם גלאנץ: זי האט האלט געהאט איהר מלאכה! זי האט עס באמת ליב געהאט. זי האט באלאנגט צו דעם גוטען מין פון פאריזער ארבייטער. און זי האט זיך געגוויטיגט אין ארבייט, אין דער נאדעל און פינגערהוט צו האלטען די הענט און די געדאנקען באשעפטיגט. זי האט געהאט אן איינגע־בארענע תשוקה צום נייען; זי האט געהאט א פיזישען פארגעניגען צו דרעהען גאנצענע שעה'ן די שטאף, די דינע געוועב, דאס זיידענע מוסלין, צוזאמענלייגען און קנאקען מיט'ן גראבען פינגער א צוזאמענ־געקנייטשטע לענטע. און דערצו איהר אויבערשטער עטאזש, וואס האט, גאט צו דאנקען, ניט געלאזט זיך פארפיהרען פון יענע אידעען, מיט וועלכע אנעט'ס גרויסער פארשטאנד איז געווען פול, נאר וואס האט געוואוסט אז דא, אין דעם קעניגרייך פון שמאטעס, דארף ער ניט געהן אנטלייהען קיין אידעען . . . צי האט זי דען געקאנט פון דאס אלץ זיך אפזאגען? מען רעכענט אז א פרוי האט ניט קיין גרעסערן פארגעניגען, ווי צו טראגען שעהנע קליידער! . . . פאר א פרוי, וואס איז באמת באגאבט, איז א פיעל גרעסערער פארגעניגען אליין זיי צו אויסמייסטערעווען. און ווער עס האט איינמאל אויס־געפרובירט דאס דאזיגע פארגעניגען, קאן שוין מעהר קיינמאל פון איהם זיך ניט ענטזאגען. אין דעם געצערטעלטען לײדיג־געהן, אין וועלכען די שוועסטער האט זי געהאלטען, האט סילוויא געביינקט נאך דעם גערויש פון די גרויסע שער און דער מאשין, אין דער צייט וואס אנעט'ס הענט זיינען ארומגעלאפען איבער די פיאנא־ביינדלאך. אלע קונסטווערק, ווען מען וואלט זיי פארגעלייגט, זיינען ניט ווערטה געווען אין איהרע אויגען דעם גוטען, קאפלאזען מאנעקין, ארום וועמען מען קאן דראפירען די שטאף נאך דער אייגענער פאנטאזיע, וועמען מען דרעהט ארום און וועמען מען דרעהט זיך אליין ארום, זיי־צענדיג אויף די קני, וועמען מען גיט אין א שפאס א פאטש, אדער מען נעמט איהם ארום אין די ארימס, כדי מיט איהם זיך דורכצור־טאנצען, ווען די עלטערע ארבייטערקע איז ניטא. אייניגע ווערטער, צופעליג ארײנגעווארפענע, האבען ארויסגעגעבען די ריכטונג, אין וועל־כער עס געהען איהרע געדאנקען. און די צורייצטע אנעט, זעהענדיג ווי די אויגען האבען זיך פארגאנדערגעבערענט ביי איהר, האט פאר־

שטאַנען אַז איהר וועט נאָך אויסקומען צו לעבען אין דער קליידער־פאַבריק.

דערפאַר, ווען נאָך דעם אומקעהרען זיך אין פּאַריז האָט סילוויא ערקלערט, אַז זי וועט זיך ווידער אריבערקלייבען און זיך נעמען פאַר איהר רעגעלמעסיגער ארבייט, האָט אַנעט אַ זיפץ געטאָן, איז אָבער ניט געווען פאַרוואונדערט. סילוויא, וואָס האָט ערוואַרט אַ ווידער־שטאַנד, איז געווען פיעל מעהר געריהרט פון דעם זיפץ און פון דעם שווייגען, ווי פון וועלכע עס איז ווערטער. זי האָט זיך אַ וואָרף געד־טאָן צו דער שוועסטער, וואָס איז געזעסען אויפ'ן שטוהל, האָט זיך אוועקגעשטעלט פאַר איהר אויף די קני און האָט זי ארומגעכאַפּט פאַר דער טאַליע, אויסשטרעקענדיג די ליפּען:

— אַנעט, זיי ניט אין כעס אויף מיר!

— מיין טייערע, — האָט אַנעט געזאָגט — דיין גליק איז מיין גליק, דו ווייסט עס.

אָבער עס איז איהר אומטיג געוואָרען אויפ'ן הארצען; סיל־וויא'ן — אויך.

— איך בין ניט שולדיג, — האָט זי געזאָגט. — איך ליב דיך אַזוי שטאַרק, איך פאַרזיכער דיר!

— יאָ, מיין קליינע, איך בין זיכער אין דעם.

זי האָט אַ שמייכעל געטאָן, אָבער האָט נאָך אַמאָל אַ טיפען זיפץ געטאָן. סילוויא, וואָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויף די קני, האָט מיט די הענט ארומגעכאַפּט איהר געזיכט, און, צודריקענדיג עס צו איהר געזיכט, האָט זי געזאָגט:

— איך פאַרבאָט דיר צו זיפצען!... שלעכטע איינע! אויב דו וועסט אַזוי זיפצען וועל איך ניט קאָנען אוועקגעהן. איך וויל ניט זיין קיין קליינער הענקער.

— ניין, מיין טייערע, וויין ניט... פאַרצייה מיר, איך וועל מעהר עס ניט טאָן... אָבער דאָס איז ניט דערפאַר, וואָס איך פאַר־דאָס דיך. דאָס איז דערפאַר, וואָס מיר צושיידען זיך.

— צושיידען זיך!... דאָס הייסט גערעדט!... שלעכטע איינע!... מיר וועלען זיך זעהן יעדען טאָג. דו וועסט קומען צו מיר און איך וועל קומען צו דיר. דו וועסט לאָזען מיין צימער פאַר

מיר. אפשר ווילסטו עס צוגעמען ביי מיר? ניין, ניין, דאָס איז מיינס, איך וועל עס דיר ניט אָוועקשענקען. ווען איך וועל פּאַרמאַ־טערט ווערען, רעכען איך שטאַרק אויף דעם, אַז מען זאָל מיך ווידער אין דעם צימער צערטלען. און ווייסטו גאָר וואָס, ווען עס איז אָוועגט, ווען דו ווּעסט מיך גאַרינט ערוואַרטען אין א ניט געוועהנליכע שעה, וועל איך קומען, איך האָב דאָך א שליסעל, און וועל דיך איבער־ראַשען . . . היט זיך, אויב דו ווּעסט עפּעס אַפּטאָן מחזקות! . . . דו ווּעסט זעהן, ווּעסט זעהן, מיר וועלען ליבען איינע די אַנדערע נאָך מעהר ווי איצט; אַזוי ווּעט זיין נאָך בעסער . . . זיך צושיידען! . . . דו מיינסט, אַז איך וואָלט געוואָלט זיך פאַרנאַנדערגעהן מיט דיר, אַז איך וואָלט געקאָנט זיך באַגעהן אָהן מיין שעהנינקער אַנעט!

— אַך, דו שטיפערקע! דו גאָר־נישט! — האָט געזאָגט לאַ־בענדיג אַנעט. — ווי זי קאָן עס איינרייידען! מאָוס'ע, קליינע ליג־נערקע!

— אַנעט! זייט ליבענסווירדיג, און זידעלט זיך ניט! — האָט סילוויא שטרענג געזאָגט.

— איז איינפאַכע ליגנערקע . . . אַזוי איז ערלויבט?

— יאָ, דאָס איז נאָך ווי עס איז, — האָט סילוויא גרויסמוטיג געענטפערט.

זי האָט זיך א וואָרף געטאָן אַנעט אויפ'ן האַלז און זי גענומען קושען אַזוי שטאַרק, ווי זי וואָלט וועלען איהר דערשטיקען.

— איך זאָג דיר ליגען, איך זאָג דיר ליגען, איך וועל דיך אויפ־עסען! . . .

דורך פריינדליכקייט און כיטראַסט האָט זי געפונען אַן אַנדער מי־טעל ווי אַזוי צו מאַכען איהר מוחל זיין. זי האָט געבעטען אַנעט, אַז יענע זאָל איהר העלפען זיך איינאָרדנען זעלבשטענדיג. אַט די צוואַנ־ציג־יעהריגע יוגענד האָט געוואָלט זיין א בעל־הבית'טע ביי זיך אַליין, ניט זיין אונטער קיינעמס קאָמאַנדע, און אַליין נאָך בעלי־בית'עווען כאָטש איבער איין מאַנעקין. אַנעט איז געווען ענטציקט מיט דעם געדאַנק, אַז זי קאָן איהר געבען געלט. די שוועסטער האָבען צוזאַמען אויפגעשטעלט א סמעטע, האָבען שטאַרק זיך געקריגט וועגען דעם, ווי עס איינצואָרדנען, און אין די נעכסטע טעג נאָך דעם זיינען זיי

ארומגעלאָפען, פריהער זוכענדיג אַ וואוינונג, נאכהער עס פאַרנאַנדער־געשטעלט, נאכהער געקראַגען די נויטיגע ערלויבנישען, און אין אָווענט אויסגעשטעלט צעטלאַך פון די צוקונפטיגע קליענטקעס, און אויסגעבויט פלענער אויף פלענער, כלאַפּאַטען אויף כלאַפּאַטען — אַזוי אַז ביי אַנעט האָט זיך באַקומען דער איינדרוק, אַז סוף כל סוף אָרדענט זי אַליין זיך איין צוזאַמען מיט סילוויאַ'ן, און זי האָט פאַרגעסען, אַז זייערע לעבענס דאַרפען זיך פאַרנאַנדערגעהן.

עס האט ניט גענומען לאנג און קליענטקעס האבען זיך גענומען באווייזען ביי סילוויא'ן. אנעט האט געפראנטעוועט ביי איהרע פריינד אין די שענסטע קליידער פון דער קליינער נייטערקע, זינגענדיג איהר איבעראל ליוב־געזאנגען, און עס האט איהר זיך איינגעגעבען אריינצושיקען דער שוועסטער ניט ווייניג פרויען פון איהר קרייז. סילוויא פון איהר זייט, האט אומפארשעהמט זיך באנוצט מיט די אדרעסען פון די קליענטקעס פון איהרע פריהערדיגע בעל־הבית'טעס, זי האט אבער גאנץ פארנינפטיג זיך צוריקגעהאלטען פון דעם צו וועלען צוגיך אויסשפרייטען דעם קרייז פון איהרע אונטערנעמונגען. אלץ ווערט געטאן איינס נאך דאס אנדערע. דאס לעבען איז לאנג. עס וועט זיין צייט פאר אלץ . . . זי האט האלט געהאט די ארבייט, איז אבער ניט דערגאנגען צו דער מאניע פון יענע מענשליכע מוראשקעס — באזונדערס צווישען די פרויען — וואס זיינען זיך מוסר נפש פאר דער ארבייט. זי האט געוואוסט ווי איבערצולאזען צייט אויך פאר פארגעניגען. ארבייט איז איינע פון די „פארגעניגענס", אבער ניט דאס איינציגע. — „אלץ צו ביסלאד — אזוי איז דער שפרוך פון אן אפעטיט א קליינעם, אבער א נאשערשען און נייגעריגען . . ."

אין פארלויף פון א קורצער צייט איז איהר לעבען געווארען אזוי פארפול, אז עס איז געבליבען ווייניג־וואס פאר אנעט. אבער פון דעסטוועגען האט סילוויא א קליינעם טייל פארט געלאזען פאר די שוועסטער; זי האט עס געהאלטען טייער. אבער פאר אנעט'ס הארצען איז א טייל געוועזן ניט גענוג. זי האט ניט געקענט אפגעבען א העלפט, אדער א דריטעל, אדער א פערטעל פון זיך. איהר איז אויסגעקומען ערשט זיך צו דערוויסען, אז די וועלט איז אין איהרע צובונדען געגליכען צו א קליין־קרעמער: אז זיי ווערען פארקויפט שטיקערווייז. אזא זאך פארשטעהט מען אבער ניט אזוי גיך און נאך לאנגזאמער געוואוינט מען זיך צו דערצו. אנעט האט איצט גענומען די ערשטע שטונדען.

זי האט שווייגענדיג געליטען, זעהענדיג ווי זי איז אויסגעשלאסען פון סילוויא'ס לעבען. סילוויא איז קיינמאל ניט געווען אליין ביי זיך אין געשעפט, און באלד האט זי אויפגעהערט צו זיין אליין אויך אויסער די גרעניצען פון געשעפט. זי האט ווידער געפונען א פריינד. אנעט האט זיך אונטערגעגעבען. די ליבע צו דער שוועסטער האט זי איצט צוריקגעהאלטען פון אייפערזיכטיגען פארדרוס און פון דער שטרענגקייט פון איהרע פריהערדיגע פאראורטיילונגען. אבער דאס האט זי ניט געראטעוועט פון טרויער. סילוויא, וואס האט זי גענוג געליבט, אום, ניט קוקענדיג אויף איהר לייכטזיניגקייט, צו פיהלען די קריינקונג, וואס זי האט דער שוועסטער פארשאפט, האט פון צייט צו צייט זיך ארויסגעריסען פון דעם קאראהאד פון איהרע ערנסטע אדער פרעהליכע באשעפטיגונגען — און פלוצלונג, אין רעכטען ברען פון דער ארבייט אדער פון צוזאמענטרעפען זיך מיט'ן פריינד, פלעגט זי אוועקווארפען אלע איהרע וויכטיגע געשעפטען און אוועקלויפען צו אנעט. דאן פלעגט קומען צופליהען א שטורמווינט פון צערטליכ־קייטען. אין דער צייט פון אזא אנפאל פלעגט סילוויא ארויסווייזען ניט ווייניגער צערטליכקייטען ווי אנעט. אבער דער אנפאל פלעגט שנעל פארביי, און ווען א נייער שטורמווינט פלעגט אוועקטראגען סילוויא'ן, וואס איז שוין זאט געווען פון דער שוועסטער צו איהרע געשעפטען אדער פארגעניגענס, פלעגט אנעט נאך דעם גאנצען אורא־גאן פון פארליבטע פלוידעריי, ווילדע ליבעס־ערקלערונגען און לא־כענדע קושען, זיפצען און זיך פיהלען נאך מעהר איינזאם און אויפגערעגט ווי פריהער.

פון דעסטוועגען האבען אויך איהר ניט געפעהלט קיין באשעפטי־גונגען. אויך איהרע טעג זיינען געווען פונקט אזוי פול ווי ביי סילוויא'ן.

איהר לעבען, איהר דאפעלט לעבען, דאס גייסטיגע און געזעל־שאפטליכע, וואס איז איבערגעריסען געווארען נאכ'ן פאטערס טויט, האט זיך איצט באנייט. די באדערפנישען פון פארשטאנד, וואס זיינען אפגעשטופט געווארען דורך די פאדערונגען פון הארצען, האבען ער־וואכט נאך שטארקער. סאי דערפאר אום אויסצופילען די שטונדען, וואס זיינען געווארען ליידיג דורך סילוויא'ס אוועקגעהן, און סאי דערפאר ווייל אין א רייכער נאטור וואקסט דער פארשטאנד און ווערט

אַלץ צייטיגער דורך דער ערפאַהרונג. וואָס מען באַקומט פון די געפיהלען, האָט זי איצט זיך ווידער אָפּגעגעבען מיט איהרע וויסענשאַפטליגע באַשעפטיגונגען; און זי האָט זיך געוואונדערט וואָס זי האָט איצט געקוקט אויף זיי מיט אַ קלאָרערען בליק ווי פריהער. זי האָט זיך אינטערעסירט מיט ביאָלאָגיע און האָט זיך געקליבען שרייבען אַ דיסערטאַציע וועגען דער אָפּשטאַמונג פון עסטעטישען געפיהל און זיינע אויסדרוקס־פאָרמען אין דער נאַטור.

זי האָט אויך באַנייט איהרע פאַרבינדונגען אין דער געזעלשאַפט: זי האָט זיך אומגעקעהרט צוריק אין דער העכערער געזעלשאַפט, אין וועלכער זי איז פריהער געווען אַן אריינגעהעריין, צוזאַמען מיט'ן פאָטער. זי האָט אין דעם געפונען איהר פאַרגעניגען — די נייגעריגקייט. פון אַ מעהר ערפאַהרענעם פאַרשטאַנד, וואָס האָט אַנטדעקט אומערוואַרטעטע זאַכען, וועלכע ער האָט פריהער זאָגאָר ניט פאַרדעכטיגט, ביי מענשען, וואָס האָבען אויסגעוויזען צו זיין אַזוי גוט באַקאַנט, און נאָך אַנדערע פאַרגעניגענס פון אַ גאַנץ אַנדער זאָרט, פון וועלכע מען איז זיך מודה אין איינע און אַנדערע באַהאַלט מען: דאָס פאַרגעניגען צו געפעלען, די טונקעלע כחות פון צוציהונג (און אָפּשטויסונג), וואָס ערוועקען זיך אַרום אונז; די מאַגנעטישע שטראַמען, וואָס שטעלען זיך איין צווישען נשמות און קערפּערס אונטער דעם צודעק פון ווערטער וואָס נאַרען אָפּ; אומקלאָרע אינסטינקטען פון באַזיצען, וואָס באַווייזען זיך צווייטענווייז אויף דער גלייכער און איינפאָרמיגער אויבערפלעך פון אָנגענומענע געדאַנקען אין די געסטזאַלען, און פאַרשווינדען אומבאַמערקט, אָבער וואָס פאַרבלייבען צאַפּלענדיג זיך טיף אין דער נשמה . . .

די געזעלשאַפט און די אַרבייט האָבען אָבער ביי איהר אָפּגענומען נאָר דעם קלענערן טייל פון טאָג. קיינמאָל איז אַנעט'ס לעבען ניט געווען אַזוי גוט אָנגעפילט, ווי דאַמאָלסט, ווען זי איז געווען אַליין. אין די לאַנגע אָווענטען, ביז ווייט אין נאַכט־שטונדען, ווען דער שלאָף וואַרפט די נשמה צוריק אַריין אין אַ צושטאַנד פון ערוואַכונג מיט די טרוימענדע געדאַנקען, ווי אַ כוואַליע, וואָס אַוועקגעהענדיג, לאָזט זי איבער אויפ'ן ברעג מיריאַדען פון אָרגאַניזמען, וואָס זיינען אַרויסגעריסען געוואָרען פון דעם נאַכטיגען תהום פון אָקעאַן — האָט אַנעט בעאָבאַכטעט דעם צופלוס און אָפּגוס פון איהר אינערליכען ים און

זיינע באַפלאַנצטע ברעגעס. דאָס איז געווען די גרויסע פריהלינג־צייט, ווען טאָג און נאַכט זיינען גלייך.

איינינע פון די קרעפטען, וואָס האָבען זיך גענומען ריהרען אין איהר, זיינען פאַר איהר ניט געווען ניי. אָבער צו דערזעלבער צייט מיט דער פאַרשטאַרקונג פון זייער ענערגיע, האָט דער בליק פון פאַר־שטאַנד זיי גענומען דערקענען מיט אַ גרעסערער קלאָרקייט. זייערע זיך ווידערשפּרעכענדע ריטמען האָבען אין הארצען אָרויסגערופען שכרות און משוגעת... עס איז געווען אוממעגליך אויפצוכאַפּען די אָרדנונג, וואָס איז באַהאַלטען אין אָט דער אומקלאָרער מאַסע. די שאַרפע אויפפלאַקערונג פון זינליכקייט, וואָס האָט אין דעם שטורם פון דער זומער־נאַכט אויפגעטרייסעלט אַנעט'ס האַרץ, האָט איבער־געלאָזען אַ לאַנג־דויערנדע צורודערונג. די עראינערונג אָן טוליא איז טאַקע אָפּגעווישט געוואָרען — אָבער דאָס גלייכגעוויכט פון איהר עקזיסטענץ איז אויף לאַנג געווען צושטערט. די רוהיגקייט פון לעבען, דאָס פעהלען פון פּאַסירונגען האָבען אַנעט אָפּגענאַרט: זי האָט גע־קאָנט מיינען, אַז קיין זאַך איז ניט געשעהן און האָט גערן ווידער־האַלט דעם רוהיגען אויסרוף פון די נאַכטוועכטער, וואָס לאָזט זיך הערען אין די שעהנע איטאַליענישע נעכט: „טעמפּאָ סערענאָ"!...
אָבער די הייסע נאַכט האָט פאַרבאַרייט נייע שטורמס און די באַוועג־ליכע לופט האָט אויפגעציטערט פון אומרוהיגע שטראָמונגען. אַ שטענדיגע אויפרודערונג. די שטרעבונגען פון געשטאָרבענע און צו אַ נייעם לעבען אויפגעשטאַנענע נשמות האָבען זיך צוזאַמענגעשטויסען אין דער זיך שמעלצענדער נשמה... דאָ — די געפעהרליכע ירושה פון פאָטער, פאַרלאַנגען, וואָס זיינען געוועהנליך געווען פאַרגעסען און האָבען געשלאָפען, זיינען איצט אויפגעשטאַנען פּלוצלונג, ווי כוואַ־ליעס פון דער טיפעניש. דאָרט — בחות גאַנץ להיפך: מאָראַלישע שטאָלץ און די דורשט נאָך ריינקייט. און נאָך אַן אַנדער ליידענ־שאַפט — דער דורשט נאָך אומאָפּהענגיגקייט, וועמעס הערשענדען דרוק אַנעט האָט שוין געפיהלט אין איהר פאַרבינדונג מיט סילוויא'ן און זי האָט מיט אומרוה געפיהלט פאַראויס אין דער צוקונפט זיינע קאָנפליקטען מיט דער ליבע. אָט די גאַנצע אינערליכע אַרבייט האָט זי געהאַלטען באַשעפטיגט און פול געמאַכט איהר לעבען אין די לאַנגע, ווינטערדיגע טעג. די נשמה האָט געטרוימט פון איהר אייגענער צור־

קונפט און האט זיך צוגעהערט צו די אייגענע טרוימען . . .

צייטענווייז פלעגט זי מיט אמאל פארלירען דעם באדען אונטער איהרע פיס. עס פלעגען פארקומען צוזאמענברעכונגען אין איהר באַוואוסטזיין, ווי דעם פריהערדיגען הערבסט אין בורגונד, א פוסטקייט דא און דארט, אין וועלכע מען טונקט זיך ארונטער פלוצלונג . . .' פוסטקייט? ניין, זיי זיינען ניט געווען פוסט, נאר עפּעס איז דארט פארגעקומען אויף'ן דעק! אט די זאנדערבארע ערשיינונגען, אומבאַמערקבארע, וואס זיינען פיליכט ניט פארגעקומען פריהער ביז מיט צעהן חדשים צוריק, האבען זיך באזונדערס פארשטארקט נאך דעם ליידענשאפטליכען אנפאל לעצטען זומער און האבען זיך גענומען באווייזען אלץ אפטער. אנעט האט געהאט דעם אומקלארען געפיהל, אז די דאזיגע אנפעלע פלעגען פארקומען צייטענווייז אויך ביינאכט, אין דער צייט ווען זי האט געשלאפען . . . מיט א שווערען, היפּנאַטישען שלאף . . . זיך אויפכאפענדיג, פלעגט זי פיהלען ווי זי קומט צוריק פון עפּעס א ווייטען מהלך, אבער ביי איהר איז ניט פארבליבען קיין אייו עראינערונג. און דאך איז געווען די זיכערקייט, אז דארט זיינען פארגעקומען וויכטיגע זאכען, אז עס זיינען געווען באהאלטען וועלטען, עפּעס ניט דערזאגטעס, מעהר ווי דאס וואס איז ערלויבט און וואס ווערט גערולדעט פון שכל, א חיה'שע און איבערמענשליכע, ווי ביי די ווילדעסטע פארזעהענישען אדער אין די כימערעס פון די גאָטישע קאטעדראלען. פארמלאזע ליים, וואס קלעפּט זיך אן די פינגער. זי האט זיך געפיהלט ווי זי איז מיט'ן גאנצען לעבען פארקויפט דער דאזיגער אומבאוואוסטקייט, וואס קומט פאר אין איהרע חלומות. עס האט איהר געדריקט דער אומעט, די שאנד, די הייסע שווערקייט פון מיטגעפיהל, וואס איז געווען אוממעגליך צו דערקלערען. דער קערפּער איז געווען דורכגעדרונגען מיט א זיסליכען ריח, וואס האט זיך געפיהלט אויך בייטאג. דאס איז געווען ווי א סוד, וועלכען זי האט ארומגעטראגען צווישען די פארביילויפענדע געשטאלטען פון טאג, איהם באהאלטענדיג הינטער דער פעסט־פארקלאפּטער טיר פון דעם גלאטען שטערען, אהן געדאנקען, מיט א גלייכגילטיגען אויסדרוק פון די אויגען, וואס האבען געקוקט אין זיך, און מיט הענט, וואס ליגען רוהיג צוזאמענגעלייגט אויף'ן בויך — ווי א שלאפענדע אזערע . . .

אנעט האט די שעהנע חלומות ארומגעטראגען מיט זיך איבעראל:

אויף דעם געראויש פון גאַס, ביי דער פלייסיגער פּאַרטיסיפּאַנץ אויף די לעקציעס און אין ביבליאָטעק, ביי דער ליבליכער באַנאַליטעט פון דעם סאַלאָן־געשפּרעך, וואָס איז צוגעווירצט מיט קערנדלאַך פון פליִרט און איראָניע. אויף די אונטערהאַלטונגען האָבן פּיעלע באַמערקט ווי דער בליק פון דער דאָזיגער יונגער מיידעל איז אַזוי פאַר'חלומ'ט, און זי שמייכלט אונטער ניט אַזוי צו דעם, וואָס מען זאָגט איהר, נאָר מעהר צו דעם, וואָס זי דערצעהלט זיך אַליין, ווי זי כאַפּט אויף צופעליג עטליכע פליהענדע ווערטער און ציהט זיך צוריק, צוהערענדיג זיך צו דער געהיימער פויגעל, וואָס זינגט אין איהר שטייגעל.

דער קאָנצערט פון די קליינע אינערליכע באַשעפענישען פלעגט ווערען אַזוי רוישיג, אַז אַנעט האָט זיך איינמאָל געכאַפּט, אַז זי הערט זיך צו צו יענעם אינערליכען קאָנצערט זאָגאָר, ווען איהר געליבטע סילוויא איז געשטאַנען פאַר איהרע אויגען און געשמייכעלט צו איהר און איהר באַטויבט מיט איהר ליבער פּלוידעריי, זאָגענדיג איהר . . .

וואָס האָט זי איהר געזאָגט? . . . סילוויא האָט עס באַמערקט; לאַכענדיג האָט זי די שוועסטער אויפגעטרייסעלט:

— דו שלאָפסט, אַנעט?

אַנעט האָט פּראָטעסטירט.

— יאָ, יאָ, איך האָב געזעהן, דו שלאָפסט שטעהענדיג, ווי אַן אַלטע קליאַטשע. וואָס טוסטו ביינאַכט?

— שטיפערקע! . . . און אַז איך וועל פרעגען, וואָס טוסט דו?

— איך? דו ווילסט וויסען? אויסגעצייכענט! איך וועל דיר דערצעהלען. עס וועט ניט זיין לאַנגוויילינג.

— ניין! ניין! — האָט געענטפערט לאַכענדיג אַנעט, אינ־גאַנצען זיך אויסניכטערענדיג.

זי האָט איהר פאַרשטאָפּט די מויל מיט דער האַנט. אָבער סילוויא האָט זיך ארויסגעריסען, און, אַנטלויפענדיג זי פאַר'ן קאָפּ, האָט איהר טיף אַריינגעקוקט אין די אויגען:

— דו האָסט פרעכטיגע אויגען פון אַ נאַכט־וואַנדלער . . . ווייז מיר נאָר, וואָס איז דאָרט אינעווייניג? וועגען וואָס טרוימסטו, אַנעט? זאָג! זאָג, וועגען וואָס חלומ'סט דו? דערצעהל! אהער!

— װאָס װילסט, זאָל איך דערצעהלען?

— זאָג, װעגען װאָס האָסטו געטראַכט?

אַנעט האָט ניט געװאָלט און האָט סוף כּל סוף דאָך נאָכגעגעבען. פאַר זײ בײדען איז געװען דער בעסטער פאַרגעניגען פון זײער ליבע — און פּיליכט אױך פון זײער עגאָאיזם — צו דערצעהלען אײנע דער אַנדערער אַלץ. דאָס האָט זײ קײנמאָל ניט דערעסען. און אַזױ האָט אַנעט געפּרובירט ערקלערען איהרע חלומות, ניט אַזױ צוליב סילװיאַ'ן, װי כּדי זיך אַלײן צו פאַרלײכטערן. זי האָט ערקלערט, ניט אָהן אָנ־שטרענגונג, אָבער זעהר אױספיהרליך און ערנסט — װאָס דאָס האָט געמאַכט אַז סילװיאַ איז אױסגעשאָסען מיט אַ געלעכטער — אַלע איהרע משוגענע געדאַנקען — נאַאיװע, רײנע, זאָנדערבאַרע, מוטיגע און אַן אַנדערש מאָל זאַגאַר...

— נו! נו! אַנעט!... רײד שױן, װײבאַלד אַז דו האָסט אָנ־געהױבען!... — האָט סילװיאַ אױסגעשריען זיך מאַכענדיג אַזױ װי זי װאָלט געװען סקאַנדאַליזירט.

איהר אײגענער אינערליכער לעבען איז פּיליכט געװען ניט װײ־ניגער זאָנדערבאַר (ניט װײניגער און ניט מעהר װי בײ אונז אַלעמען). אָבער זי האָט עס ניט פאַרדעכטיגט און האָט זיך ניט אינטערעסירט דערמיט, װי עס פּאַסט פאַר אַ קלײנע פאַרנינפטיגע אָסאָבע, װאָס גלױבט אײן מאָל פאַר אַלע מאָל אין דאָס װאָס זי זעהט, אין דאָס װאָס זי טאַפּט אָן, אין די פאַרנינפטיגע און געװעהנליכע חלומות פון לעבען, אױף דער אױבערפלעך פון דער ערד און װאָס שטופּט אַװעק אַן אַ זײט אַלץ װאָס װאָלט געקאָנט זי אין דעם שטערען.

זי האָט געלאַכט פון פולען האַרצען, זיך צוהערענדיג צו דער שװעסטער. נו, איז עס אַן אַנעט! װער װאָלט עס געקאָנט טראַכטען! מיט אַן אומשולדיג פּנים האָט זי צײטענװײז אַרױסגעזאָגט די סאַמע װילדעסטע זאַכען. און צו דערזעלבער צײט האָט זי מורא געהאַט פאַר די אײנפאַכסטע זאַכען, װאָס זײנען געװען אַלעמען גוט באַקאַנט. זי האָט אָנגעטרױט סילװיאַ'ן אַלץ מיט אַ קאָמישער זיכערקײט. גאָט װײסט װאָס פאַר אַ אומגעלומפּערטע געדאַנקען עס זײנען איהר אין קאָפּ געקומען!... סילװיאַ האָט געפונען, אַז זי איז קאָמפּליצירט, באַצױבערנד קאָמיש און שטאַרק פאַרפּלאָנטערט. די אײביגע קראַנק־

הייט — זיך ברעכן דעם קאָפּ פון דעם, וואָס מען דאַרף איינפאַד געבען אַ מעגליכקייט „צו זינגען ווי עס זינגט זיך“.

— יאָ, אָבער דאָס איז דאָך אַ האַלב דוצען לידער מיט אַמאָל, — האָט אַנעט געזאָגט.

— נו איז וואָס? איז עס נאָך אינטערעסאַנטער, — האָט סיל־וויאַ געענטפערט.

— וואָס פאַר אַ שרעק! — האָט אַנעט געשריען פאַרשטאָפּענדיג די אויערן.

— און איך פאַרגעטער עס! דריי־פיער מאַנעזשען, דאָס פייפען פון די טראַמוויים, עלעקטרישע שפּיעלקאַסטענס, קלאַנגען, פּיי־פעריין, אַלץ שרייט מיט אַמאָל, מען קאָן זיך אַליין ניט דערהערען, דו שרייסט העכער ווי אַלע אַנדערע צוזאַמען און אַלץ אָטעמט שווער, לאַכט, ליאַרמט און דערפרעהט דאָס האַרץ.

— אַ פאָלקס־קינד!

— אָבער, מיין טייערע אַריסטאָקראַטקע, דאָס ביזטו דאָך אַליין (דו האָסט עס דאָך מיר אַקאָרשט אַליין געזאָגט) אַזאַ! אויב דיר גע־פעלט עס ניט, דאַרפסטו נאָר האַנדלען ווי איך. ביי מיר איז אַלץ אין אָרדנונג. יעדער זאַך שטעהט אויף איהר אָרט. יעדער האָר האָט זיין רייה!

און זי האָט, געוויס, געזאָגט דעם אמת. וואָס פאַר אַ מיש־מאַש עס איז ניט געווען אויף דעם פּלאַץ לאַנפער, אָדער אין איהר קליינעם מוחל, האָט זי זיך קיין מאָל ניט פאַרלאָרען, ניט דאָ, ניט דאָרט. זי איז געווען פעהיג אין איין אויגענבליק צו ברייננען אָרדנונג אין דער גרעסטער אומאָרדנונג. זי האָט געקאָנט אויסגלייכען צווישען זיך אַלע ענטגעגענגעזעצטע פאַרלאַנגען און באַדירפעניששען פון קערפּער און האַרצען, פון איין לעבען אַ בורזשואַזען און אַ צווייטען אַ ניט בור־זשואַזען, פאַר יערען זיין אָפּטיילונג. ווען אַנעט האָט צו איהר גע־זאָגט:

— אַ שאַפע מיט קעסטלאַך . . . אָט וואָס דו ביזט! (אָנווייזענ־דיג אויף דעם באַרימטען קאָמאָד אין דעם סטיל פון לודוויק דעם 15טען, וואו עס זיינען געווען צוזאַמענגעלייגט דעם פאַטערס בריעף).

— יא, — האָט סילוויא געענטפערט מיט אַ מיין — ער איז געווען עהנליך צו מיר . . .

(זי האָט גערעדט ניט וועגען קאמאר).

— אין תוך גענומען, בין איך די אמת'ע . . .

זי האָט געוואָלט זיך אַביסעל רייצען מיט אנעט. אָבער אנעט האָט זיך מעהר ניט געלאָזען. זי איז מעהר ניט געווען אייפערזיכטיג אויף דעם פאָטערס ירושה. זי האָט איהר חלק באקומען און וואָלט מיט פארגעניגען עס אויך אוועקגעשאָנקען. אין מאַנכע טעג איז די דאָזיגע ירושה געווען ניט קיין זעהר באקוועמער גאַסט.

זי האָט ניט געוואוסט, ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט, אַז זי האָט אין פאַרלויף פון לעצטען יאָהר פאַרלאָרען די זיכערקייט אין איהר לאַגישען פאַרשטאַנד און די זיכערע פּיס, וואָס זיינען געווען פעסט איינגעוואַקסען אין דער וועלט פון ווירקליכקייט; און זי האָט ניט גע־וואוסט, ווי אַזוי זי קאָן עס קריגען באַקומען. זי וואָלט טייער באַ־צאָלט צו קאָנען אָנטאָן סילוויאַ׳ס קליינע שיכלאַך, וואָס האָבען פעסט און זיכער, אָהן וועלכע עס איז ספקות, מאַרשירט, קלאַפּענדיג אַז דער ערד מיט די קנאַפּעל. זי האָט מעהר זיך שוין ניט געפיהלט ענג צו־זאַמענגעבונדען מיט דעם אַלטעגליכען לעבען, מיט דעם לעבען פון אַלע, וואָס לעבט און אין יעדען אויגענבליק. אין געגענזאַץ צו איהר שוועסטער איז זי געווען צופיעל פאַרנומען מיט איהר אינערליכער עקזיסטענץ און ניט גענוג שטאַרק פאַרכאַפּט פון יענעם לעבען, וואָס איז באַלויכטען פון זון. אַזוי מוז עס אָבער זיין ביז וואַנענט זי וועט ניט אַריינפאַלען אין עפּעס אַ ריזיגער פּאַסטקע פון ליידענשאַפט, אין וועלכע טרוימער פאַלען אריין גיכער און ווייניגער אָפּגעהיט ווי אַנ־דערע. די פאַרעטערישע שעה איז געקומען נאָהענט. דער נעץ איז געווען אויסגעשפּרייט . . .

אָבער צי וועט לאַנג אַזאַ נעץ קאָנען איינהאַלטען אַזאַ גרויסוויק־סיגע און ווילדליבע נשמה? . . .

ביז וואַנענט יענע צייט וועט קומען, ווען זי וועט עס זיך דער־וויסען, האָט זי זיך געדרעהט אַרום און אַרום — כאָטש זי אַליין האָט עס ניט פאַרשטאַנען: וואָרום אויב זי וואָלט עס פאַרשטאַנען, וואָלט זי זיך אַ וואָרף געטאָן צוריק פול מיט צאָרן און פּראָטעסט. אָבער וואָס העלפט עס, יעדער טריט האָט זי דערנעהענטערט צו דער פּאַסטקע . . .

זי האָט זיך געמוזט מודה זיין אין דעם; זי, וואָס האָט נאָך מיט אַ יאָהר צוריק אַרויסגעוויזען צו מענער אַ רוהיגע חבר׳שע זיכערקייט, זעלבסטפאַרשטענדליך אַביסעל אַ קאָקעטישע און צוציהענדע, אָבער פּאָרט אַ גלייכגילטיגע — וואָרום זי האָט פון זיי קיין זאַך ניט פאַר־

לאַנגט און פאַר קײן זאַך קײן מורא ניט געהאַט. זי האָט איצט גע־קוקט אױף זײ מיט גאַנץ אַנדערע אױגן. זי האָט נאָכגעקוקט און אַז אױפגערעגטע ערוואַכט. זינט איהר פּאַסירונג מיט טוליאַ האָט זי פאַרלאָרען איהר זאָרגלאָזע רוהיגקײט.

איצט האָט זי געוואוסט, אַז זי וועט ניט קאָנען זיך באַגעהן אָהן זײ; און דעם פּאַטערס שמײכעל פלעגט זיך באַווײזען בײ איהר אויף די ליפּען, ווען זי פלעגט זיך דערמאָנען אָן איהרע קינדערשע ערקלערונ־גען וועגען הײראַטען. די לײדענשאַפט האָט איבערגעלאָזען אויף איהר קערפּער איהר גיפט. אַ רײנע, אָבער שוין צוגעסמאָלעטע אײנמאָל, אַ נאַיווע און פאַרפירטע האָט זי שוין געוואוסט, וואָס האָט הײסט יצר הרע; און אויב זי האָט איהם פאַרטריבען צוריק אין דער פינסטערניש פון איהרע געדאַנקען, פלעגט ער אַרויסווײזען זײן אַנוועזענהײט דורך די אומאָרדנונג, וואָס ער האָט אַרײנגעטראָגען אין איהרע אַנדערע אידעען. איהר גאַנצע גײסטיגע טעטיגקײט איז געוואָרען צושטערט. איהר פעהיגקײט פון דענקען איז געווען פּאַראַליזירט. אַרבײטענדיג בײם לײענען אָדער שרײבען, האָט זי זיך געפיהלט אָפּגעשוואַכט. זי האָט געקאָנט זיך קאָנצענטרירען אויף אײן געגענשטאַנד, נאָר פאַר דעם פּרײז פון אומגעוויינליכע אָנשטרענגונגען, נאָך וועלכע זי האָט זיך געפיהלט אויסגעמאַטערט, אויסגעשעפּט. ניט קוקענדיג אויף אַלע איהרע באַמיהונגען, פלעגט דער בינטעל פון אויפמערקזאַמקײט זיך שטענדיג פאַרנאַנדערבינדען. אַלץ וואָס זי האָט געטראַכט איז געווען אַרומגעוויקעלט מיט וואָלקענס. גאַנץ באַשטימטע צוועקען — צו־פיעל באַשטימטע און צופיעל קלאָרע — וואָס זי האָט געשטעלט איהר פאַרשטאַנד, פלעגען פאַרשווינדען אין נעבעל. דער גלײכער וועג, וואָס פלעגט איהר דאַרפען פיהרען צו זײ, פלעגט שטענדיג זיך איבער־רײסען אין מיטען, פאַרלירענדיג דעם מוט האָט אַנעט געטראַכט:

— איך וועל קײן מאָל ניט אויפהערען בלאָנדזשענען.

נאָך דעם ווי זי האָט אַמאָל מיט גאוה צוגעשריבען די פרוי אַלע אינטעלעקטועלע פעהיגקײטען פון די מענער, האָט זי געמוזט איצט מיט הכנעה זיך מודה זײן:

— איך האָב אַ טעות געהאַט.

אונטער דעם אײנדרוק פון דער פאַרמאַטערטקײט, וואָס האָט זי געדריקט, האָט זי אָנערקענט (צי געראַכט, צי ניט) געוויסע שוואַכ־

קייטען פון דער פרוי, וואָס זיינען פּילייכט געקומען פון דער גרויסער ניט געניטקייט אין גייסטיגע טעטיגקייטען, אזוינע וואָס זיינען אָביעקטיוו און פריי פון אַלעם פּערזענליכעם; אזוינע וואָס ווערען געפאָדערט פון אמת׳ער וויסענשאַפט און קונסט; אָבער וואָס זיינען גיכער ווי אַלץ געקומען פון דער פּאַרבאַרגענער הערשאַפט פון די הייליגע אינסטינקטען, וועמעס רייכער און שווערער אוצר עס איז פון דער נאַטור אליין אין איהר באַהאַלטען. אַנעט האָט געפיהלט, אַז בלייבענדיג אליין, איז זי ניט פּאָלקאָמען; ניט פּאָלקאָם אין פאַרשטאַנד, קערפּער און הארץ, נאָר וועגען די לעצטע צוויי האָט זי גערעדט פיעל וויניגער: זיי האָבען צו אָפט אליין געלאָזט פון זיך הערען.

זי האָט זיך געפונען אין דעם פעריאָד פון לעבען, ווען עס ווערט אוממעגליך צו לעבען אָהן אַ באַגלייטער. און פאַר אַ פרוי איז עס נאָך וויניגער מעגליך ווי פאַר אַ מאַן; ווארום אין איהר ערוועקט די ליבע ניט נאָר די געליבטע, נאָר אויך די מוטער. זי גיט זיך ניט אָפּ קיין חשבון אין דעם: צוויי פאַרלאַנגען גיסען זיך צונויף אין איין געפיהל. אַנעט, וואָס האָט נאָך אויף קיינעם ניט אָפּגעשטעלט איהר געדאַנק, האָט אָבער געפיהלט ווי איהר הארץ ווערט פול מיט דעם באַדירפניש זיך אָפּצוגעבען צו דעם, צו דער זעלבער צייט שטאַרקערען און שוואַכערען, וואָס וועט זי אריינכאַפּען אין זיינע אָרימס און וועט זויגען איהר ברוסט. ביי דעם געדאַנק האָט זי געפיהלט ווי זי ווערט שוואַך פון דער צערטליכקייט: זי וואָלט געוואָלט, אַז די גאַנצע בלוט פון איהר קערפּער זאָל זיך פאַרוואַנדלען אין מילך, אום עס אָפּצוגעבען... טרינק... אַ, געליבטער!...

אָפּגעבען אַלץ!... אָבער ניין! זי האָט ניט געקאָנט אָפּגעבען אַלץ. דאָס איז פאַר איהר געווען אוממעגליך... אָפּגעבען אַלץ?... יאָ, די אייגענע מילך, די אייגענע בלוט, דעם קערפּער, די ליבע... אָבער אַלץ? די גאַנצע נשמה? דעם גאַנצען אייגענעם ווילען? און אויפ׳ן גאַנצען לעבען?... ניין, דאָס — זי האָט עס געוואוסט גאַנץ גוט — וועט זי קיין מאָל ניט טאָן. אפילו אויב זי וואָלט געוואָלט, וואָלט זי עס אויך ניט געקאָנט. מען קען ניט אוועקגעבען דאָס וואָס ליגט ניט אין אונזער מאַכט — די אייגענע פרייע נשמה. מיין פרייע נשמה געהערט ניט מיר. דאָס געהער איך אַליין צו מיין פרייער נשמה. איך קאָן אָבער מיט איהר ניט טאָן

װאָס איך װיל . . . באַשיצען מײן פרײהײט — דאָס איז פיעל מעהר װי אײנעמס רעכט: דאָס איז דער הײליגער חוב . . .

אין די גערדאַנקען אַנעט'ס איז געלעגען עפּעס פון איהר מוטערס מאַראַלישער אױפריכטיגקײט. אָבער בײ איהר האָט אַלץ אָנגענומען אַ לײדענשאַפטליכע צופאַרבונג; זי איז געװען פעהיג מיט איהר הײ־סער בלוט צו דערװאַרימען די סאַמע אַבסטראַקטע אידעען . . . איהר „נשמה" . . . אַט דאָס איז אַ „פּראָטעסטירענד" װאָרט! (זי האָט אַלײן אַזױ גערעדט . . . זי האָט אָפט געברױכט דאָס װאָרט! . . .). צי דען איז בײ דער טאָכטער פון ראַול ריװיער געװען נאָר אײן נשמה? זי האָט געהאַט אַ גאַנצע מחנה נשמות און צװישען זײ צװײ־דרײ גרעסערע, װעלכע האָבען ניט שטענדיג געלעבט בשלום צװישען זיך...

יעדענפאַלס האָט דער אינערליכער קאַמף זיך געפיהרט אויף אַן אומבאַשטימטער טעריטאָריע. אַנעט האָט נאָך ניט געהאַט קײן גע־לעגענהײט צו שטעלען אונטער עקזאַמען אַט די אַלע זיך װידערשפּרע־כענדע שטרעבונגען. זײערע אומאײניגקײטען זײנען, װי פריהער, נאָך אַלץ פאַרבליבען אַ שפּיל פון שכל, אַ היציגער, אױפרעגענדער שפּיל, אָבער נאָך אַלץ ניט קײן געפעהרליכער; עס איז נאָך ניט נױטיג געװען צו מאַכען אַן אױסװאַהל; מען האָט זיך געקאָנט ערלױבען דעם לוקסוס אין גערדאַנקען אױסצופּראָבירען דעם אָדער אַ צװײטען באַשלוס.

דאָס האָט געדינט אַלס אַ טעמאַ פאַר פרעהליכע װכּוחים מיט סילװיאַ'ן, — אײנע פון יענע האַרצענס־פראַגען, װעלכע אַ יונג האַרץ חלש'ט צו פאַרענטפערען אין דעם פּעריאָד, װען דאָס האַרץ איז לײדיג, אָבער װען עס ערװאַרט עפּעס װאָס. און דאָס האַלט אַן אַזױ ביז יענעם טאָג, װען די װירקליכקײט קומט און באַשליסט פאַר אונז אַלײן, זיך ניט זאָרגענדיג פאַר אונזערע שאַרפזיניגע פּלענער. סילװיאַ האָט גוט פאַרשטאַנען אַנעט'ס דאָפּעלטען באַגער; זי האָט אָבער פון איהר זײט ניט געזעהן אין דעם קײן װידערשפּרוך: מען האָט נאָר געדאַרפט האַנדלען אַזױ: װען עס װילט זיך — ליב, און װען עס װילט זיך — זײן פרײ . . .

אַנעט האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ:

— נײן!

— פאַר װאָס עפּעס נײן?

אַנעט האָט זיך ענטזאָגט צו ערקלערען.

סילוויא האָט גערעדט מיט שפּאָט:

— דו דענקסט, אַז דאָס פּאַסט נאָר פאַר מיר?

אַנעט האָט אויסגעשריען:

ניין, ניין, ניין טייערע. דו ווייסט, אַז איך ליב דיך אַזאַ ווי דו ביזט.

אָבער סילוויא האָט קיין טעות ניט געהאַט. אַנעט האָט פון פריינדשאַפט זיך ניט ערלויבט צו פאַראורטיילען (כאָטש טיף אין הארצען האָט זי שוואַר געזיפצעט) סילוויא׳ס פרייע ליבע. אָבער פאַר זיך אַליין האָט זי ניט דערלאָזען אפילו דעם געדאַנק וועגען דעם. אין דעם האָט זיך אויסגעדריקט ניט נאָר דער מוטערס מאָראַלישע ריינ־קייט, וועלכע וואָלט אין דעם געזעהן אַ פאַלשטענדיגע פאַרדאָרבענ־קייט. דאָס איז געקומען פון דער „גאַנצקייט“ פון איהר נאַטור, פון די פולקייט פון איהר באַגער, וואָס האָט ניט געוואָלט זיך לאָזען אויסבייטען אויף קליינגעלט. ניט קוקענדיג אויף דעם אומקלאָרען רוף פון איהר שטאַרקער, זינליכער נאַטור, איז אין דעם פעריאָד פון לעבען איהר אויסגעקומען פאַר אוממעגליך זיך איינצוגעוויינען אין געדאַנקען מיט אַ ליבע, אין וועלכער דאָס גאַנצע וועזען, דאָס געפיהל, דאָס הארץ און דער פאַרשטאַנד, די אַכטונג צו זיך און די אַכטונג צו יענעם צווייטען, די רעליגיעזע הינרייסונג פון דער ליידענשאַפט־ליכער נשמה זאָלען ניט האָבען קיין גלייכען פלאַץ אַרום דעם מאָל־צייטס־טיש. אָפּצוגעבען דעם קערפּער און דעם געדאַנק צו לאָזען פאַר זיך — ניין, וועגען דעם איז ניטאָ וואָס צו טראַכטען . . . דאָס וואָלט דאָך געווען אַ פאַראַט ! . . . און אַזוי הייסט עס, אַז עס איז פאַרבליבען נאָר איין באַשלוס: חתונה האָבען, איין איינציגע ליבע? דאָך צי איז אַזאַ טרוים מעגליך פאַר אַזאַ איינע ווי אַנעט?

אָבער צי עס איז מעגליך, צי ניט, טרוימען וועגען דעם דערווייל, האָט מען געקאָנט ניט געשטערט. און אַנעט האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט דערפון. זי איז דערגאַנגען צום ברעג פון יוגענד־וואַלד, ביז דעם שעה־נעם שלום־אויגענבליק, ווען מען האָט נאָך הנאה פון דעם שאָטען־שיין זעהענדיג פאַר זיך די זיך אויסשפּרייטענדע פלאַכע לאַנד, וואָס איז באַלויכטען פון זון, מיט לאַנגע ווייסע וועגען. אויף וועלכע פון זיי וועלען אונזערע טריט איבערלאָזען זייערע סלאַדען? עס איז ניט נויטיג זיך צו איילען און אויסצוקלייבען. די נשמה מאַכט איהר אויסוואַהל

לאנגזאם מיט אַ שמייכעל, און קלייבט אויס אין געדאנקען אַלץ מיט אַמאָל. — אַ יונגע, גליקליכע מיידעל, וואָס ווייסט ניט פון מוטער־זארגען, וואָס לאַכט פון ליבע. מיט אַ גאַנצען הויפען פון האָפענונגען, זעהט פאַר איהר הארצען די מעגליכקייט פון צוואַנציג פאַרשידענע לעבענס: און זאָגאַר נאָך פריהער, איידער זי וועט זיך אַליין פרעגען: „וועלכע פון זיי וועל איך אויסקלייבען?"

נעהמט זי דעם גאַנצען הויפען גארבען אום אַריינצוציהען אין זיך זייער ריח. אַנעט האָט איינע נאָך די אַנדערע ביי איהר אין געדאַנקען געצערטעלט די פאַרשידענע בילדער פון דער צוקונפט, געטיילט מיט דעם אַדער מיט אַ צווייטען און אַ דריטען באַגלייטער, אַוועקוואַרפענדיג דעם אַפגעריסענעם פרוכט און פּרובירענדיג אַ צווייטען, און נאָכהער ווידער זיך כאַפּענדיג פאַר'ן ערשטען און אַרומטאַפּענדיג אַ דריטען און זיך ניט אַפּשטעלענדיג אויף שטענדיג אויף קיינעם פון זיי. — אַזוי איז שוין דער עלטער פון אומענטשלאָסענקייט, אין אַנהויב אַ פריידיגע און אויפגערעגטע, אָבער וועלכע מוז באַלד זיך באַקאַנען מיט פאַרמאַטערטקייט און מיט אַ דריקענדער מוטלאָזיגקייט, און אַן אַנדערש מאָל זאָגאַר מיט אַ צווייפלען, וואָס פיהרט צו פאַרצווייפלונג.

אַזוי האָט אַנעט געטרוימט וועגען איהר צוקונפט — וועגען איהרע צוקינפטיגע לעבענס. איהר אויפגערעגטע ערוואַרטונג האָט זי אַנגעטרויט נאָר איין סילוויא'ן. און סילוויא האָט זיך אונטערהאַלטען מיט דער סענטימענטאַלער און אומרוהיגער אומבאַשלאָסענקייט פון דער שוועסטער. איהר אַליין איז אַזאַ צושטאַנד געווען ווייניג באַקאַנט, זי האָט געהאַט אַ געוואוינהייט (זי האָט זיך באַריהמט דערמיט, כדי אַרויסצורופען אַנעט'ס אויפרעגונג) זיך צו באַשליסען פריהער איידער זי האָט נאָך אויסגעקליבען. זיך באַשליסען באַלד אויף אַן אָרט. נאָכהער וועט נאָך זיין צייט צו מאַכען די אויסוואַל...

— דאַמאַלסט, וויינינגסטענס — האָט זי געזאָגט מיט אַ צורלהכעים — ווייסטו כאַטש, וועגען וואָס דו רעדסט.

אנעט האט געהאט גרויס ערפאלג אין די קרייזען פון דער גע־זעלשאפט, וואו זי האט פארקערט. דער גרעסטער טייל פון די יונגע לייט האבען זיך צו איהר גע׳שדכנ׳ט. די אנדערע מיידלאך, צווישען וועלכע פיעל זיינען געווען א סך שענער פון איהר, האבען זי ניט שטארק ליב געהאט דערפאר. זיי האבען געהאט נאך מעהר אורזאך צו זיין אייפערזיכטיג, ווייל אנעט האט ניט שטארק זיך באמיהט צו געפעלען. א פארטראגענע, ווי א ביסעל פרעמד צו דער ארומיגער וועלט, האט זי קיין זאך ניט געטאן אויפצואוועקען דעם אינטערעס, אדער מאכען חניפה׳לאך צו די מענער וואס האבען זי אויסגעציי־כענט צווישען אלע אנדערע. רוהיג און באקוועם זיצענדיג אין א גאסט־זאל, פלעגט זי זיי ערלויבען פארבייגעהן אזוי ווי זי וואלט גאר ניט באמערקען זייער אנוועזענהייט, אדער פלעגט מיט א שמיי־כעל זיך צוהערען (מען האט קיין מאל ניט געקאנט זיין זיכער, אז זי האט אליץ גוט געהערט), און אין איהרע ענטפערס פלעגט זי ניט שטארק ווייט ארויס פון די גרעניצען פון העפליכער באנאליטעט. און דאך פלעגען אלע צוקומען צו איהר און זיך באמיהען איהר צו געפע־לען: אזוי האבען געטאן יונגעלייט אריסטאקראטישע און גלענצענדע, און דאס זעלבע האבען געטאן איינפאך־אנשטענדיגע יונגעלייט.

די אייפערזיכטיגע חבר׳טעס האבען פארזיכערט, אז אנעט באַ־האלט איהר שפיל; אז איהר גלייכגילטיגקייט איז געווען א ׳געמאכ־טער קונץ פון אן ערפארענע קאקעטקע; זיי האבען אנגעוויזען אויף דעם אז זינט א געוויסער צייט האט די קאלטע שטרענגקייט, וועלכע אנעט פלעגט אפהיטען אין איהרע קליידער, אפגעטראטען דעם ארט פאר עלעגאנטע טואלעטען, וועמעס קינסטליכער געשמאק האט קונציג צוגעדעקט, ווי זיי האבען געזאגט, די פעהלערען פון איהר פארשלא־פענער העסליכקייט. בייזע צינגער פלעגען נאך צולייגען, אז מען שדכנט זיך צו איהר צוליב איהר רייכקייט און בשום אופן ניט צוליב איהרע שעהנע אויגען. אבער וואס איז שייך איהרע טואלעטען האט

זייער באַצויבערענדע אָריגינאַליטעט ניט געדאַרפט צוגעשריבען ווע־
רען צו אַנעט. דאָס אַלץ איז געווען דער אויפטו פון סילוויאַ'ס געשמאַק
און ערפינדזאַמקייט. עס פאַרשטעהט זיך, אז אַנעט איז געווען „אַ
שעהנער שדוך", אָבער אויב איהר קליינע סוויטע האָט עס געהאַט
אין זינען, האָט מען צו די אבזיכטען פון די קאַנדידאַטען העכסטענס
געקאָנט צושרייבען יענע געוויסע אַכטונג, וואָס זיי האָבען צוגעגעבען
צו זייער פלירט. וואָלט זי געווען וויניגער רייך, וואָלטען זיי איהר
פאַרפאָלגט ניט וויניגער, דערפאַר אָבער פיעל דרייסטער.

די אורזאַך פון איהר צוציהונגס־קראַפט איז געלעגען פיעל טיפער.
אַנעט איז אפילו ניט געווען קיין קאָקעטקע, אָבער איהר אינסטינקט
האָט איהר גאַנץ גוט געדינט. זייענדיג רייך און קרעפטיג האָט זי מיט'ן
אינסטינקט געפיהלט אז זי נויטיגט זיך ניט אין אָנווייזונגען וואָס צו
טאָן: די ווירקונג איז געווען אַ זיכערע, ווארום דער ווילען האָט אין
דעם קיין אַנטייל ניט גענומען. אין דער צייט, ווען זי איז געזעסען
שמייכלענדיג ווי אַ פאַרגליווערטע, אַזוי ווי זי וואָלט געווען פאַר־
זונקען אין איהר אינערליכען לעבען, האָט זי זיך ערלויבט צו ווערען
אָוועקגעטראָגען פון דער זיסער כוואַליע פון אומקלאָרע זינליכע גע־
פיהלען, וואָס האָבען איהר פונדעסטוועגען ניט געשטערט צו הערען און
צו זעהן, וויל גערעדט פאַר איהר האָט דער קערפער; אַ מעכטיגע
צוציהונגס־קראַפט האָט ארויסגעשטראָמט פון איהרע אויגען, פון מויל
און פון איהר גאַנצען קרעפטיגען קערפער, פון איהר יוגענד, וואָס איז
געווען אָנגעלאָדען מיט ליבע, ווי אַ בליהענדע גיאַצינטע. איהר צויבער
איז געווען אַזוי גרויס, אַז קוקענדיג אויף איהר וואָלט קיינעם (אויב
נאָר ניט קיין פרוי) גאָר ניט איינגעפאַלען אַ טראַכט צו טאָן, אַז סוף
כל סוף איז זי דאָך ווייט פון שעהן. און אויב זי האָט וויניג גערעדט,
איז גענוג געווען עטליכע ווערטער, וואָס זי פלעגט אַ וואַרף טאָן אַהין
און אַהער אין אַ פוסטען געשפּרעך, כדי עס זאָל זיך אַנטפּלעקען דער
ווייטער האָריזאָנט פון איהר אומגעוויינליכען פאַרשטאַנד. אויף אַזאַ
אופן האָט זי געהאַט ניט וויניגער מתנות פאַר די, וואָס האָבען גע־
זוכט נשמה, ווי פאַר דעם יצר הרע פון יענע, וואָס האָבען פאַר־
דעכטיגט אַז אין אָט דעם שלאָפענדען קערפער (שטילע וואַסער!)
ליגט באַהאַלטען די עשירות פון אומקלאָרע פאַר זיי אַליין תאוות.

עס האָט אויסגעוויזען ווי זי וואָלט גאָר ניט באַמערקען, אָבער

געזעהן האָט זי גאַר גוט. דאָס איז שוין — אַ ווייבערשע פעהיגקייט. ביי אַנעט איז די דאָזיגע פעהיגקייט נאָך געווען פאַרשטאַרקט דורך אַ שאַרפע אינטואיציע, וואָס איז אָפט ענג פאַרבונדען מיט אַ גרויסער לעבענסקראַפט און וואָס כאַפּט אויף אַהן וווּרטער און אַהן זשעסטען דעם געשפּרעך פון צוויי באַשעפּענישען. ווען עס האָט אויסגעוויזען אַז זי איז פאַרטראָגען עפּעס וואו ווייט, האָט עס באמת באַדייט, אַז זי הערט. דער שאָטענדיגער וואַלד פון הערצער! . . . יעדער האָט געזוכט זיין שמאָלען וועג. ארומוואַנדערנדיג פון איינעם צום צווייטען האָט אַנעט אויסגעקליבען איהרען.

די יונגע לייט, צווישען וועלכע איהר אויסוואַל איז באַשרענקט געווען, האָבען באַלאַנגט צו יענער רייכער, ניט־נאַרישער, טעטיגער בורזשואזי מיט פאַרגעשריטענע אידעען (וויינינגסטענס האָבען זיי אַליין אַזוי געטראַכט), צו וועלכער ראַול ריוויער האָט אַליין באַלאַנגט. אין יענער צייט האָט זיך אַקאָרשט אריבערגעטראָגען דער שטורם פון „דרייפוס פּראָצעס". דער פּראָצעס האָט נאָהענטער צוזאַמענגע־געבראַכט מענשען פון פאַרשידענע אידעען־ריכטונגען, וואָס זיינען אָבער אַלע געווען פאַראייניגט דורך דעם אינסטינקט פון סאָציאַלער גערעכטיגקייט. דער דאָזיגער אינסטינקט איז, ווי מען קאָן זעהן פון דאָס וואָס האָט ווייטער פּאַסירט, געווען ניט זעהר פעסט. די סאָ־ציאַלע אומגערעכטיגקייט האָט זיך ביי זיי אַנגעהויבען און געענ־דיגט מיט דעם איין פאַל פון אומגערעכטיגקייט. איינער פון די טויזענטער ביישפּילען פון דעם מין איז געווען ריוויער, וועמען די וועלט־אומגערעכטיגקייט האָט ניט אויף אַ האָר געשטערט רוהיג צו שלאָפען, וועלכער האָט זאַגאַר אָפּגעשלאָסען אַ גוט געשעפטעל מיט'ן סולטאַן אין אַ צייט, ווען זיין סולטאַנישע מאַיעסטעט האָט קאַלטבלוטיג דורכ־געפיהרט דעם ערשטען אַרמענישען בלוט־באַד, אונטער דעם וואַילווע־לענדען שווייגען פון איירָאָפּאַ. און דאָך איז ריוויער געווען אין אמת שטאַרק אויפגערעגט צוליב דעם בארימטען פּראָצעס. מען דאַרף ניט פאָדערן פון מענשען צופיל. אויב זיי איז אויסגעקומען איין מאָל אין לעבען צו קעמפען פאַר גערעכטיגקייט, ווערען זיי דורך דעם שוין אויסגעמאַטערט. וויינינגסטענס זיינען זיי כאָטש איין טאָג געווען גע־רעכט, און עס קומט זיי פאַר דעם אויך אַ יישר כח. ריוויערס קרייז, יענע פאַמיליעס, וועמעס זיהן עס זיינען איצט געווען פאַרליבט אין

אנעט, האָבען בשום אופן ניט געצווייפעלט אין זייערע פאַרדינסטען, וואָס זיי האָבען באַקומען אין קאַמף פאַר „רעכט“ און זיינען געווען זיכער, אַז עס איז ניט נויטיג מעהר זיי צו באַנייען מיט נייע אָנשטרענ־גונגען. צוזאַמענלייגענדיג די הענט אויפ'ן ברוסט, זיינען זיי פאַר־בליבען איין מאָל פאַר אַלע מאָל „דער באַטאַליאָן פון פּראָגרעס“.

גאַנץ פרידליכע אין פראַגען פון אויסערליכער פּאָליטיק אין יע־נעם קורצען פּעריאָד, ווען דער בירגערליכער קריג האָט כמעט ווי פאַר־גלושעט דעם נאַציאָנאַלען האַס, מיט אויסנאַם פון דער אַלטער האַ־לאַוועשקע פון שנאה צו ענגלאַנד, וואָס האָט נאָך אַלץ געטליעט אונ־טער דעם איינפלוס פון בורען־קריג, מיט אַן אָפּגעשוואַכטען פּאַטריאָ־טיזם, זעהר ניט קיין מיליטאַריסטישען, גענייגט צו טאָלעראַנץ און צו גוטמוטיגקייט, ווארום זיי האָבען זיך גאָר ניט שלעכט פאַרזאָרגט, געהערענדיג צום לאַגער פון די זיגער, האָבען זיי לייכט געמאַכט דעם איינדרוק פון א גרופּע מענשען, וואָס זיינען פול מיט לעבענס־פרייד, מיט א ברייטע מאָראַל, ביז צו א געוויסען גראַד הומאַניטאַרע, נאָך מעהר, זעלבסטפאַרשטענדליך, אַזאַ, וואָס אַנערקענט דאָס נוצליכע, א סקעפּטישע, אָהן הויכע פּרינציפּען, אָבער אויך אָהן גרויסע פאַר־אורטיילען . . . (אויף דעם האָט מען אָבער צופיל ניט געדאַרפט בויען!) זיי האָבען אין זייערע רייהען געצהלט עטליכע ליבעראַלע קאַ־טאָליקען, ניט ווייניג פּראָטעסטאַנטען, נאָך מעהר אידען און דעם גרונדקערן פון דער גוטער פראַנצויזישער בורזשואַזי, וואָס איז גלייכ־גילטיג צו יעדער רעליגיאָן און וואָס האָט די רעליגיאָן פאַרביטען אויף פּאָליטיק; זיי האָבען געטראָגען פאַרשידענע עטיקעטקעס, אָבער זיי זיינען ניט ווייט אַוועק פון דעם גלויבען אין רעפּובליק, וואָס האָט שוין אָנגעהאַלטען דרייסיג יאָהר און איז דאָך שוין געוואָרען א באַשטימטע פאָרמע — און זעהר א באַקוועמע — פון קאָנסערוואַטיזם. סאָציאַליזם איז אויך געווען פאַרטראָטען אין איהם, אָבער נאָר דורך די יוגענד פון די בורזשוא־קלאַסען, א רייכע און אינטעליגענטע, וואָס איז באַזיגט געוואָרען דורך דעם גאָלדענעם צונג און דעם ביישפּיל פון זשאָרעס. ער אַליין האָט נאָך דאַמאָלסט דורכגעלעבט זיין האָניג חודש מיט דער רעפּובליק.

אַנעט האָט קיין מאָל ערנסט זיך ניט אינטערעסירט מיט פּאָלי־טיק. איהר אָנגעשטריינגטע אינערליך לעבען האָט ניט איבערגעלאָזען

קיין פרייע צייט פאר דעם. אבער, ווי אנדערע, האט זי אויך אין א געוויסע צייט איבערגעלעבט א שעה פון אויפרעגונג וועגן „פראצעס“. די ליבע צום פאטער האט פארמירט איהרע געפיהלען נאך דעם מוסטער, ווי ער האט געפיהלט. לויט דער שטרעבונג פון הארץ און דעם אינסטינקט פון פרייהייט, וואס איז געלעגען ביי איהר אין די בלוטען, איז זי געווען גענייגט זיך צו שטעלען אויף דער זייט פון די אונטערדריקטע. און אזוי האט זי דורכגעלעבט מאמענטען פון העכסטער אויפרעגונג, ווען זאלא און פיקאר זיינען ארויסגעטראטען געגען דער גרויסער חיה — דער צוויושעטער פארדאמונג פון המון; און עס איז קיין וואונדער ניט געווען, דאס ווען זי פלעגט פארבייגעהן, ווי א סך אנדערע יונגע מיידלאך, פארביי דער טורמע שערשע־מידי, האט איהר הארץ שטארק געקלאפט פאר דעם, וואס איז דארט געווען איינגעשפארט. אבער דער דאזיגער געפיהל איז געווען ווייניג דורכגעטראכט, און אנעט האט זיך ניט געקאנט צווינגען קריטיש נאכצוטראכטען וועגען דעם „פראצעס“. פאליטיק איז איהר געווען צואווידער; ווען זי האט געפרובירט נאהענטער זיך צוצוקוקען צו איהר איז זי באלד אפגעשטויסען געווארען צוריק פון א געמיש פון לאנגווייליע און עקעל, וועלכע זי האט ניט געפרובירט אפילו גענויער צו אנאליזירען. זי האט געהאט א צו עהרליכען בליק אום ניט צו באמערקען די גאנצע מאסע פון קליינליכקייט און אומריינקייט, וואס איז כמעט אין גלייכע טיילען פארטיילט צווישען דעם און יענעם צד. דאס הארץ, ווייניגער אויפריכטיג ווי די אויגען, האט געפרובירט ווייטער גלויבען, אז די פארטיי וואס שטיצט די אידעען פון גערעכטיגקייט מוז אויך זיין מעהר גערעכט. און זי האט זיך פארגעווארפען פאר איהר, ווי זי האט עס גערופען, פוילקייט, זיך נאהענטער צו באקענען מיט זייער טעטיגקייט. אט פארוואס זי האט זיך געצוואונגען צו פארבלייבען אין א צושטאנד פון אפווארטענדע סימפאטיע צו זיי — פונקט אזוי, ווי ווען מען שפילט א געוויסע מוזיקאלישע ווערק פון א פארפאסער מיט א באוואוסטען נאמען, גלויבט דער צוהערער, אפילו ווען ער פארשטעהט עס ניט, שוין פארויס, אז עס איז פרעכטיג, מעהר ניט, ער וועט שפעטער די שעהנקייט ענטדעקען . . .

אנעט, זייענדיג אן עהרליכע נאטור, האט געגלויבט אין דער באדייטונג פון עטיקעטקעס, ניט וויסענדיג, אז אין ערגעץ זיינען פעלשונ־

גען ניט אזוי שטארק פארשפרייט, ווי דוקא אויף דעם געביט פון אי־דעען. זי האט נאך צוגעגעבן א רעאלע באדייטונג צו זאכען, וואס זיינען געווען אפגעסטעמפעט מיט געוויסע „א י ז מ ע ן", שטעמפלען פון פארשידענע פאליטישע מינים און צוגעצווינגען האבען איהר די, וואס האבען באדייט פארשריטליכע פארטייען. א געהיימע אילוזיע האט איהר געמאכט צו האפען, אז זי האט די בעסטע שאנסען דוקא דא צו טרעפען א לעבענס־חבר. זייענדיג צוגעוואוינט צו פרישע לופט, איז זי געגאנגען צו די, וואס האבען געזוכט פרישע לופט מחוץ פון אלטע פאראורטיילען, דורות־אלטע טעות'ן און דער שטיקיגקייט פון אלטע הייזער. זי האט שארף ניט פאראורטיילט די אלטע וואוינונגען. גאנ־צע דורות האבען אין זיי געפונען שוץ און אפדאך פאר די חלומות פון זייער לעבען. אבער די לופט איז אין זיי געווען אזוי פארשטיקט. זאל דארט בלייבען דער וואס וויל! מען דארף אריינציהען אין זיך פרישע לופט. און זי האט מיט די אויגען געזוכט א פריינד, וואס זאל איהר העלפען אויפבויען א געזונטע און ליכטיגע הויז.

אין יענע סאלאנען, וואו זי פלעגט זיין אן אריינגעהערקע, האט, ווי עס האט אויסגעוויזען, ניט אויסגעפעלט קיין יונגע לייט, וואס וואלטען געווען פעהיג זי צו פארשטעהן און איהר צו הילף צו קומען. צי מיט אן עטיקעטקע, אדער אהן דעם, האבען פיעל פון זיי באזעסען א דרייסטען פארשטאנד. אבער צום אומגליק איז זייער דרייסטקייט געווען געריכטעט ניט צו יענע האריזאנטען. לויט די ווערטער פון פי־לאזאף איז דער „לעבענסדראנג" שטענדיג באשרענקט. ער ווירקט קיינמאל ניט אין אלע ריכטונגען צו דערזעלבער צייט. אומגעוויינלאך זעלטען זיינען יענע שכל'ען, וואס באלייכטען אויפ'ן וועג אלץ ארום זיך. די מייסטען פון די, וועמען עס גליקט אפ אנצוצינדען זייער לאמטערנע (און אזוינע זיינען פאראן גאר ווייניגע!) האלטען דאס ליכט אנגעשטעלט אויף איין פונקט פאר זיך און ווייטער ארום הערשט פאר זיי א פולער חושך. מען קאן זאגאר זאגען, אז די באוועגונג פאראוים אין איין ריכטונג, ווערט שטענדיג באצאלט מיט א באווע־גונג אויף צוריק אין אן אנדער ריכטונג. אט אזוי איז, אז אויב איינער איז א רעוואלוציאנער אין פאליטיק, איז ער אין קונסט א פארביסענער קאנסערוואטאר — און אויב ער האט זיך געזעגענט מיט איין הייפעל פון פאראורטיילען (מיט יענע וואס זיינען פאר איהם געווען אם וויי־

ניגסטען טייער) קלעפּט ער זיך שטאַרקער צו אַן אַנדערע פּאַראור־טיילען.

די אומגלייכמעסיגקייט פון אַט דער זיך אויסגליטשענדער באַ־וועגונג, האָט אין קיין זאַך זיך ניט אויסגעדריקט שאַרפער ווי אין דער מאָראַלער ענטוויקלונג פוןביידע מינים. די פרוי, וואָס האָט זיך באַ־מיהט איבערצורייסען מיט די טעות'ן פון דער פאַרגאַנגענהייט, און איז אַרויפגעטראַטען אויף דעם וועג וואָס פיהרט צו אַ נייער געזעלשאַפט, האָט זעלטען ווען באַגעגענט אַ מאַנסביל, וואָס וואָלט אויך געוואָלט בויען אַ נייע וועלט. ער האָט אויסגעקליבען אַן אַנדער וועג. און אויב זייערע זיך לאַנגזאַם שלענגלענדע וועגען האָבען פיליכט סוף־כּל־סוף זיך פאַראייניגט אויבען אַרויף, פלעגען זיי דאָך דערווייל זיך אָפּקערען איינער פון אַנדערען.

אַזאַ פאַרשידענאַרטיגקייט פון די צילען האָט זיך באַזונדערס שטאַרק געוואָרפען אין די אויגען אין פראַנקרייך אין יענער עפּאָכע, ווען דער ווייבערשער שכל, וואָס איז לאַנג געבליבען אָפּגעשטאַנען, איז אין די לעצטע עטליכע יאָהר געווען געצייט שאַרף צו נעהמען געהן פאָרווערטס, און די מענער האָבען זיך אין דעם קיין דין וחשבון ניט אָפּגעגעבען. די פרויען אַליין האָבען אָפטמאָל ניט הויך גענוג אָפּגעשאַצט די דאָזיגע ערשיינונג ביז וואַנען אַ פערזענליכער צוזאַמענ־שטויס האָט פאַר זיי ניט ענטדעקט די וואַנט, וואָס האָט זיי אָפּגעטיילט פון זייערע באַגלייטער. און דער קלאַפּ פלעגט זיין אַ שרעקליכער. — אַנעט האָט אויף זיך אַליין געמוזט אויספּרובירען די דאָזיגע קראַנק־האַפטע מיספאַרשטענדניש.

צווישען דער גאנצער מחנה פון נשמות, וואס האבען זי ארומגערינגעלט, האבען איהרע אויגען, איהרע פארטראכטע אויגען, געמאכט אומבאמערקט א סמאטרע און אויסוואהל. זיי האבען אבער דאס ניט ארויסגעזאגט. זי האט זיך באמיהט וואס לענגער זיך אפצונארען מיט דעם געדאנק, אזוי ווי זי וואלט נאך אלץ ניט זיין פעסט באשלאסען ביי זיך. דוקא דאמאלסט, ווען דער באשלוס איז שוין אנגענומען געווארען, האט זי נאך אלץ זיך ארייגעזאגט ווי בסוד אין אויער: „קיין זאך האט מיך נאך ניט צוגעבונדען!“ און צום לעצטען מאל געפרובירט ברייט עפענען אלע טירען פון האפענונג.

באזונדערס איז איהר געפעלען געווען זיך אויסצומאלען איהר צוקונפט, אזוי ווי נאך ניט באשלאסען צווישען צוויי מענשען — כאטש זי האט אויסגעצייכענט געוואוסט וועמען פון זיי זי האט אויסגעקליבען. דאס זיינען געווען צוויי יונגע־לייט, אין עלטער פון 28־30 יאהר, מארסעל פראנק און ראזשע בריסא.ביידע פון דער וואהלהאבענדער בורזשואזיע, מיט גוטע מאנירען, ליבענסווירדיגע, ניט קיין נארישע, אבער פארשידענע לויט זייער שכל און כאראקטער.

מארסעל פראנק, וואס איז אפגעשטאמט פון אהאלב־אידישער פאמיליע, איז געווען פון יענע באצויבערנדע טיפען, וואס קומען אפטמאל ארויס אלס רעזולטאט פון א בונד פון צוויי גוט־צוגעקליבענע פערזאנען פון פארשידענע ראסען. ניט קיין הויך־געוואקסיגער, א דינער, א שלאנקער, אז עלעגאנטער מיט בלויע אויגען אויף דעם מאט־ווייסען געזיכט, מיט א ביסעל אן אויסגעהויקערטען נאז און א קליינעם, בלאנדען בערדעל; זיין לענגליכער, א ביסעל פערדישער פראפיל האט ערֿאינערט אן אלפרעד מיוסע. ער האט אויך געהאט יענעמס קלוגען, פריינדליכען בליק, וואס האט דעם צווייטען מענשען דא געלאשעט, דא דורכגעדרונגען דורך און דורך. זיין פאטער, א רייכער טוך־פאבריקאנט, א מענש אן אויסגערעכענטער אין געשעפטען, מיט א געוויסער סימפאטיע צו דער נייער קונסט, וואס האט געשטיצט

צייטשריפטען פון דער יוגענד, וואָס האָט אויסגעקויפט וואַז־האָג׳ס ווערק און פון דעם צאָהלבעאַמטען רוסאָ, האָט חתונה געהאַט מיט אַ וואונדערשעהנער טולוזעריז, וואָס האָט געוואונען דעם צווייטען פּרייז אין דעם קלאַס פון קאָמעדיעס אין קאָנסערוואַטאָריע און וואָס איז איין צייט אַרויסגעטראָטען אין הויפּט־ראָלען ביי אַנטאָאַן און פּאָרעל. אין אָנפאַנג ערשבערט דוד שטורם פון יונה פראַנק און נאָכהער ווערענדיג זיין געזעצליכע ווייב, האָט זי פאַרלאָזען די ביהנע אין סאַמע בליהונג פון איהר ערפאָלג, כדי אָנצופיהרען מיט אַ געניטער האַנט, נעבען דעם מאַנס געשעפטען, אויך איהר אייגענעם ליטעראַרישען סאַלאָן, וואָס איז געוואָרען גוט באַקאַנט צווישען אַרטיסטען. אין דעם ענגען הייראַטס־בונד, אין וועלכען קיינער פון די צדדים האָט, לויט אַ שטילשווייגענדיגען אָפּמאַך, זיך ניט צו שאַרף צוגעקוקט צו דער אויפפיהרונג פון צווייטען צד, און אין וועלכער יעדער האָט בכלל פאַרשטאַנען צו מאַכען די נויטיגע הנחות אין ביידענס אינטערעס, איז אויך ערצויגען געוואָרען דער איינציגער זוהן אין אַן אַטמאָספערע פון געפעליגער אויפמערקזאַמקייט און פאַרשאַרפטער גייסטיגער טעטיגקייט. מאַרסעל פראַנק האָט דאָ געלערנט איינצושטעלען האַרמאָניע צווישען אַרבייט און פאַרגעניגען און האָט באַוויזען, אַז אין אַ פאַרגינפטיגער איינינגונג פון די ביידע באַשטעהט די קונסט פון לעבען. ער האָט זיך באַשעפטיגט מיט דער דאָזיגער קונסט ניט וויינינגער ווי מיט אַנדערע און איז געוואָרען אַן אויסגעצייכענטער קענער פון אַט דער קונסט. זייענדיג פאַרבונדען מיט דער פאַרוואַלטונג פון די נאַציאָנאַלע מוזעאומס, האָט ער פריה זיך פאַרשאַפט אַ נאָמען אַלס שרייבער איבער פראַגען פון קונסט. ער האָט אָבער פאַרשטאַנען גוט צו בעאָבאַכטען מיט זיין פוילען, דורכדרינגענדען, חוצפה׳דיגען און גנאַדיגען בליק ניט נאָר בילדער, נאָר אויך לעבעדיגע פּנים׳ער. און צווישען די יונגע־לייט, וואָס האָבען זיך אַרומגעדרעהט אַרום אַנעט, האָט ער בעסער ווי ווער עס איז זי פאַרשטאַנען. זי האָט עס גוט געוואוסט. אַז אַנדערש מאָל, אַרויסגעהענדיג פון איהרע צושטרייטע חלומות, ווען ריידענדיג פלעגט זי נאָכפאָלגען גאָר ניט נאָך יענע געדאַנקען, וואָס זי האָט אַרויסגעזאָגט, פלעגט זי באַגעגענען זיינע פאַרשענדע אויגען, וועלכע האָבען ווי גערעדט צו איהר:

— אַנעט, איך זעה אייך אַ נאַקעטע!

און וואונדערבארער ווי אלץ איז געוועזן דאס, וואס זי איז גאר־ניט געווארען צומישט דערפון, זי, די שעמעוודיגע אנעט. איהר האט זיך געוואלט ענטפערען:

— ווי געפינט איהר מיך אין אזא צושטאנד?

זיי האבען זיך איבערגעווארפען מיט א שמייכעל פון געגענזייטיגער פארשטענדעניש. דאס וואס ער האט זי געזעהן אהן צודעקענס האט ניט געהאט קיין באדייטונג: זי האט געוואוסט, אז זי וועט קיינמאל איהם ניט געהערען. מארסעל האט אין איהר אויסגעלייענט די דאזיגע זיכערקייט. ער איז ניט שטארק אויפגערעגט געוועזן דערפון. ער האט געטראכט:

— מיר וועלען זעהן.

ווארום ער האט געקענט דעם צ ו ו י י ט ע ן.

דער צ ו ו י י ט ע ר — ראזשע בריסא — איז געוועזן זיין חבר אין ליציי. פראנק האט אויסגעצייכענט פארשטאנען, אז אנעט ציהט פאר יענעם . . . אין אנהויב, וויינינגסטענס . . . (און נאכהער? . . . דאס איז שוין א גאנץ אנדער זאך! . . .) בריסא איז געוועזן א שעהנער בחור. א שעהנער, קלארער פנים, אן אפענער אויסדרוק, היימליכע טונקעלע אויגען, רעגעלמעסיגע, א ביסעל צו גרויסע געזיכטציגע, פולע באקען, געזונטע ציינער, א געגאלטער מיט א יוגענדליכען איבערפלוס פון שווארצע האר, וואס זיינען געוועזן צוזאמען איבער'ן קלוגען שטערן מיט א זייטיגען שייטעל. א הויך־געוויקסיגער, א ברייטע ברוסט, לאנגע פיס, שטארקע מוסקולען. ער איז געוואוינט געוועזן צו פרייע באוועגונגען און שטארקע זשעסטען. ער האט גוט, זעהר גוט גערעדט מיט זיין ווארימער, מוזיקאלישער שטים, א גאנץ נידעריגער און מעטאלענער, וועלכע אנדערע האבען האלט געהאט און ער אליין האט אויך האלט געהאט. א קאנקורענט צו פראנק'ן אין שטודיום, באזיצענדיג לעבעדיגע, גלענצענדע פעהיגקייטען, איינגעוואוינט צו דעם ערפאלג פון זיין שכל, האט ער פון דעסטוועגען געהאט ניט קיין קלענערע תשוקה צו קערפערליכע איבונגען. אין בורגונד, וואו זיינע עלטערנס גיטער — וועלדער און וויינגערטנער — האבען זיך געגרעניצט מיט פאול ריוויער'ס דארפישען הויז, האט ראזשע זיך גערעכענט פאר אן אומערשראקענעם פוסגעהער, יעגער, און פאר אן אויסגעצייכענטען רייטער. אנעט האט אין אמאליגע צייטען ניט איין מאל

איהם באַגעגענט אויף איהרע שפּאַצירען. אבער צו יענער צייט האָט זי זיך ניט געקימערט וועגען אַ באַגלייטער. זי האָט האַלט געהאַט זיך ארומצושלעפּען אַליין: און ראַזשע פון זיין זייט פלעגט אין די חדשים, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אויף דער פרייער לופט, זיך ארויס־רייסענדיג פון פּאַריז, זיך מאַכען פאַר אַ גאַנצען פּרומאַק; ער האָט זיך באַמיהט ארויסצואווייזען, אַז זיין פערד און הונט זיינען ביי איהם בילכער ווי אַ מיידעל. ביים באַגעגענען פלעגען זיי זיך נאָר באַגריסען און באַקוקען איינע די אַנדערע. גאָר אַהן שפּורען זיינען אבער די באַגעגענישען ניט געבליבען. עס איז ביי זיי ביידען פאַר־בליבען די עראַינערונג אַז אנגענעהמע געשטאַלטען און אַז אומקלאָרע תשוקה פון צוויי באַשעפענישען, וואָס האָבען פיזיש זיך זעהר גוט געפּאַסט איינע פאַר די אַנדערע.

בריסאָ'ס משפּחה האָט געטראַכט וועגען דעם. עס האָט אויסגע־זעהן, אַז ביידע גיטער, ניט ווייניגער ווי די מענשען, זיינען באַשאַפען אום זיך צו פאַראייניגען. פון דעסטוועגען זיינען די באַציהונגען צווישען די שכנים ביי דער לעבענסצייט פון ראַול ריוויער פאַרבליבען, כאָטש העפליכע, דאָך פאַרט ווייטע. דורך אַ זאָנדערבאַרען צופאַל האָט ריוויער, וועלכער וואָלט קיינעם ניט אָפּגעטראָטען דעם ערשטען פּלאַץ אין פרייזיניגקייט, דאָך ביז דעם דרייפוס פּראָצעס געהאַט זיין גאַנצע קונדשאַפט דוקא אין דעם אַריסטאָקראַטישען און רעאַקציאָ־נערען לאַגער, און אַזוי ווי ער איז געווען גענוג בוויגזאַם זיי צו זינגען תפילות און (ניט אין פאַרשטעלטע זינען) אויך צו געהן אין קלויס־טער דאַוונען, אויב נאָר דאָס האָט איהם געקאָנט פאַרפעסטיגען זיין גוטען נאָמען ביי זיי, האָט ער דערפאַר זיך גערעכענט פאַר אַ רעי־אַקציאָנער און זאָגאַר פאַר אַ קלעריקאַל (פון וואָס ער האָט שטאַרק געלאַכט!) אין די אויגען פון די ראַדיקאַלע רעפּובליקאַנער פון זיין געגענד. און די בריסאָס זיינען געווען פאַררעכענט פאַר די זיילען פון ראַדיקאַליזם. אָט די משפּחה פון אדוואָקאַטען, ריכטער און פּראָקור־ראָרען, וואָס האָט זיך געגרויסט מיט איהר איבער אַ יאָהרהונדערט אַלטער רעפּובליקאַנער געזינונג (זי איז באמת געווען רעפּובליקאַניש אין די צייטען פון דער ערשטער רעפּובליק. אָבער זי האָט איצט פאַר־געסען צו דערמאַנען, אַז דער עלטער־זיידע, וואָס איז געווען אַ מיט־גליד פון קאָנווענט, האָט באַקומען דעם אָרדען פון דער ליליע, ווען

די בורבאָנען זיינען צוריקגעקומען צו דער מאַכט) האָט געגלויבט אין דער רעפּובליק, ווי אַנדערע גלויבען אין גאָט דעם פאָטער, און זי האָט זיך געפיהלט אַזוי ווי געבונדען דורך איהרע טראַדיציעס: די עהרע פאַרפליכטעט! דערפאַר האָט זי געהאַלטען פאַר איהר רעכט אויס־צודריקען אַ שאַרפע פאַראורטיילונג איבער ראָול ריוויער, איהם האַל־טענדיג אויף אַ מכבודעם מהלך, וואָס דאָס האָט יענעם גאַנץ ווייניג געאַרט, אַזוי ווי ער האָט פון זיי קיין באַשטעלונגען ניט ערוואַרט — עס איז אָבער אָנגעקומען דער באַריהמטער „פּראָצעס“. ווען ריוויער האָט, ווי מיר האָבען געזעהן, מיט אַמאָל פאַרנומען זיין פּלאַץ צווישען דער פּראָגרעסיווער פּאַרטיי, זאָגאַר אַליין ניט טראַכטענדיג וועגען דעם. אין איין מינוט איז ער כשר געוואָרען פאַר זיי, זיין גאַנצע פאַרגאַנגענ־הייט איז אָפּגעווישט געוואָרען; מען האָט אין איהם זאָגאַר ענטדעקט הויכע בירגער־מעלות, וועלכע ער אַליין האָט זאָגאַר ניט פאַרדעכטיגט. אָבער פון וועלכע ער וואָלט געוויס געקאָנט ציהען נוצען, אויב דער טויט וואָלט ניט צושטערט זיינע פּלענער.

אָבער בריסאַ׳ס פּלענער האָבען דערפון ניט געליטען. אַט די גרוי־סע רעפּובליקאַנער, וואָס האָבען פאַרשטאַנען אין פאַרלויף פון אַ גאַנצען יאָהרהונדערט צו דערזעלבער צייט אי די פּרינציפּען צו האַלטען טריי און זייערע געלט־אינטערעסען צו האַלטען טייער, זיינען געווען רייך און האָבען, זעלבסטפאַרשטענדליך, געחלום׳ט וועגען דעם צו ווערען נאָך רייכער. עס איז געווען באַוואוסט, אַז ריוויער האָט איבערגעלאָזען דער טאָכטער אַ היבשען פאַרמעגען. זיי וואָלטען דערפאַר זעהר גערן פאַראייניגט זייערע בורגונדישע גיטער מיט ריוויער׳ס און עס וואָלט איינס דעם אַנדערען ממלא געווען. אָבער פאַר מענשען מיט פּרינ־ציפּען ווי די בריסאָס, זיינען די מאַטעריעלע באַטראַכטונגען געווען פון צווייטער באַדייטונג — זאָגאַר אין דעם פאַל, ווען דער געדאַנק איז קודם כל געווען געריכטעט אויף דעם פּונקט; אין אַ שדוך־פראַגע איז דער כאַראַקטער פון דער מיידעל געשטאַנען אויפ׳ן ערשטען פּלאַץ. — אין דעם פאַל האָט די מיידעל באַפרידיגט אַלע זייערע פאָדערונגען. אַנעט האָט זיי באַפרידיגט מיט איהר רעפּוטאַציע, מיט דער ערנסט־קייט פון איהר אויפפיהרונג און מיט איהר צו אַלעמען באַוואוסטען צובונד צום פאָטער. זי האָט איבעררראַשט מיט איהר שכל, מיט איהר פּשוט׳קייט. זי האָט זיך אויסגעצייכענט געהאַלטען אין דער געזעל־

שאַפט. זי איז געווען צוריקגעהאַלטען, געגוג קלוג, געזונט. מען האָט אַפילו געהאַלטען פאַר אַ מין אַנשטעל איהר שטודירען אין סאָרבאָן, איהר וויסענשאַפטליכע אַרבייט, איהרע דיפּלאָמען. מען האָט אָבער גערעכענט, אַז דאָס זיינען אונטערהאַלטונגען פון אַ מיידעל, וועמען עס איז לאַנגווייליג, וועלכע זי וועט אויפגעבען ווי נאָר זי וועט האָבען דאָס ערשטע קינד. ביי די בריסאָס איז געווען אַנגענומען זיך צו ווייזען, אַז זיי האָבען האַלט בילדונג — זאָגאָר ביי פרויען — אָבי נאָר די בילדונג זאָל ניט שטאַרק שטערען. גאָט צו דאַנקען! אַנעט וועט זיין ניט די ערשטע דענקענדע פרוי אין דער משפּחה. די פרוי בריסאָ — מוטער, און אויך ראַזשע׳ס שוועסטער, פריילין אַדעל, האָבען געהאַט אַ נאָמען — ביז צו אַ געוויסען גראַד זאָגאָר אַ גערעכטען — אַלס פרויען מיט שכל, ניט וויינעגער ווי מיט האַרץ, וואָס האָבען פאַרשטאַנען צו נעמען אַן אַנטייל אין גייסטיגען לעבען, פּונקט אַזוי ווי אין דעם לעבען פון די מענער פון זייערע פאַמיליעס. אַנעט׳ס גייסטיגע פעהיגקייטען זיינען געווען אַ גאַראַנטיע פאַר דעם, אַז וויינעגסטענס (דאָס איז געווען פון גרויס וויכטיגקייט!) אַז פון איהר זייט איז ניט פאַרגעשטאַנען קיין געפאַהר פון קלעריקאַליזם. אויסער דעם וועט איהר נייע משפּחה ווערען פאַר איהר אַן איבערגעבענער אַפּעקון, וואָס וועט זי קאָנען אָפּהיטען פון אַלערליי טעות׳ן. דעם ליבען קינד וועט גאָרניט שווער זיין זיך צוזאַמענצושמעלצען מיט די וועמעס נאָמען זי וועט טראָגען: זי האָט דאָך קיין עלטערן ניט און זי וועט זיין זעהר צופרידען זיך צו שטעלען אונטער דער פיהרערשאַפט פון דער צווייטער מוטער און שוועסטער, וואָס איז אַ ביסעל עלטער פון איהר און וואָס זיינען שוין געווען מוכן ומזומן זי צו פיהרען אויפ׳ן גלייכען וועג. וואָרום די דאַמען בריסאָ, וואָס זיינען געווען גוטע באַאָבאַכטערינס, האָבען געהאַלטען אַז אַנעט איז באמת אַ זעהר סימפּאַטישע, איז זעהר געבילדעט, ווייכהערציג, העפליך, צוריקגעהאַלטען, שעמעריג (פון זייער שטאַנדפּונקט איז עס ניט געווען קיין פעהלער), אַ ביסעל קאַלט (און דאָס איז כמעט געווען אַ טוגענד).

אויף אַזאַ אופן האָט ראַזשע אַנגעפיהרט זיין שדכנ׳ען זיך צו אַנעט מיט דער הסכמה פון דער גאַנצער משפּחה, מיט וועלכער ער האָט פריהער זיך מיישב געווען. ער האָט קיין זאַך ניט באַהאַלטען, זייענדיג שטענדיג זיכער אין זייער גוטהייסונג. טאַטע־מאַמע האָבען

איהם פאַרגעטערט. ער האָט זיי געענטפערט מיט דער זעלבער מטבעה.

אין דער פאַמיליע בריסאַ איז מען שוין געוואוינט געווען אַז איינער זאָל זיין ענטציקט מיט'ן צווייטען. דאָרט האָט מען שטרענג אָפּגעהיט די טשינען; אָבער יעדער האָט געהאַט זיין פּרייז. מען מוז מודה זיין, אַז זיי אַלע זיינען געווען גוט פאַרזאָרגט סאַי מיט שכל און סאַי מיט פיזישע און מאַטעריעלע מעלות. זיי האָבען עס גאַנץ גוט געוואוסט, אָבער האָבען זיך געהאַלטען מיט אַן עלעגאַנטער באַשיידענהייט, ווי עס פּאַסט פאַר גוט־ערצויגענע מענשען. זיי האָבען ניט געזוכט אַרויסצואווייזען זייער גדלות פאַר די, וועמען זיי האָבען געהאַלטען נידעריגער פון זיך. אָבער קיינער, וואָס האָט געזעהן די רוהיגע זיכערקייט אין זייערע געזיכטסשטריכען, האָט ניט געקאָנט צווייפלען אין דעם. און מעהר ווי אַלץ זיינען זיי געווען זיכער מיט ראָזשע. ער איז געווען זייער צאַרטעסטער און פיליכט אויך זייער גערעכטעסטער שטאָלץ. דער בריסאַ־בוים האָט קיינמאָל פריהער ניט געבראַכט קיין גראַטענערע פרוכט. ראָזשע האָט פאַרמאָגט די בעסטע טאַלאַנטען פון זיין משפחה; און כאָטש ער האָט פאַרמאָגט אויך זייערע פעהלערן, זיינען אָבער די דאָזיגע פעהלערן ניט געווען באַליידיגענד; זיין ליבענסווירדיגקייט, זיין יוגענט האָבען געמאַכט צו פאַרגעסען אַן זיי. ער איז געווען פול מיט טאַלאַנטען. אַלץ האָט זיך איהם לייכט געגעבען, באַזונדערס לייכט איז געווען זיין רעדנער־טאַלאַנט. שעהנרעדנעריי איז געווען איינע פון די ירושות פון דער משפחה. זי האָט שוין געצעהלט אין איהרע רייהען איינעם אַ באַריהמטען אַדוואָקאַט; און ביי זיי אַלעמען איז געווען אַן איינגעבאָרענע נייגונג צו שעהנרעדנעריי. עס איז געווען ניט גערעכט צו זאָגען, אַז זיי האָבען, ווי יענע פלווידערזעק פון די דרום־פּראָווינצען, געמוזט ריידען אום צו טראַכטען בשעת־מעשה. אָבער אַז צו ריידען איז געווען פאַר זיי אַ נויטווענדיגקייט — וועגען דעם איז קיין ספק ניטאָ. זייערע אמת'ע פעהיגקייטען פלעגען זיך פאַרנאַנדערבליהען אין פּראָזען: דאָס שווייגען וואָלט זיי אַטראָפירט. ראָזשע'ס פאָטער, איינער פון די באַריהמטעסטע ריידערס, אין דעפּוטאַטען־קאַמער, איבער וועלכען זיינע וועהלער האָבען אָפּגעשפּילט אַ שלעכטען שפּאַס, איהם ניט אויסקלייבענדיג אַ צווייטען מאָל, פלעגט איצט אַרומגעהן אַ דערשטיקטער פון זיין שעהנרעדנעריי, וואָס האָט דורך דעם שפּאַס געמוזט פאַרבלייבען אינע־

וויינינ; ראַזשע, וואָס איז דאַמאָלסט, ווען דאָס האָט פּאַסירט, אַלט געווען זעקס יאָהר, פּלעגט איהם גוטמוטיג זאָגען, ווען זיי פּלעגען בלייבען אַליין ביים קאַמין:

— פּאַפּאַ, זאָג מיר אַ רעדע!

איצט האָט ער אַליין געהאַלטען רעדעס. זיין יונגע רעפּוטאַציע איז באַלד מיט אַמאָל געווען גלענצענד פאַרפעסטיגט פאַר איהם אויף די קאָנפערענצען פון די אַדוואָקאַטען אין דער פּאַלאַטע. ווי אַלע ברּיסאָס, האָט ער אויך זיינע טאַלאַנטען גענומען באַנוצען אין דער פּאָליטיק. די מיטינגען וועגען דעם דרייפוס־פּראָצעס האָבען געדינט פאַר איהם אַלס אַרענאַ פאַר זיינע ערשטע אַרויסטרעטונגען. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער אַרענאַ מיט דעם גאַנצען ברען און האָט נעכט פאַרבראַכט אין ריידען. די יונגע ליידענשאַפט, דער מוטה, די שעהנע ווערטער, וואָס האָבען זיך איבערגעגאָסען איבער די ברעגעס פון אָט דעם שעהנעם יונגנמאַן, האָבען צוגעצויגען צו איהם די באַגייסטערטע סימפּאַטיעס פון די יונגע פּרויען־דרייפוס'אַרקעס און פון אַ סך יונגע־לייט, נאָך אינגער ווי ער אַליין. די ברּיסאָס, וואָס האָבען שטענדיג געברענט מיט דעם פאַרלאַנג ניט אָפּצושטעהן אויף די וועגען פון פּראָגרעס, אָבער אין דערזעלבער צייט זייענדיג זעהר פאָרזיכטיג ניט צו מאַכען אַ טריט צו ווייט און ניט צו פריה, האָבען זייער זוהן, זייער יונגע באַריהמטקייט אַוועקגעלאָזען אויפ'ן רעכטדענקענדען סאָציאַליזם. ראַזשע, מיט זיין געזונטען חוש הריח, איז אַליין אויך געגאַנגען נאָך דעם סלאָד. ווי דער בעסטער טייל פון דער איצטיגער יוגענד בכלל, האָט ער זיך געפונען אונטער דער באַצויבערונג פון זשאָרעס'ן און ער האָט זיך באַמיהט אין זיינע רעדעס נאָכצומאַכען דעם דאָזיגען גרויסען אָראַטאָר, וואָס איז געווען פול פון נביא'ישע זעהונגען און אָפּנאַרענדע מיראַזשען. ער האָט פּראָקלאַמירט די נויטווענדיגקייט פון צו דער־נעהנטערען דאָס פאָלק און די אינטעליגענץ. דאָס איז ביי איהם געוואָרען אַ טעמאַ פאַר זעהר שעהנע רעדעס. אויב דאָס פאָלק, וואָס האָט ניט געהאַט גענוג פרייע צייט, האָט דערפון ווייניג־וואָס זיך דערוואוסט, האָט אָבער די יונגע בורזשואַזיע זעהר פיעל פרייע צייט אויף דעם אָפּגעגעבען. מיט הילף פון אַ געלד־זאַמלונג און די פּער־זענליכע הילף פון אַ קליינעם קרייז פריינד, האָט ראַזשע אָרגאַניזירט אַ בילדונגס־קרייז, אַ זשורנאַל, אַ פּאַרטיי. ער האָט אויף דעם גע־

ספּענדט אַ סך צייט און אויך אַ ביסעל אייגענע געלט. די בריסאַס וואָס זיינען געווען גוטע צעהלער, האָבען אויך געוואוסט ווי צו ספּענדען אין צייט. זיי האָבען פאַרבארייט דעם באַדען פאַר די צוקונפטיגע וואהלען. פאַר ראָזשע איז פאַראויס שוין געווען באַשטימט אַ פּלאַץ אין צוקונפטיגען פּאַרלאַמענט. ער האָט געוואוסט דערפון. זייענדיג געוואוינט פון קינדרווייז אָן צו זעהן ווי די משפּחה גלויבט אין איהם, האָט ער אויך אָנגעהויבען פריה צו גלויבען אין זיך; און כאָטש ער האָט אַליין ניט געוואוסט אין וואָס זיינע אידעען זיינען באַשטאַנען, האָט ער בלינד געגלויבט אין זיי. עס איז בשום אופן ניט געווען קיין גאוה! ער איז געווען פול מיט זיך, אָבער דאָס איז געווען אַזוי נאַטירליך! אַלץ האָט זיך איהם איינגעגעבען; ער איז דערצו אַזוי געוואוינט געווען, אַז ער האָט אַפילו ניט געטראַכט זיך צו האַלטען גרויס; אָבער ער וואָלט געווען שטאַרק איבערראַשט, אויב עס וואָלט פּאַסירט עפּעס וואָס אַנדערש; דאָס וואָלט געווען אַן ערנסטער קלאַפּ פאַר זיין גלויבען. ווי ליבענסווירדיג ער איז! אַן עגאָאיסט, אַליין ניט וויסענדיג דערפון, אַ נאַאיווער, וואוילער יונג, אַ שעהנער, געניינט צו געבען, אָבער צו דערזעלבער צייט פעסט באַשלאָסען צו באַקומען, און ניט וויסענדיג וואָס דאָס הייסט איהם אָפּזאָגען אין וואָס, אַ פּשוט'ער, אַ וואוילער, אַ האַרציגער, דאָך מיט גרויסע פאָדערונגען און ערוואַרטונגען אַז די גאַנצע וועלט וועט ליגען פאַר זיינע פיס . . .
ער איז אין אמת'ן געווען זעהר צוציהענד.

אַנעט איז געוואָרען אַ באַצוויבערטע. זי האָט ריכטיג איהם אָפּ־געשאַצט און דורך דעם איז ער איהר נאָך מעהר געפעלען געוואָרען. זי האָט געשמייכעלט איבער זיינע שוואַכקייטען, וועלכע זיינען איהר געווען אומגעוועהנליך טייער. און איהר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אַ דאַנק אַט די שוואַכקייטען איז ער וויינינער אַ מאַן און מעהר אַ קינד. איהר האַרץ האָט זיך געפרעהט וואָס ער איז געווען אי דאָס, אי יענעס. איינער פון די פּרעכטיגסטע שטריכען ביי ראַזשע איז געווען דאָס, וואָס ער האָט קיין זאַך ניט באַהאַלטען: ער איז געווען אָפען דורך און דורך. די נאַאיווע צופרידענהייט מיט זיך אַליין האָט איהם צו־געגעבען אַ פאַלשטענדיגע נאַטירליכקייט.

ער האָט שוין דערפאַר אַליין זיך איבערגעגעבען אין אַנעט'ס הענט ווייל ער איז געווען פאַרליבט אין אַנעט, היים און אָהן אַ צוריקהאַל־טונג. ער האָט קיין זאַך ניט האַלט געהאַט נאָר אויף העלפט. אָבער ער האָט געזעהן יעדע זאַך נאָר אויף האַלב.

זיך אָנגעצונדען מיט ליבע צו איהר האָט ער איינמאָל אויף אַז אוועגט־אונטערהאַלטונג, ווען ער האָט געהאַלטען אין ריידען שעהנער ווי געוועהנליך. אַנעט האָט גאָרנישט גערעדט, אָבער זי האָט אויס־געצייכענט זיך צוגעהערט (וויינינסטענס האָט ער אַזוי געטראַכט) איהרע קלוגע אויגען האָבען צוגעגעבען זיינע אייגענע געדאַנקען אַ געוויסע קלאַרקייט און אַ העכערען שוואונג. איהר שמייכעל האָט איהם געמאַכט זיך פרעהען דערמיט, וואָס ער רעדט אַזוי שעהן, און נאָר מעהר דערמיט, וואָס זי טיילט מיט איהם די דאָזיגע פרייד . . . ווי שעהן זי איז געווען, ווען זי האָט זיך צוגעהערט צו זיינע רייד! וואָס פאַר אַ פּרעכטיגער פאַרשטאַנד, וואָס פאַר אַן אויסערגעוועהנליכע נשמה האָט מען געקאָנט אויסלייענען אין אַט די אויפמערקזאַמע און פיעל־ריידענדיגע אויגען, אין אַט דעם אַלץ פאַרשטעהענדען שמיי־כעל! . . . כאָטש ער אַליין האָט גערעדט, האָט זיך איהם דאָך גע־דאַכט, אַז ער רעדט צוזאַמען מיט איהר. יעדענפאַלס האָט ער גע־

רעדט נאָך צו איהר אַליין; ער האָט געפיהלט ווי ער הויבט זיך אויף איבער זיך אַליין דורך אָט די אינערליכע געשפּרעכע, דורך אָט דעם געהיימען אויסטויש פון ווערטער און קלאַנגען . . .

דעם אמת זאָגענדיג האָט אַנעט ניט זעהר אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט. געגוג פאַרשטענדליך אום שנעל אויפצוכאַפּען דעם אַלגעמיינעם זינען פון ראָזשע'ס געדאַנקען, האָט זי, געוועהנליך, זעהר נאַכלעסיג נאָכגעפאָלגט נאָך זיינע שעהנע, ריטמישע פראַזען. זי האָט זיך באַנוצט דערמיט וואָס ער איז געווען פאַרנומען מיט זיך אַליין כדי איהם גוט צו באַטראַכטען: זיינע אויגען, מויל, הענט און יענע באַוועגונג פון דער מאַרדע, וועלכע ער פלעגט מאַכען אין געשפּרעך, די שעהנע נאָזלעכער פון אַ הירזשענדען זשערעבטשיק, און די ליבע געוואוינהייט אַרויסצורייסען שאַרף געוויסע בוכשטאַבען און אַלץ, וואָס ווערט אויסגעדריקט דורך דעם אינערליך און אויסערליך . . . זי האָט געקאָנט קוקען. זי האָט געזעהן ווי ער איז דורשטיג נאָך אַלגעמיינער ענטציקונג; זי האָט געזעהן דאָס פאַרגעניגען וואָס ער האָט געהאַט דערפון, וואָס ער געפעלט, וואָס זי קאָן איהם האַלטען פאַר שעהן, קלוג, שעהנרעדעריש און וואונדערבאַר. און זי האָט איהם גאַרניט נעפּונען (פיליכט אַ קליין ביסעל, גאָר אַ טראָפּעלע . . .) פאַר לעכערליך. פאַרקעהרט, זי איז געווען געריהרט דערפון . . .

(„אַ־יאַ, מיין ליבער, דו ביזט שעהן, באַצויבערנד, קלוג, אַ שעהנער רעדנער, וואונדערבאַר . . . דו ווילסט אַ שמייכעל? . . . זעהסטו, מיין ליבער, איך וועל דיר שיקען צוויי . . . מיט די צערטליכסטע אויגען . . . ביזטו צופרידען? . . .")

איז זיך האָט זי געלאַכט זעהענדיג ווי ער, אַ גליקליכער און שטאָלצער, האָט נאָך שטאַרקער גענומען זינגען, ווי אַ פויגעל אין פריהלינג.

ער איז געווען גליקליך פון דער ענטציקונג, ער האָט עס אויסגעזופּט ביז צום דעק אַהן דעם קלענסטען טראָפּען פון איראָניע; ער האָט געוואָלט נאָך מעהר דערפון, דאָס האָט איהם קיינמאָל ניט דערעסען. און, זיך אַליין פאַר'שכור'נדיג מיט זיין געזאַנג, האָט ער עס שוין ניט געקאָנט אונטערשיידען פון דער, וואָס איז ענטציקט געווען מיט איהם. זי האָט אויסגעקוקט אין זיינע אויגען ווי אַ פאַרקערפּער־

רונג פון דאָס אַלץ וואָס אין איהם אַליין אין געווען שעהנעס, ריינעס, געניאַלעס. ער האָט זי פאַרגעטערט.

און זי, אין וועמען די ליבע איז פון ערשטען אויגענבליק אריינגעדרונגען, זיך פיהלענדיג באַגאַסען מיט אַט דער פאַרגעטערונג, האָט ניט ארויסגעוויזען דעם קלענסטען ווידערשטאַנד. זאָגאָר די צערטליכע איראָניע, מיט וועלכער זי האָט פאַרדעקט, ווי מיט אַ האַלזטוך, דאָס קלאַפּען פון איהר הארצען, איז אַראָפּגעפאַלען, און זי האָט אויסגעשטרעקט איהר נאַקעטע ברוסט אַנטקעגען דער ליבע. זי האָט געפיהלט די דורשט נאָך לאַסקעס! וואָס פאַר אַ גליק צו קאָנען עס באַפריידיגען (זי האָט שוין פאַראויס הנאה געהאַט דערפון) דורך דעם מויל פון אַט דעם מאַן, וואָס האָט זי אַזוי באַצויבערט! דאָס וואָס ער האָט עס איהר פאַרגעלייגט מיט אַזאַ ברען, קומענדיג אַנטקעגען איהרע פאַרלאַנגען, האָט זי אַנגעפילט מיט אַ ליידענשאַפטליכער דאַנקבאַרקייט.

דער פייער האָט זיך גוט צופלאַקערט. יעדער פון זיי האָט געברענט מיט דעם פאַרלאַנג נאָכ'ן צווייטען און עס געשפייזט מיט זיין איינענעם פאַרלאַנג. און וואָס מעהר איינער האָט זיך צופלאַקערט, אַלץ מעהר האָט ער ערוואַרט פון צווייטען, און אַלץ מעהר האָט דער צווייטער זיך באַמיהט אַריבערצושטייגען די ערוואַרטונגען. דאָס איז געווען זעהר פאַרמאַטערנדיג. אָבער זיי האָבען פאַרמאָגט אַן אוצר אַהן אַ שיעור פון יונגער קראַפט.

ביי דער צייט, וואו מיר שטעהען איצט, איז אַנעט'ס ענערגיע געווען פאַר'משפט אויף אַ פאַסיווער ראָלע. עס איז פאַר איהר קיין אַנדער זאַך ניט איבערגעבליבען. ראַזשע האָט זי פאַרפלייצט, ווי אַ כוואַליע, וואָס צוגיסט זיך. זי האָט זיך געטרונקען. ער האָט איהר קוים גענעבען די נויטיגע צייט אָפּצוציהען דעם אָטעם. זיין פרייגיביגע, זיך פאַרנאַנדערגיסענדע נאַטור האָט געפיהלט אַ באַדערפניש אַלץ אַרויסצוזאָגען, אַלץ צו פאַרטרויען: די צוקונפט, די געגענוואַרט, די פאַרגאַנגענהייט. און דאָס איז געווען אַ לאַנגע געשיכטע! ראַזשע האָט פאַרנומען אַ סך פלאַץ! אָבער ער האָט אויך געוואָלט אַלץ וויסען, אַלץ האָבען. ער האָט מיט געוואַלט זיך אַריינגעריסען אין אַנעט'ס סודות. אַנעט האָט מיט גרוים מאַטערניש געקאָנט פאַרטיידיגען איהרע לעצטע פעסטונגען. מיט אַ לייכטען פראַטעסט, זיך פרעהענדיג און אונטערהאַלטענדיג, האָט זי געפרובירט קעמפען געגען די דאָזיגע ער־

אבערונג. אבער דער עראבערער איז געווען אזוי באצויבערנדיג־שעהן! . . . זי האט מיט גרויס פארגעניגען נאכגעגעבען: זיך לא־זענדיג באזיגען גייסטיג („ער ווייסט עס!" . . . ער האט איהר גיט זעהר גוט געקענט! . . .) האט זי דורכגעלעבט געהיימע אנפאלען פון פראטעסט און געגוס.

עס איז געווען ניט זעהר קלוג זיך איגגאנצען פארנאנדערצו־עפענען. געוויסע וידוי'ס, וואס ווערען געמאכט אין שטונדען פון אפענהערציגקייט, זיינען א געפאהר צו ווערען מיט דער צייט א וואפע אין די הענט פון דעם צוהערער. אבער ראזשע און אנעט האבען ווייניגער ווי אלץ געטראכט וועגען דעם. אין אזא שעה פון ליבע איז ניט געווען קיין זאך אין דעם געליבטען, וואס זאל ניט געפעלען, קיין זאך וואס זאל ארויסרופען א ווידערווילען. אלץ וואס דער געליבטער האט אנפארטרויט, האט ניט נאר ניט געוואונדערט דעם ליבענדען, נאר עס האט אויסגעוויזען ווי עס וואלט געווען פונקט באס, וואס דער צוויי־טער האט פארלאנגט. ראזשע האט איצט נאך וויניגער ווי פריהער צוריקגעהאלטען זיינע אומפארזיכטיגע וידוי'ס. און אנעט האט מיט איהר גוטען געהער אלץ אנגעמערקט.

וואס פאר א פארגעניגען זיי האבען ניט געהאט אין דעם צו פאראייניגען פארגאנגענהייט און געגענווארט, זיינען דאך זייער פאר־גאנגענהייט און געגענווארט פארטרונקען געווארען אין די פאנטאזיעס וועגען דער צוקונפט, וועגען זייער צוקונפט: — ווארום כאטש אנעט האט נאך קיין זאך ניט אויסגעזאגט און קיין זאך ניט פארשפראכען, האט מען דאך אזוי גוט איהר איינשטימונג פארדעכטיגט, אויסגעשטור־דירט, ארויסגעצוואונגען, אז זי האט געענדיגט דערמיט וואס זי האט געגומען גלויבען, אז זי האט שוין איהר הסכמה טאקע געגעבען. און אזוי, מיט האלב־פארמאכטע אויגען, א גליקליכע האט זי זיך צוגעהערט צו ראזשע (ער איז געווען פון די וואס האבען מעהר הנאה מיט דעם מארגענדיגען טאג ווי מיט דעם היינטיגען), וואס האט געשילדערט מיט אן אומערמידליכען ענטוזיאזם דאס גלענצענדע גייסטיגע און טעטיגע לעבען, וואס איז אויסגעפאלען אויף זיין גורל . . . וועמעס? איהר ראזשע'ס, און פון איהר אויך, זעלבסטפארשטענדליך, ווארום זי איז געווען א טייל פון ראזשען. זי האט ניט פראטעסטירט געגען די דא־זיגע צוזאמענמישונג: זי איז געווען צו־פיעל פארנומען מיט דעם

וואָס זי האָט געהערט, האָט אַנגעקוואָלען און האָט זיך פאַר׳שכור׳ט מיט אַט דעם וואונדערבאַרען ראַזשע. ער האָט אַ סך גערעדט וועגען סאָציאַליזם, וועגען גערעכטיגקייט, וועגען ליבע, וועגען דער באַפרייטער מענשהייט. ער איז באמת געווען פרעכטיג. אין זיינע רייד האָט זיין פרייגיביגקייט ניט געוואוסט פון קיין גרענעץ. אַנעט איז געווען גערירט. זי איז געווען שטאַרק אויפגערעגט פון דעם געדאַנק, אַז זי קאָן האָבען אַ חלק אין אַט דער זאַך פון געוואַלטיגער גוטסקייט. ראַזשע האָט קיינמאָל ניט געפרעגט וואָס עס זיינען איהרע געדאַנקען וועגען דעם. עס איז געווען זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז זי איז מסכים מיט איהם. זי האָט גאָר אַנדערש ניט געקאָנט טראַכטען. ער האָט גערעדט פאַר איהר. ער האָט גערעדט פאַר ביידען, וואָרום ער האָט גערעדט שענער. ער פלעגט זאָגען:

— מיר וועלען מאַכען . . . ביי אונז וועט זיין . . .

זי האָט ניט פראָטעסטירט. זי איז גיכער געווען גערייט צו זיין דאַנקבאַר. דאָס אַלץ איז געווען פון אַזאַ ברייטען פורנעם, אַזוי אומבאַשטימט, אַזוי אומאייגענננוציג, אַז זי האָט ניט געהאַט קיין אורזאַך זיך צו פיהלען געשטערט. ראַזשע איז געווען דאָס ליכט אַליין, די פרייהייט אַליין . . . פיליייכט אַ ביסעל אומקלאָר. אַנעט וואָלט געוואָלט, פיליייכט, אַ ביסעל מעהר באַשטימטקייט. אָבער דאָס וועט קומען נאָכהער: מען קאָן דאָך ניט אַרויסזאָגען אַלץ מיט איינמאָל. זאָלען מיר אַנהאַלטען דאָס פאַרגעניגען אַ ביסעל לענגער! . . . איצט איז געווען נויטיג נאָר איין זאַך: צו האָבען וואָס מעהר הנאה פון אַט די גרעניצלאָזע האָריזאָנטען . . .

מעהר ווי פון אַלץ האָט זי הנאה געהאַט פון דעם ליבען געזיכט, פון דער הייסער תשוקה פון זייערע פאַרליבטע קערפּערס איינע צום אַנדערען, דורך וועלכע עס פלעגען פלוצלונג זיך דורכציהען עלעקטרישע שטראָמען, טייכען פון דעם גרויסען ליידענשאַפטליכען ים, וואָס האָט אַנגעפילט זיי ביידען מיט די כחות פון דער ריינער יוגענט, אַ געזונטער, אַ קרעפטיגער און הייסבלוטיגער.

ראַזשע׳ס שעהנע רייד האָבען קיינמאָל ניט געהאַט קיין זיכערערע ווירקונג ווי דאַמאָלסט, ווען זיי פלעגען זיך איבעררייסען, און ווען ביים לעצטען אויפציטערנדיגען וואָרט, וואָס פלעגט עפענען פאַר זיי אויפרעגענדע זעהונגען, פלעגען זייערע אויגען זיך צוזאַמענטרעפען:

די פלוצלונגע באריהרונג איז געווען עהנליך צו אן ארומארמונג. דאמאלסט פלעגט איז זיי זיך אנצינדען אזא באגעהר, אז דער אטעם פלעגט פארכאפט ווערען. ראזשע פלעגט מעהר שוין ניט טראכטען דערפון ווי צו פארבלענדען און ווייטער צו ריידען. אנעט פלעגט מעהר שוין ניט טראכטען וועגען דער צוקונפט פון דער מענשהייט, זאגאר ניט וועגען איהר אייגענער צוקונפט. זיי פלעגען פארגעסען אן אלץ, אז אלץ איז דער וועלט: אז דאס גאסטצימער, אז די ארומיגע. אין אזוינע מאמענטען פלעגען זיי זיין איין וועזען, א צוגעהענדע שטיק וואקס. נאר איין באגעהר פון דער נאטור, איינער, א פארצערענדער און א ריינער ווי פייער, — נאך דעם פלעגט אנעט מיט פארטונקעלטע אויגען און מיט ברענענדע באקען ארויפשאקלען פון זיך דעם קאפשווינדעל, מיט א ציטערנדיגער און פאר׳שכור׳טער זיכערקייט,

אז עס וועט קומען דער טאג, ווען זי וועט זיך איהם אפגעבען . . .

זייערע געפּיהלען זיינען מעהר פאַר קיינעם קיין סוד ניט געווען. ביידע זיינען געווען אומפּעהיג עס צו באַהאַלטען. אַנעט האָט גע־מעגט שווייגען וויפיעל זי וויל, איהרע אויגען האָבען גערעדט פאַר איהר. איהר שטומע הסכמה האָט גערעדט אַזוי שעהן, אַז אין די אויגען פון דער געזעלשאַפט איז עס געווען אויסגעטייטשט ווי זי וואָלט שוין איהר פאַרשפּרעכען געגעבען.

נאָר די משפּחה בריסאָ אַליין האָט ניט אַרויסגעלאָזען פון אויג דעם פאַקט, וואָס סוף כל סוף האָט אַנעט דאָס פאַרשפּרעכען נאָך ניט געגעבען. אַנעט האָט אַפּילו גאַנץ אָפען מיט גרויס פאַרגעניגען זיך צוגעהערט צו ראָזשע'ס ליבעס־ערקלערונגען. זי האָט אָבער אויס־געמיטען צו ענטפערען; זי פלעגט געגוג געשיקט אַרויספיהרען דעם געשפּרעך אויף עפּעס אַ גרויסאַרטיגער פראַגע, און דער פשוט'ער ראָזשע, אָוועקוואַרפענדיג דאָס רויב צוליב אַ שאָטען, פלעגט זיך אַ וואַרף טאָן אַהין, זייענדיג זעהר צופרידען דערמיט, וואָס ער האָט אַ געלעגענהייט צו ריידען. יעדעס מאָל פלעגט אַנעט אָפּקומען מיט'ן שווייגען. — באַמערקענדיג צוויי־דריי מאָל די דאָזיגע קונצען, האָבען די בריסאָס, אַלס פאַרשטענדליכע מענשען, באַשלאָסען זיך אַריינצו־מישען. ניט דערפאַר, ווייל זיי איז חלילה אַריינגעפאַלען אַ ספק וועגען דעם וואָס פאַר אַ באַשלוס אַנעט וועט אַננעמען און וועגען דאָס גרויסע גליק וואָס אַזאַ גלענצענדער שדוך האָט איהר געקאָנט פאַרשאַפען. נאָר סוף כל סוף דאַרף מען שטענדיג זיך רעכענען מיט די קאַפּריזען פון יונגע מיידלאַך! זיי האָבען געקענט דאָס לעבען. זיי האָבען גע־וואוסט אַלע זיינע פּאַסטקעס. זיי זיינען געווען כיטרע פראַנצויזישע פראָווינציאַלען. אויב דער ערוואַרטעטער באַשלוס פאַרזאַמט זיך אויפ'ן וועג, פאָדערט די פאַרזיכטיגקייט, אַז מען זאָל געהן אַנטקעגען עס אויסזוכען. און ביידע דאַמען בריסאָ האָבען זיך אָוועקגעלאָזען אין וועג.

זיי האָבען פאַרמאָגט אַ שמייכעל, וועלכען מען האָט אין פאַריז

צווישען באַקאַנטע גערופען „דער בריסאַ־שמייכעל": עס איז געווען אַ ברייטער און זיסער שמייכעל, אַ פריינדליכער און הויכמוטיגער, איז ריכטיגער מאַס שטיפעריש און חשוב, וואָס וויַיסט אַלץ פאַראויס, וואָס שטראַלט אַרויס מיט גוטברודערשאַפט און גלייכגילטיגקייט; זיי האָבען פאַרגעלייגט פריינדליכקייט איז פולע הויפענס, אָבער די הויפענס זיינען געבליבען פול. — ביידע דאַמען בריסאַ האָבען גע־בליהט מיט זייער שמייכעל.

די מאַדאַם בריסאַ — די מוטער, אַ הויכע וואַזשנע דאַמע, מיט אַ ברייטען געזיכט, פעטע באַקען, אַ גוט־אַפּגעקאַרמעטע, מיט אַ ברייטער ברוסט און זיסע רייד, זעהר אַ גרויסע חניפה'צע, פלעגט מאַכען רויט ווערען די עהרליכע, אויפריכטיגע אַנעט. און ניט איהר אַליין פלעגט זי זאָגען שבחים (און מיט פאַרגעניגען האָט עס אַנעט באַ־מערקט) — די זעלבע לויבגעזאַנגען פלעגט זי פריי שענקען אַלעמען. דאָס איז געווען באַגלייט פון שטענדיגע שפאַסען, וואָס דאָס איז געווען ביי די בריסאַס אַ העפליכער סימן פון זייער זעלבסטצופרי־דענהייט און פון דער גוטמוטיגקייט, מיט וועלכער זיי האָבען מקבל געווען די מתנה.

פריילין בריסאַ, ראַזשע'ס שוועסטער, אויך אַ הויכע און פולע, איז געווען זעהר אַ העלע בלאָנדינקע, אַזאַ פאַרבלאַזטע, אַז זי האָט אויסגעזעהן כמעט אינגאַנצען וויים ווי אַלאַבאַסטער. צו דעם האָט זי נאָך צוגעגעבען רייז־פודרע אויפ'ן פּנים און אַ שטיקעל פאַרב אויף די ליפען. זי האָט געשטרעבט צו דעם אידעאַל פון די פאַסטעלען פון לודאוויק דעם 15טען. זי וואָלט געקאָנט דינען אַלס מאָדעל פון אַ בורגונדער פעביי — אַ זיסליכע, אַ וויַיסליכע, מיט אַ פּרעכטיגען קערפּער. די מוטער פלעגט רופען די דאָזיגע געזונטע, קרעפטיגע מיידעל: „מיין אָרימע קליינע", ווארום פריילין בריסאַ, וואָס איז געווען געזונט ווי אַ דעמבע, פלעגט, קוקענדיג אין שפּיגעל אויף איהר בלאַסקייט, זיך איינרעדען, אַז זי האָט אַ שוואַכע געזונט. אָבער זי האָט זיך באַנוצט דערמיט אום זיך צו לאָזען צערטלען און צו אונ־טערשטרייכען איהר ענערגיע און זיך נעמען דאָס רעכט צו פאַראַכטען די שוואַכערע באַשעפענישען פון איהר געשלעכט. זי איז געווען באמת פּרעכטיג, טעטיג, אומערמידליך, לעזענדיג אַלץ, זעהענדיג אַלץ, וויי־

סענדיג אַלץ און זיך באַשעפטענדיג מיט מאַלעריי און זיך קאָנענדיג אַרויסגעפינען אין מוזיק און ריידען וועגען ליטעראַטור און אויספילענדיג יעדען טאָג דאָס פּראָגראַם פון צוויי־דריי הונדערט וויזיטען, וואָס זיי האָבען געמוזט מאַכען אין אַ באַשטימטער צייט און אַנגענעמענדיג וויזיטען, איינלאַדענדיג געסט צו מיטאָג־עסען, באַזוכענדיג קאָנצערטען, טעאַטערס, זיצונגען פון פּאַרלאַמענט און אויסשטעלונגען, פּעסט ענטשלאָסען, און אַרויסווייזענדיג איהר פּאַרמאַטערטקייט נאָר מיט מוטיג פּאַרשטיקטע זיפצען — און דאָך שפּייזענדיג דעם אויסגעמאַטערטען גוף מיט גוטע אכילות (ווי די גאַנצע משפּחה) און שלאָפענדיג גאַנצענע נעכט אַהן אַ הפסקה און אַהן איין־איינציגען חלום. איהר האַרץ האָט זי באַהערשט ניט ערגער ווי איהר קערפּער. זי האָט גאַנץ אויסגערעכענט פּאַרבאַרייט איהר חתונה מיט איינעם אַ פּאָליטישען טוער אַרום 40 יאָהר אַלט, וועלכער איז צו יענער צייט געווען אַ גובערנאַטאָר אין איינער פון די גרויסע קאָלאָניעס אויף יענער זייט ים. זי האָט בשום אופן ניט געטראַכט איהם נאָכצוגעהן אַהין. זי האָט ניט געוואָלט זיך געזעגענען מיט פּאַריז און מיט דעם נאָמען בריסאָ ניט פריהער, ווי ווען איהר גליקליכער אויסדערוועהלטער וועט אין פראַנקרייך גופא איהר פּאַרשאַפען אַ לאַגע וואָס פּאַסט פּאַר איהר. איבעריגענס האָט זי אויפ'ן העכסטען אופן פּאַרשטאַנען ווי איהם ניט צו לאָזען פּאַרגעסען וועגען דעם. זיי האָבען זיך דורכגעשריבען רעגעלמעסיג מיט האַרציגע און געשעפטליכע בריף. אָט דער שדוך אויף אַ וייטען מהלך האָט זיך געצויגען שוין עטליכע יאָהר. די חתונה וועט קומען ווען עס וועט זיין די רעכטע צייט. זי האָט זיך ניט געאיילט. דער מאַן וועט פּיליכט ווערן אַ ביסעל צו צייטיג. אָבער אין דעם געשמאַק פון פריילין בריסאָ האָט ער דערפון נאָך געוואונען. זי איז געווען אַ פּאַרנינפטיגער קאָפּ. ביי דער משפּחה בריסאָ האָט קיינמאָל ניט אויסגעפעלט קיין קלוגע קעפּ. פריילין בריסאָ האָט פּאַרמאָגט אַ העכסט פּאָליטישען קאָפּ. זי איז לויט דער מוטערס רייד געווען אַ געבאָרענע עגעריא (די אַלט־רוימישע געטין, וואָס זאָל האָבען געשאָנקען די אַלט־רוימישע געזעצען). מאַדאַם בריסאָ איז געווען ענטציקט פון דער טאָכטערס קענטעניש. און פריילין בריסאָ איז געווען ענטציקט מיט די טאַלאַנטען און בעל־הבית'ישקייט און מיט דעם שכל פון מאַדאַם בריסאָ. זיי האָבען איינע צו די אַנדערע זיך

געלאַסטשעט, אַז אַלע זאָלן עס זעהן. זיי פֿלעגן זיך קושען אין דער אַנוועזענהייט פֿון אַנעט. עס איז געווען אַזוי ריהרענד.

פֿון דעסטוועגן האָבען זיי אַ ביסעל איינגעהאַלטען זייער געגענזייטיגע באַצויבערונג, כּדי זיך צו נעמען פֿאַר דער אַרבייט פֿון באַצויבערן אַנעט. מען האָט איהר אָנגעהויבן צו מאַכען קאָמפּלימענטען אָהן אַ שיעור: קאָמפּלימענטען איהר אַליין, איהר הויז, איהרע טואַלעטען, איהר געשמאַק, איהר שׂכל, איהר שעהנקייט. דער צו־שטאַרק ליבענדיגער טאָן איז געווען אַ ביסעל צואַווידער אַנעט; אָבער אינגאַנצען גלייכגילטיג בלייבען צו אַ גוטער מיינונג, וואָס אַנדערע האָבען וועגען אייך, קאָן מען ניט; באַזונדערס ווען יענע אַנדערע קומען אַלס שלוחים פֿון דער געליבטער פּערזאָן. עס איז שווער געווען צו צווייפֿלען אין דעם, אַז די לאַגע איז געווען דוקא אַזאַ, ווארום די ביידע בריסאַדאַמען האָבען צו זייערע געשפּרעכען שטענדיג צוגעמישט דעם נאָמען ראַזשע. זיי האָבען דורכגעפּלאַכטען ליבנעזאַגנגען צו איהם מיט שבחים פֿאַר אַנעט; מיט אַ שמייכעל פֿלעגען זיי שטענדיג געבען אַנצוהערעניש אויף דעם, וואָס פֿאַר אַ שטאַרקען איינדרוק אַנעט האָט אויף איהם געמאַכט, אויף די ווערטער וואָס זי האָט צו איהם געזאָגט און וואָס ער האָט זיך געאיילט מיט באַגייסטערונג איבער צו דערצעהלען (איבערדערצעהלען פֿלעגט ער אַלץ; אַנעט איז געווען בייז, אָבער דאָך האָט עס איהר געריהרט). זיי האָבען אַרויסגעבראַכט פֿאַר איהר זיין גלענצענדע צוקונפֿט, און מאַדאַם בריסאַ פֿלעגט אָננעמען אַז איבערצייגענדען טאָן, אַרויסזאָגענדיג איהר האָפֿענונג, איהר זיכערקייט אין דעם, אַז ראַזשע וועט געפֿינען — און פֿילייכט האָט ער שוין געפֿונען — אַ פֿריינדין, וואָס זאָל איהם ווערט זיין. זי האָט קיין נאָמען ניט אָנגערופֿען, אָבער אָהן דעם איז אויך געווען קלאָר וועמען זי מיינט. אָט די אַלע קליינע קונצען האָט מען געקאָנט זעהן מיט אַ פּשוט'ן אויג אויף אַ מהלך פֿון צוואַנציג טריט. און דוקא דאָס האָבען זיי געוואָלט. עס איז געווען ווי אַ מין שפּיל, וואָס האָט זיך געדראַפּט אַרומדרעהען אַרום דעם וואָרט וואָס איז ביי זיי אַלעמען אויפ'ן צונג געלעגען, אָבער וואָס מען האָט קיינמאָל ניט אַרויסגעזאָגט. מאַדאַם בריסאַ'ס שמייכעל האָט געוויזען, ווי זי וואָלט אָפּוואַרטען אַז פֿון אַנעט'ס מויל זאָל אַרויספֿליהען דאָס דאָזיגע וואָרט, און דאַן וועט זי אַ געשריי טאָן:

— פּאַנט!

אַנעט האָט געשמייכעלט, האָט געעפּענט דעם מויל, אָבער דאָס וואָרט איז ניט אַרויסגעפלויגען . . .

אַנעט איז איינגעלאַדען געוואָרען ביי די בריסאָס צו זייערע אינטימע אָוועגטען אין זייער וואוינונג אויף דער גאַס פּראָוואַנס. זי האָט זיך באַקאַנט מיט דעם פּאַטער בריסאָ, — אַ הויכער און אַ דיקער, מיט ביטערע אויגען אונטער די פּאַרוואַקסענע ברעמען, מיט אַ רויטען פּנים, און מיט אַ קורצער, גרויער באָרד, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי אַ פאַלשער אַדוואָקאַט, מיט ניט זעהר קיין ריינעם געוויסען, און וואָס האָט איהר דערעסען מיט זיינע ליבענסווירדיגקייטען און פּאַרעלטערטע שפּאַסען. ער האָט אויך געפּרובירט שפּילען דאָסזעלבע שפּיל, אָבער ביי איהם איז עס אַרויס זעהר אומגעלומפּערט. אַנעט איז געוואָרען אַ ביסעל אומרוהיג און מאַדאַם בריסאָ האָט געמאַכט דעם מאַן אַ צייכען, ער זאָל מעהר זיך ניט אַריינמישען. און אַזוי איז ער אַרויס־געפאַלען פון שפּיל, וואָרפענדיג פון דער זייט אַן איראָנישען בליק אויף דאָס וואָס געהט פאָר און מסכים זייענדיג, אַז דאָס איז פאַר איהם קיין עסק ניט און אַז די פרויען זיינען בעסער צוגע־פּאַסט פאַר דעם ווי ער.

די ערשטע צייט פלעגט מאַדאַם בריסאָ אויס טאַקט איינלאַדען, צוזאַמען מיט אַנעט, אויך דריי־פיער נאָהענטע פריינד, נאָכהער — צוויי, נאָכהער איינעם און צום סוף גאָר קיינעם ניט. און אַנעט האָט זיך געפונען אַליין צוזאַמען מיט די פיער בריסאָס: „אין אינטימער פאַמיליע", האָט מאַדאַם בריסאָ געזאָגט מיט אַ מאַן פול פון מוטער־ליכען זאַלב און פאַרשפּרעכונגען. אַנעט האָט געפיהלט די פּאַסטקע, אָבער זי האָט זיך ניט פאַרטיידיגט. עס איז געווען פאַר איהר אַ צו־גרויסער פאַרגעניגען צו זיין צוזאַמען מיט ראָזשע. אויס ליבע צו איהם איז זי געווען נאַכזיכטיג צו זיין משפּחה: זי האָט פאַרמאַכט די אויגען אויף דאָס, וואָס איז איהר געווען צואווידער אין דער סביבה. דאָס פיינע פרויען־אינסטינקט האָט פאַראויסגעזאָגט ביידע בריסאָס: ווי שטאַרק זייער זעלבסטווירדע איז ניט געווען, האָט זי זיך דאָך קיינמאָל ניט געשטעלט אין וועג פון זייערע אינטערעסען: דורך אַ שטילען אָפּמאַך האָבען זיי פאַרשטאַנען זיך צו מאַכען וויי־ניגער באַמערקבאַר, וויניגער צו ריידען, איינצוהאַלטען זייערע גע־

ראנקען, אפט איבערצולאזען די פארליבטע איינע אליין, אז קיינער זאל זיי ניט שטערען. ראזשע׳ס אונטערנעמונג וואלט קיינער ניט געקאנט אנפיהרען בעסער ווי ער אליין. זיך אלץ מעהר פארליבענדיג, אומרוהיג ווערענדיג דורך אנעט׳ס צוריקהאלטונג, וועלכע וואלט זיך וויניגער איהם געווארפען אין די אויגען, אויב די מוטער און שוועסטער וואלטען איהם ניט אויפמערקזאם געמאכט אויף דעם, איז ראזשע קיינמאל ניט געווען אזוי שעהן ווי איצט, ווען זיין גלויבען אין זיך איז געווען אנגעריהרט. ער האט מעהר קיין רעדעס ניט געהאלטען. זיין שעהנרעדנעריי איז פארלארען געגאנגען. צום ערשטען מאל אין לעבען האט ער זיך אנגעשטרענגט צו לייענען אין דער נשמה פון א צווייטען. זיצענדיג לעבען אנעט, האט ער מיט אונטערגעגעבענע און ברענענדיגע אויגען געזוכט ארויסצורייסען און ארויסצונארען דאס קליינע רעטעניש און געפרובירט עס טרעפען. אנעט האט גרויס הנאה געהאט פון זיין צומישונג, מיט את דער אזוי ניי אין איהם שרעקענ־דיגקייט, מיט זיין שרעקענדיגער ערווארטונג, וואס האט אפגעהיט איהר יעדע באוועגונג. זי האט גענומען זיך וואקלען. עס זיינען געווען מינוטען, ווען זי איז געווען גרייט זיך איינצובויגען צו איהם און ארויסזאגען די ענטשיידענדע ווערטער. און דאך האט זי זיי ניט ארויס־געזאגט. אין דעם לעצטען אויגענבליק פלעגט זי זיך א ווארף טאן צוריק, אינסטינקטיוו, ניט וויסענדיג ווארום: זי פלעגט אפקירעווען אן א זייט דעם פארשלאג, וואס ראזשע איז גרייט געווען צו מאכען און פלעגט אויסמיידען צו מאכען אליין ערקלערונגען. זי האט גע־האלטען זיך אין ארויסגליטשען פון די הענט . . .

דאן האט מען ענגער צוזאמענגעצויגען די פאסטקע. פון דעם צווישען־צימער פלעגען די מוטער און די טאכטער זיך צוהערען צו דעם פרוכטלאזען געשפרעך. אז אנדערש מאל פלעגען זיי פארזארגטע זיך דורכשפאצירען דורך דאס גאסטצימער, יואו דאס יונגע פארעל איז געזעסען. פארבייגעהענדיג פלעגען זיי צואווארפען אייניגע פריינד־ליכע ווערטער, אבער זיך ניט אפשטעלען. און דאס יונגע פארעל פלעגט ווייטער אנגעהן מיט׳ן געשפרעך.

איינמאל אין אווענט, ווען זיי האבען צושטרייטע דורכגעבלעטערט אן אלבום, וואס האט געדינט פאר אן אויסרייד, כדי נאהענטער צו האלטען די קעפ איינע לעבען די אנדערע, זיך איבערווארפענדיג אויפ׳ן

האַלבען קול מיט ווערטער, איז אַריינגעטראָטען אַ שטילשווייגען, און אַנעט האָט פּלוצלונג דערפּיהלט אַ געפאַהר. זי האָט געוואָלט זיך אויפהויבען, אָבער ראַזשע'ס האַנט האָט זיך שוין אַרומגעוויקעלט איבער איהר טאַליע און דער ליידענשאַפטליכער מויל פון דעם יונגען־מאַן האָט זיך איינגעגעסען אין איהר האַלב־אָפענעם מויל. זי האָט פּרובירט זיך פאַרטיידיגען. אָבער ווי קאָן מען זיך פאַרטיידיגען געגען זיך אַליין? זי האָט אָבער זיך פאַרט אַרויסגעריסען אין דעם מאָמענט, ווען אויף דעם צווייטען עק פון גאַסטצימער האָט זיך דערהערט דער געריהרטער קול פון מאַדאַם בריסאָ, וואָס האָט פאַרנאַנדערגעטרובעט דעם זיג:

— אַך! מיין ליב מיידעל! . . .

זי האָט צוזאַמענגערופען די משפּחה:

— אַדעל! . . . הער בריסאָ! . . .

די פאַרגלושעטע אַנעט האָט אין איין אויגענבליק אַרום שוין זיך דערזעהן אַרומגערינגעלט פון דער גאַנצער לייכטענדער, געריהרטער משפּחה בריסאָ. מאַדאַם בריסאָ האָט זי באַדעקט מיט קושען, און, אויסווישענדיג די אויגען מיט אַ טיכעל, האָט זי געזאָגט:

— האָט איהם ליב!

פריילין בריסאָ האָט געזאָגט:

— מיין קליינע שוועסטערל!

און דער אייביגער שפּאַסמאַכער האָט באַמערקט:

— ענדליך דאָך! אָבער צולאַנג האָט עס גענומען ביי אייך! . . .

און דערווייל איז ראַזשע געשטאַנען פאַר איהר אויף די קני, איהר געקושט די הענט און מיט אַ ציטערנדיגען, אַ ביסעל צומישטען בליק האָט ער געבעטען מחילה און זיך געקלאָגט:

— ענטזאָגט מיר ניט!

די פאַרשטיינערטע אַנעט האָט דערלאָזען מען זאָל זי קושען: די בקשה פון די דאָזיגע אויגען וועלכע זי האָט געליבט, האָט אין גאַנצען זי געבונדען הענט און פיס. זי האָט געמאַכט די לעצטע אָנשטרענגונג, פּרובירענדיג זיך וועהרען.

(„אָבער איך האָב דאָך גאָר ניט געזאָגט! . . .")

זי האָט אָבער דערזעהן אין אויפריכטיגען שמערץ, וואָס האָט זיך

באוויזען אין ראזשעס אויגען, אז זי האָט עס ניט געקאָנט אריבער־טראָגען. זי האָט זיך אָנגעשטריינגט צו שמייכלען; און ראזשעס גע־זיכט איז באַלויכטען געוואָרען מיט גליק: איהר געזיכט האָט אויך געלויכטען מיט דעם גליק, וואָס זי האָט געגעבען. זי האָט צוזאַמענ־געדריקט זיין קאָפּ מיט די הענט. ראזשע האָט זיך אויפגעהויבען, אוים־שרייענדיג פון דערלייכטערונג, און זיי האָבען איינע די אנדערע גע־שאָנקען דעם קוש פון חתן־כלה אונטער די בענשענדע בליקען פון די עלטערן.

ווען אַנעט האָט זיך דערזעהן איינע אַליין ביי זיך אין צימער, האָט זי זיך דערפיהלט אַ דערשלאָגענע. זי געהערט מעהר ניט צו זיך אַליין. זי האָט זיך פאַרקויפט ! . . . פאַרקויפט ! דאָס גאַנצע לעבען פאַרקויפט ! . . . איהר האַרץ האָט זיך צוזאַמענגעדריקט פון שמערץ.

זי האָט זאַגאַר מגזם געווען די ענגשאַפט פון די קייטען וואָס זי האָט אויף זיך אַליין אַרויפגעלייגט. זי איז געווען איינע פון יענע מאָדערנע מיידלאַך, וועלכע מאַכען שפּאַסען ערב דער התונה וועגען גט'ן זיך. זי האָט מיט איין האַנט געגעבען, כדי מיט דער צווייטער צוריקצונעמען. זי האָט מעהר ניט באַלאַנגט צו זיך אַליין. זי האָט באַלאַנגט צו בריסאָ. — און מיטאַמאָל האָט זיך איהר געגומען ווייזען, אַז די בריסאָס זיינען איהרע שונאים. אַלץ וואָס איהרע אויגען האָבען געזעהן אין משך פון די לעצטע וואָכען, האָט זיך באַוויזען פאַר איהר אין שאַרפע שטריכען: זייער צושטעהן מיט דעם צוועק זי צו פאַרפלאָנטערען, זייער פאַרשווערונג געגען איהר פרייהייט, די לעצטע קאָמעדיע, וואָס האָט ביי איהר אַרויסגעריסען אַ צושטימונג דורך איהר אומערוואַרטקייט . . . (צי איז ראַזשע אַליין ניט געווען זייערער אַ פאַרבינדעטער ? . . .) און די האָר האָבען זיך אויפגעשטעלט ביי איהר פון בייזקייט, ווי ביי אַ חיה, וואָס מען רינגעלט אַרום און זי זעהט, אַז דער קרייז ווערט אַלץ ענגער און פיהלט, אַז זי געהט אונטער און איז גרייט זיך אַ וואַרף צו טאָן, אַראָפּלאָזענדיג דעם קאָפּ אויף די וואָס רינגלען איהר אַרום, אום זיך דורכצושלאָגען אַ וועג, אָדער צו שטאַרבען און נקמה צו נעמען. צום ערשטען מאָל איז פאַר איהרע אויגען אַרויפגעשוואומען דאָס אַלץ וואָס איהר איז ניט געפעלען געווען אין די בריסאָס און וועגען וואָס זי האָט ביז איצט אויסגעמייט צו טראַכטען, און די אַלע חסרונות האָבען זיך דערצו באַוויזען אין אַזאַ פאַרגרעסערטער געשטאַלט, אַזוי עקעלדיג, אומערטרעגליך . . .

אפילו ראזשע אליין! . . . זי וועט קיין מאָל ניט קאָנען לעבען פאַר־מויערט אין דעם מאַן, אין דער משפּחה, אין די פּאַרטיי־אינטערעסען, וואָס זיינען פאר איהר גאר ניט אינטערעסאנט און וועלען קיין מאָל אינטערעסאנט ניט זיין. זי האָט באשלאָסען איבערצורייסען . . .

איבעררייסען? צי האָט זי עס געקאנט טאָן, נאָך דעם ווי זי האָט אקאָרשט איבערגענומען פאַרפליכטונגען? צי וועט עס ראזשע ער־לויבען? . . . וועד דאַרף זיין ערלויבניש? ער קאָן איהר ניט שטע־רען . . . ביי דעם געדאנק, אז ער קאָן איהר שטערען, האָט אָנעט דערפיהלט צו איהם א האַס. אין דעם אויגענבליק איז דעם צווייטענס לײידען ניט געגומען געוואָרען אין באטראכט: זי וואָלט זיך ניט אפּגע־האַלטען דערפון צוצורייסען ביי איהם דאָס האַרץ, אבי איהר פריי־הייט צוריק ארויסצוקריגען . . . דערנאָך האָט זי ווידער דערזעהן זיינע בעטענדע אויגען. און זי איז געוואָרען א צוטומעלטע . . . אָבער, וואָס אַרט עס וועמען! דער עגאָאיזם פון א לעבען, וואָס האָט זיך געפונען אין געפאַהר און דער אינסטינקט פון זעלבסטפאַר־היטונג זיינען געוועזן שטאַרקער ווי אַלץ, שטאַרקער ווי די צערטליכ־קייט, שטאַרקער ווי רחמנות! מען האָט געמוזט זיך ראַטעווען. און וועה איז צו דעם, וואָס וועט פאַרצאַמען דעם וועג! . . .

די גאַנצע נאַכט האָט זי זיך געדרעהט אין בעט פון איין זייט אויף דער צווייטער, ברענענדיג פון היץ און שלאָפלאָזיגקייט. זי האָט פאַרויס שוין דורכגעלעבט די סצענע, וואָס וועט ביי איהר פאָרקומען מיט ראַזשע. זי האָט איבערגע'חזר'ט, זי האָט אויסגעפּרובירט אַלע ווערטער, וואָס זיי וועלען זאָגען איינע דעם צווייטען. זי האָט גע־פּרובירט איהם איבערצייגען, האָט זיך געקריגט, געבייזערט, מיט איהם רחמנות געהאַט און איהם געהאַסט. ביי דער צייט פון זון־אויפגאַנג איז זי געווען אין גאַנצען אויסגעמוטשעט און האָט זיך באשלאָסען: זי וועט געהן צו ראַזשע . . . אָדער ניין, זי וועט בעסער איהם אָנ־שרייבען; אויף אַזא אופן וועט איהר זיין גרינגער אויסצודריקען דאָס, וואָס זי וויל זאָגען, ניט לאָזענדיג זיך אונטערברעכען. זי וועט איבער־רייסען מיט איהם. כדי אויסצומיידען, אז בריסאַ זאָל ניט באַנייען זיינע פּראָבעס, האָט זי באשלאָסען צו אַנטלויפען פון פּאַריז, און אויף איינינע טעג אַריינצופאַהרען אין עפּעס אַ האָטעל אין די געגענדען אַרום פּאַריז. און זיך אויפהייבענדיג, האָט זי אָנגעשריבען בריף, וועמעס

אויסדרוקען זי האָט הונדערט מאָל געביטען אין קאָפּ; און נאָכהער האָט זי זיך גענומען גרייטען צו דער רייזע.

זי האָט געהאַלטען אין מיטען ברען פון דער דאָזיגער ארבייט, ווען ראזשע איז פּלוצלונג אָנגעקומען. זי האָט אפילו ניט געטאָן א טראַכט צו פאַרצאַמען דעם גאַנג צו זיך, ווייל זי האָט ניט ערוואַרט, אַז ער זאָל אַזוי גיך קומען. ער איז אריינגעקומען, אריבעריאָגענדיג אין זיין פאַרליבטער אומגעדולדיגקייט דעם לאַקיי, וואָס האָט געמעלדעט זיין אָנקומען. ער האָט געבראַכט בלומען. ער איז געווען פול פון גליק און דאַנקבאַרקייט. און ער איז געווען אַזוי צערטליך, אַזוי יונג, אַזוי באַצויבערענד, אַז אַנעט, דערזעהענדיג איהם, האָט ניט געפונען קיין כחות צו נעמען ריידען. אַלע איהרע שעהנע באַשלוסען זיינען פאַרגעסען געוואָרען און איהר הארץ איז ווידער אריינגעפאַלען אין פּאַסטקע פון ערשטען בליק זיינעם. מיט דער וואונדערבאַרער אומעהרליכקייט, מיט וועלכע די ליבע איז אַזוי רייך, האָט זי באַלד אויסגעפונען פּונקט אַזוי פיעל באַווייזען פאַר דעם שדוך ווי געגען איהם מיט א מינוט צוריק. זי האָט געפּרובירט זיך שטעלען אַנטקעגען; אָבער די פרייד האָט געלויכטען און געשמייכעלט אין איהרע אויגען, וואָס זיינען געווען אייגעפאַלען פון די ביינאַכטיגע זאָרגען. זי האָט געקוקט אויף איהר ראזשע וואָס האָט זי פאַרשלונגען מיט זיין פאַר'שיכור'טען בליק און האָט זיך געזאָגט:

— און פונדעסטוועגען האָב איך באַשלאָסען . . . און פונדעסטוועגען מוז איך באַשליסען . . . וואָס האָב איך באַשלאָסען? . . .

— אָבער ווי אַזוי קענסטו וויסען וואָס דו האָסט באַשלאָסען, ווען פאַר דיר איז א בליק וואָס דרינגט דיך דורך ביז אין דער טיפעניש פון דער נשמה? נאָכטראַכטען? אָבער ווי אַזוי קאָנסטו נאָכטראַכטען? ווי אַזוי קאָנסטו זיך באַהערשען? . . . זי האָט ניט געוואוסט, זי האָט זיך געפיהלט פאַרלאָרען . . . און דערווייל איז געווען אַזוי גוט צו פיהלען, אַז דו ביזט געליבט! . . . אַלץ וואָס זי האָט געקענט טאָן — און דאָס מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג — איז צו בעטען ראזשע זיך ניט צו איילען מיט דער חתונה . . . און ראזשע האָט באַלד געמאַכט אַזאַ ענטוישטע, אַזאַ באַליידיגטען פּנים, אַז אַנעט האָט ניט געהאַט גענוג כחות פאַרצוזעצען איהר בקשה. ווי אַזוי קאָן מען אַנטאָן עגמת נפש אַזאַ ליבען אינגעל? זי האָט זיך אונטערגע־

איילט איהם צערטליך צו טרייסטען, און איהם צו פארזיכערען, אז זי ליבט איהם; זי האט שוואך געפרובירט באשטעהן אויף דעם, אז די חתונה זאל אפגעלייגט ווערען: אבער ער האט דעם פארלאנג צוריק־געוויזען מיט אזא קראפט, אזוי ווי עס וואלט זיך געהאנדעלט אום זיין לעבען. ענדליך, נאך א פארליבטען דינגען זיך פון ביידע צדדים, האבען זיי באשלאסען, אז יעדער וועט נאכגעבען אויף א העלפט; און די חתונה איז באשטימט געווארען אויף מיטען זומער.

נאכהער איז ראזשע אוועק; און אומעטיג קוקענדיג אין שפיגעל האט אנעט ווידער אנגעהויבען צווייפלען . . . ווי קאן מען דערפון זיך ארויספלאנטערען? זי האט א קוק געטאן אויף איהרע איבערגעריסענע חכנות צו דער רייזע.

— א שעהנע שטיקעל ארבייט! — האט זי א זאג געטאן.

זי האט געקוועטשט מיט די פלייצעס. ווי ליבליך ראזשע איז געווען! זי האט צוריק אריינגעשטופט די וועש אין קאמאד, פון וואנענט זי האט עס געהאט ארויסגענומען צוזאמענצולייגען און טשעמאדאן . . .

„און נאך אלעמען — האט זי געטראכט — וויל איך ניט, איך וויל ניט!" . . .

פון אויפרעגונג האט זי ארונטערגעווארפען א פעקעל העמדער... טראך, טאראראך! און די טואלעט בערשטלאך זיינען געפלויגען נאך זיי . . . זי האט נערווען א בריק געטאן מיט'ן פוס אין דעם גאנצען פאס . . .

נאכהער האט זי צוזאמענגעקליבען אלץ, זיך איינביייגענדיג אויף דער פאדלאגע. אין מיטען אויפקלייבען איז זי פארמאטערט געווארען און זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן פארקעט, ניט זעהר שטאלץ זיך פיהלענדיג מיט איהר ווילענסקראפט . . .

— אן ענד! — האט זי געזאגט, זיך אויפציהענדיג אויפ'ן טעפיך — איך האב נאך פיער חדשים איבערצואנדערשען.

זיך איינגראבענדיג מיט'ן פנים אין די קישענס, ליגענדיג אויפ'ן בויך, האט זי געצעהלט די טעג . . .

די בריסאָס האָבען צוגעשטימט צו דעם פּלאַנג וואָס אַנעט האָט אויסגעדריקט אויסצוציהען די צייט פון תנאים ביז חתונה . . . זיי האָבען ניט געוואָלט שעדיגען דעם ערפאָלג אַרויכווייזענדיג אַ צו גרויסע איילעניש. אָבער זיי האָבען געפונען פאַר נויטיג אַרומצורינגלען אַנעט מיט זיך אין פאַרלויף פון די אַפּוואַרטונגס־הדשים. מען האָט ניט געטאָרט זי איבערלאָזען צו זיך אליין: מען איז שטענדיג געווען אין געפאַהר, אַז די דאָזיגע זאָנדערבאַרע מיידעל זאָל זיך ניט אַרויסגליטשען פון די הענט.

דער ערב־פּסח איז געקומען נאָהענטער. די בריסאָס האָבען איינגעלאַדען אַנעט צו פאַרברענגען די פּסח־וואָך מיט זיי און זייער בורגונדישען גוט. אַנעט האָט ניט ווילענדיג מסכים געווען. דאָס האָט איהר אַ צונעצווינגען און אַ געשראָקען: עס האָט איהר געשראָקען די מעגליכקייט נאָך צו פאַרשטאַרקען די קייטען, וואָס האָבען זי שוין געהאַלטען געבונדען; עס האָט געשראָקען די מעגליכקייט, אַז זי וועט ענטוועדער אינגאַנצען אַריינגעכאַפּט ווערען, אָדער אינגאַנצען דאַרפען איבעררייסען; עס האָבען זי געשראָקען אַנדערע נאָך מעהר געפעהרליכע זאַכען, אויף וועלכע זי האָט ניט געוואָלט קוקען. זי האָט ניט געוואָלט אַרויסגעהן פון דעם איינשלעפערנדיגען צושטאַנד פון פאַרליבטער אומענטשלאָסענקייט: זי האָט אָביסעל געליטען און אין דעם געפונען אַ באַזונדערען רייץ. איהר האָט זיך געוואָלט עס אַנהאַלטען וואָס לענגער. זי האָט אָבער געוואוסט, אַז דאָס איז געווען אומגעזונט און אַז זי האָט אויף דעם ניט געהאַט קיין רעכט צוליב ראָזשע. זי האָט ענדליך זיך באַשלאָסען צו ענטדעקען איהרע זאָרגען פאַר סילוויאַ'ן. זי האָט קיין מאָל דער שוועסטער אַ וואָרט ניט געזאָגט וועגען איהר ליבע צו ראָזשע, און דאָך האָט זי דער שוועסטער אַלץ פאַרטרויט: זי האָט אַפּט גערעדט מיט איהר וועגען אַלע אַנדערע יונגע לייט . . . יאָ, אָבער יענע אַנ־

דערע יונגע לייט האָט זי דאָך ניט געליבט! און ראָזשעס נאָמען איז געהאַלטען געוואָרען אין אַ זייט.

סילוויאַ איז געווען איבעראַשט און אויסזידלענדיג וואָס זי האָט זיך אַזוי באַהאַלטען פון איהר, האָט זי גענומען זיך קייכען פון געלעכטער, ווען אַנעט האָט געפּרובירט איהר ערקלערען איהר אומענטשלאָסענקייט, צווייפעל און מאַטערנישען.

— סוף כל סוף — האָט סילוויאַ אַ פרעג געטאָן — איז דיין פייגעלע עפּעס אַ שעהנס?

— יאַ — האָט אַנעט געענטפערט.

— און ער ליבט דיך?

— יאַ.

— און דו ליבסט איהם?

— איך ליב איהם אויך.

— טאַ וואָס האַלט דיך אָפּ?

— אַך! עס איז אַזוי שווער! ווי קאָן איך דיר עס ערקלערען?... איך ליב איהם... איך ליב איהם זעהר!... ער איז אַזוי באַצויבערענד!...

(זי האָט געפּרובירט מיט ליבע איהם באַשרייבען אונטער סילוויא׳ס איראָנישען בליק. דער צונג האָט זיך פּאַרטשעפּעט ביי איהר . . .)

צו דערזעלבער צייט ליב איך איהם ניט . . . אין איהם איז פאַראַן עפּעס אַזוינס . . . איך וועל ניט קאָנען לעבען צוזאַמען מיט איהם . . . איך וועל קיין מאָל ניט קאָנען . . . און דערצו . . . און דערצו, ליבט ער מיך צופיעל. ער וואָלט וועלען מיך איינשלינגען . . .

(סילוויאַ האָט זיך הויך צולאַכט).

. . . עס איז אמת, אין גאַנצען איינשלינגען, אויפעסען מיין גאַנץ לעבען, אַלע מיינע אייגענע געדאַנקען, די גאַנצע לופט, מיט וועלכער איך אָטעמע . . . אַ! ער האָט האַלט אריינצועסען, מיין ראָזשע! ביים טיש איז אַנגענומען נאָכצוקוקען נאָך איהם. ער האָט אַ גוטען אַפּעטיט . . . אָבער איך וויל ניט ווערען אויפגעגעסען.

זי האָט אויך געלאַכט פון גאַנצען הארצען: און סילוויאַ, זיצענדיג ביי איהר אויף די קני, האָט געלאַכט, זיך צודריקענדיג צו איהר האַלז. אַנעט האָט ווייטער גערעדט:

— עס איז שרעקליך, זיך צו פּיהלען, אַז דו ווערסט אויפגעפּרע־
סען אַט אַזוי, ווי דו שטעהסט אַ לעבעדיגע, ניט האָבענדיג מעהר קיין
זאַך אייגענעס, ניט האָבענדיג קיין מעגליכקייט קיין זאַך צו באַהאַל־
טען . . . און ער האָט אפילו קיין פאַרדאַכט ניט וועגען דאָס אַלץ . . .
ער ליבט מיך ביז משוגעת, און מיר דוכט זיך, אַז ער פּרובירט זאָגאַר
ניט מיך צו פאַרשטעהן; ער באַאומרוהיגט זיך זאָגאַר ניט וועגען
דעם. ער קומט, נעמט און טראָגט מיך אַוועק . . .

— נו, איז וואָס? דאָס איז זעהר גוט! — האָט סילוויאַ גע־
זאָגט.

— דו טראַכסט נאָר וועגען דיינע נאַרישקייטען! — האָט אַנעט
געזאָגט, זי אַרומנעמענדיג.

— און וועגען וואָס דאַרף איך טראַכטען, לויט דיין מיינונג נאָך?

— וועגען חתונה האָבען. דאָס איז זעהר אַן ערנסטע זאַך.

— אַן ערנסטע! אַ! גנעה שוין! גאָר ניט אַזאַ ערנסטע!

— וואָס? ניט ערנסט? — זיך אײנגאַנצען אָפּצוגעבען, ניט אי־
בערלאָזענדיג פאַר זיך קיין זכר ניט?

— ווער רעדט וועגען דעם? מען דאַרף זיין משוגע אַזאַ זאַך אָפּ־
צוטאָן!

— אָבער ער וויל אַלץ פאַרכאַפּען!

סילוויאַ האָט זיך געדרעהט פון געלעכטער, ווי אַ קליין פישעל.

— אי, דו ענטאַלע! בהמה'לע! . . . נאַראַלע! . . .

(איהר האָט זיך אויסגעוויזען אַזאַ אײנפאַכע זאַך צו ריידען וואָס
עס ווילט זיך, צו געבען און האַלטען פאַר זיך אַלעם איבעריגע וועגען
וואָס עס ווילט זיך ניט ריידען! זי האָט געהאַט אַן איראָנישע באַ־
ציהונג צו די מענער און זייערע פאָדערונגען. זיי זיינען ווייט פון
קלוג! . . .)

— אָבער איך בין אויך ניט קיין גרויסע חכמה — האָט אַנעט
געזאָגט.

— אַ! דאָס איז אַ באַוואוסטע זאַך! דו באַציהסט זיך צו אַלץ
מיט אַזאַ ערנסטקייט!

אַנעט האָט מיט פאַרדרוס מסכים געווען.

— עס איז אָבער אַן אומגליק! . . . איך וואָלט אויך געוואָלט
זיין אַזאַ ווי דו. דו האָסט גליק אין אַלץ!

— זאָלען מיר זיך בייטען! גיב מיר אָפּ דיינס! — האָט סיל־וויא געזאָגט.

אנעט האָט ניט געהאַט דעם קלענסטען פאַרלאַנג זיך צו בייטען.— סילוויא האָט זי איבערגעלאָזען א געטרייסטע.

און דאַך האָט אנעט זיך אליין ניט פאַרשטאַנען. דאָס רעטע־ניש האָט זי געמאַטערט.

— דאָס איז א וואונדער גאָר! — האָט זי געזאָגט צו זיך אליין— איך וויל אלץ אָפּגעבען און אלץ לאָזען פאַר זיך.

אויף מאָרגען — דאָס איז געווען דער טאָג פאַר'ן אָפּפאָהרען — אין דער צייט, ווען זי האָט פאַרענדיגט איהרע הכנסות און ווידער גע־נומען זיך יאָדען, האָט זי באַקומען א זאַנדערבאַרען וויזיט, וואָס האָט נאָך מעהר פאַרשטאַרקט איהר אומרוהיגקייט, ווייל דאָס האָט איהר געהאָלפען זיך קלאָרער מאַכען איהרע געפיהלען. מארסעל פראנק האָט געהייסען מעלדען זיין באזוך.

נאָך עטליכע ליבענסווירדיגקייטען, האָט ער געגעבען אָנצוהע־רעניש וועגען אנעט'ס תנאים, פון וועלכע ראַזשע האָט קיין סוד ניט געמאַכט. ער האָט ליבליך איהר גראַטולירט; זיין טאָן אין די אוי־גען זיינען געווען אַביסעל איראָניש און צערטליך. אנעט האָט זיך דערפיהלט מיט איהם זעהר גוט, ווי מיט א פריינד, וואָס פאַרשטעהט אלץ און פאַר וועלכען עס איז ניט נויטיג אלץ אויסצוטייטשען אָדער פון איהם עפּעס צו באַהאַלטען, ווארום זיי האָבען פאַרשטאַנען איינע די אַנדערע אויף א האַלבען וואָרט. זיי האָבען זיך צורעדט וועגען ראַ־זשע, און מארסעל פראנק האָט מיט א שמייכעל באַמערקט, אז ער איז איהם מקנא. אנעט האָט געוואוסט, אז ער זאָגט דעם אמת, אז ער איז פאַרליבט אין איהר. אָבערביידע האָבען צוליב דעם זיך ניט אויף א האָר געפיהלט צומישט. זי האָט איהם פאַרנאַנדערגעפרעגט וועגען ראזשע, ווענען ער האָט זעהר גוט געקענט. מארסעל האָט זיך צונאָסען אין שבחים צו איהם; אָבער אזוי ווי זי איז צוגעשטאַנען, אז ער זאָל ריידען אויף א וועניגער באַנאַלען אופן, האָט מארסעל מיט א שפּאָס באַמערקט, אז עס האָט קיין זינען ניט צו באַשרייבען ראַזשע, אזוי ווי זי קען איהם פונקט אזוי גוט ווי ער, מארסעל. און ריידענ־דיג אזוי האָט ער אויסגעשטרעקט צו איהר אזאַ דורכדרינגענדען בליק, אז זי האָט אויף א מאָמענט אָפּגעקערט איהרע אויגען. נאָכהער, אַ

קוק טוענדיג אויף איהם, האט זי ווידער באקומען איהר דינעם שמייכעל, וואס האט גערעדט, אז זיי פארשטעהען איינע די אנדערע. זיי האבען א געוויסע צייט זיך דורכגעשמועסט וועגען אלערליי ניט־וויכטיגע זאכען, און מיט אמאל האט אנעט א פארזארגטע איהם איבערגעריסען די רייד:

— זאגט מיר אפענהערציג — האט זי א זאג געטאן — איהר דענקט, אז איך מאך א פעהלער?

— איך וועל קיינמאל זיך ניט באשליסען עס צו זאגען — האט ער געענטפערט.

— ניין, מען דארף ניט קיין קאמפלימענטען! איהר זייט דער איינציגער, וואס קאן מיר זאגען דעם אמת.

— איהר פארשטעהט דאך אבער, אז מיין לאגע איז זעהר אן אומאנגענעמע און שווערע.

— איך וויים עס. איך וויים אבער אויך, אז דאס וועט ניט באאיינפלוסען די אויפריכטיגקייט פון אייער מיינונג.

— איך דאנק אייך! — האט ער געזאגט.

זי האט ווייטער גערעדט:

— איהר דענקט, אז מיר מאכען א פעהלער, ראזשע און איך?

— איך דענק, אז איהר מאכט א פעהלער.

זי האט אראפגעלאזען דעם קאפ. נאכהער האט זי געזאגט:

— איך דענק אויך אזוי.

מארסעל האט גאר ניט געענטפערט. ער האט ווייטער געקוקט אויף איהר און געשמייכעלט.

— פארוואס שמייכעלט איהר?

— איך בין געווען זיכער, אז איהר טראכט אזוי.

אנעט האט זיך איינגעגעסען אין איהם מיט די אויגען.

— זאגט זשע מיר, פאר וועמען האלט איהר מיך?

— איך וועל אייך קיין נייעס ניט קאנען זאגען.

— איהר וועט מיר העלפען קלארער צו זעהן.

— איהר — האט מארסעל איהר געזאגט — זייט א פארליבטע, וואס רעוואלטירט. אייביג פארליבט (זייט מיר מוחל!) און אייביג רעוואלטירענדיג. איהר האט א באדירפניש זיך אפצוגעבען און א באדירפניש זיך אפצוהיטען . . .

(אנעט האָט ניט געקאָנט באַהאַלטען אַ שטילען ציטער פון שרעק).

— איך האָב אייך באַליידיגט?

— ניין, ניין, פונקט קאַפּויער! ווי ריכטיג דאָס איז! גערעדט ווייטער! רעדט נאָך...

— איהר — האָט מאַרסעל ווייטער גערעדט — זייט אַן אומאָפּהיינגיגע נאַטור, וואָס קאָן ניט בלייבען איינע אַליין. אַזוי איז שוין דאָס געזעץ פון דער נאַטור. איהר פיהלט עס לעבעדיגער, ווייל איהר זייט אַ לעבעדיגערע...

— יאָ, איהר פאַרשטעהט מיך! איהר פאַרשטעהט מיך בעסער ווי ער. אָבער...

— אָבער איהר ליבט איהם.

קיין ברעקעל ביטערקייט ניט אין טאָן. זעהר פריינדליך האָבען זיי געקוקט איינע אויף די אַנדערע, זיך אונטערהאַלטענדיג מיט דער זעלטזאַמער מענשליכער נאַטור.

— עס איז ניט לייכט צו לעבען — האָט אַנעט געזאָגט — עס איז ניט לייכט צו לעבען זאַלבע צווייט.

— עס הייבט זיך גאָר ניט אָן. דאָס וואָלט געווען זעהר לייכט, אויב אין משך פון גאַנצע יאַהרהונדערטען וואָלטען מענשען זיך ניט געקינסטעלט צו מאַכען זייער לעבען אַלץ מעהר פאַרוויקעלט. צוליב געמיינזאַמער אונטערדריקונג. מען דאַרף עס נאָר אַראָפּוואַרפען פון זיך. אָבער, עס פאַרשטעהט זיך, אַז אונזער פרעכטיגער ראַזשע, ווי אַלע גוטע אַלטע פראַנצויזען, וועט אַזאַ געדאַנק ניט דערלאָזען. זיי וואָלטען זיך געהאַלטען פאַר פאַרלאָרען, אויב זיי וואָלטען מעהר ניט געפיהלט אויף זיך דעם דרוק פון דער פאַרגאַנגענהייט. „ד אָ ר ט וואו עס איז ניטאָ קיין אונטערדריקונג, איז ניטאָ קיין פאַרגעניגען“... באַזונדערס ווען דו אונטערדריקסט דיין נאָהענטען.

— ווי זשע פאַרשטעהט איהר די הייראַט?

— ווי אַ פאַרשטענדליכע פאַראייניגונג פון נוצען און פאַרגעניגענס. דאָס לעבען איז אַ וויינגאָרטען, וועלכען מען באַאַרבייט צוזאַמען; צוזאַמען פלעגט מען איהם און צוזאַמען קלייבט מען דעם שניט. אָבער קיינער איז ניט מחויב אויסצוטרינקען זיין ווײַן שטענדיג זאַלבע צווייט. אַ געגענזייטיגע געפעליגקייט, ווען מען פאָדערט

פאר זיך און מען גיט א צוווייטען די וויינטרויבען פון פארגעניגען, מיט וועלכע יעדער טוט וואס ער וויל און וואס ערלויבט צו פארענדי־גען די זאמלונגס־ארבייט אויף אן אנדער ארט.

— איהר רעדט, הייסט עס, — האט אנעט געזאגט — וועגען די פרייהייט פון אויסגעלאסענקייט און ליבע?

— אן אלטווארט, וואס איז שוין לאנג ארויס פון געברויך! איך רייד וועגען דער פרייהייט פון ליבע, די וויכטיגסטע פון אלע פריי־הייטען.

— דאס באאומרוהיגט מיך ווייניגער ווי וואס עס איז אנדערש — האט אנעט געזאגט. — פאר מיר איז הייראט ניט קיין קרייצוועג, וואו מען גיט זיך אפ צו יעדען, וועמען מען באגעגענט. איך גיב זיך אפ צו איינעם. און אין דעם טאג, ווען איך וועל אויפהערען צו ליבען דעם איינעם, אדער וועל ליב קריגען אן אנדערען, וועל איך זיך פאנאנדער־געהן מיט'ן ערשטען; איך וועל זיך ניט לאזען טיילען צווישען צוויי און וועל אויך ניט לאזען אליין געטיילט ווערען מיט אן אנדערער.

מארסעל האט געמאכט אן איראנישען זשעסט, וועלכער האט ווי געזאגט באדייטען:

— אויך מיר א זאך!...

— איהר זעהט, מיין פריינד — האט אנעט געזאגט — סוף־כל־סוף בין איך נאך וויטער פון אייך ווי פון ראזשע.

— הייסט עס — האט מארסעל געפרעגט — איהר געהערט אויך צו דער אלטער, גוטער שול: „זאלען מיר אונטערדריקען איינע די אנדערע“?

— די איינציגע גרויסקייט פון הייראט — האט אנעט געזאגט— באשטעהט אין דער איינציגער ליבע און טרייהייט פון צוויי הערצער. אויב די הייראט זאל דאס פארלירען, טא וואס וועט ביי איהר בליי־בען, אויסער איינציגע פראקטישע נוצען?

— דאס איז אויך ניט ווייניג — האט מארסעל באמערקט.

— דאס איז אבער ניט גענוג — האט אנעט געזאגט — אום צו באלוינען פאר דעם קרבן.

— אבער, אויב איהר טראכט אזוי, טא אויף וואס באקלאגט איהר זיך?... איהר פארפעסטיגט אייערע קייטען, פון וועלכע מען זוכט אייך צו באפרייען.

— די פרייהייט, וואס איך וויל, איז ניט די פרייהייט פון הארצען. איך פיהל מיך קרעפטיג גענוג אום עס אנצוהאלטען אומבאריהרט פאר דעם, וועמען איך וויל עס אוועקגעבען.

— זייט איהר זיכער אין דעם? — האט רוהיג מארסעל געפרעגט.

אנעט איז שוין ניט אזוי שטארק זיכער געווען אין דעם! זי האט אויך אנגעהויבען צו פיהלען ספקות. אין דעם אויגענבליק האט געערדט די טאכטער פון איהר מוטער און ניט די גאנצע אנעט. אבער זי האט ניט געוואלט זיך מודה זיין אין דעם, באזונדערס פאר מארסעל, און דערצו נאך אין א ויכוח. זי האט געזאגט:

— איך וויל עס.

— דער ווילען איז אזוינע זאכען! . . . — האט מארסעל באַמערקט מיט א דינעם שמייכעל . . . — דאס איז דאסזעלבע, ווי צו באפעהלען, אז דער רויטער פייער זאל זיין גריז. די ליבע — איז א לאמטערנע מיט זיך בייטענדיגע פייערען.

אבער אנעט האט געענטפערט איינגעשפארט:

— ניט פאר מיך! . . . איך וויל ניט אזוי!

זי האט גוט געפיהלט מיט דערזעלבער צודרינגליכקייט סאי דעם באדארף זיך צו ענדערען און סאי דעם באדארף צו בלייבען ניט געענדערט — אט די ביידע ליידענשאפטליכע אינסטינקטען פון יעדען קרעפטיגען לעבען. אבער פון זיי פלעגט נאך דער רייה נאך אנהויבען רעוואלטירען, וועמען עס האט זיך אויסגעוויזען, אז איהם שטעהט פאר א גרעסערע געפאהר.

מארסעל, קענענדיג גוט די שטאלצע און איינגעשפארטע מיידעל, האט העפליך זיך פארנייגט. אנעט, וואס האט געאורטיילט וועגען זיך פונקט אזוי ריכטיג ווי ער, האט געזאגט א ביסעל א צוטומעלטע:

— יעדענפאלס וואלט איך ניט געוואלט . . .

און נאכגעבענדיג אויף אזוי ווייט דעם גייסט פון אמת, האט זי געערדט ווייטער שוין פעסטער, זיך פיהלענדיג אויף א זיכערען באדען:

— אבער איך וואלט געוואלט אז אויף דער געגענזייטיגער מתנה פון זיין טרייער ליבע זאל יעדער קאנען אנהאלטען דאס רעכט צו לעבען אין איינקלאנג מיט זיין נשמה, צו געהן מיט זיין אייגענעם וועג, צו זוכען זיין אייגענעם אמת, און פארפעסטיגען פאר זיך, אויב עס

וועט זיין נויטיג, דאס פעלד פון אייגענער טעטיגקייט, מיט איין ווארט: ערפילען דעם אייגענעם געזעץ פון זיין גייסטיגען לעבען, און ניט עס ברייגען אלס קרבן צו דעם געזעץ פון צווייטען, אפילו פון דער סאמע טייערסטער פערזאן: ווארום קיינער האט ניט קיין רעכט אנ־צונעמען אלס קרבן דעם צווייטענס נשמה. דאס איז א פארברעכען.

— דאס אלץ איז גאנץ שעהן, מיין טייערער פריינד, — האט מארסעל געזאגט, — אבער איהר ווייסט דאך, אז איך בין ניט קאמ־פעטענט אין שוהל־פראגען. פיליכט איז ראזשע מעהר קאמפעטענט אין די זאכען. איך האב אבער מורא, אז ער פארשטעהט עס גאנץ אנדערש ווי איהר. איך שטעל מיר זיך ניט זעהר גוט פאר דעם הערן בריסא, אז ער זאל דערלאזען אין זיין פאמיליען־קרייז די מעגליכקייט פון אן אנדער „גייסטיגען געזעץ", ווי דאס געזעץ פון פאליטישען און פאמיליען וואוילזיין פון די הערען בריסא.

— אגב אורחא, — האט אנעט געזאגט לאכענדיג, — מארגען פאהר איך צו זיי אין בורגונד אויף צוויי־דריי וואכען.

— נו, וועט איהר טאקע האבען א געלעגענהייט, — האט מאר־סעל באמערקט — צו פארגלייכען זייער אידעאליזם מיט אייער איי־גענעם. ווארום זיי זיינען אויך גרויסע אידעאליסטען. סוף כל סוף האב איך פיליכט א טעות. איך דענק אז איהר וועט קאנען מיט זיי זיך גוט צוזאמענלעבען. אין תוך גענומען זייט איהר אויסגעצייכענט צוגעפאסט צו געהן אין לעבען צוזאמען.

— רייצט זיך ניט מיט מיר! . . . — האט אנעט געזאגט. — פיליכט וועל איך קומען צוריק פון דארט א פאלשטענדיגע בריסא.

— צום טייוועל! דאס וואלט געווען ניט היימליך! . . . ניין, ניין, איך בעט אייך! . . . בריסא, צי ניט בריסא, האלט אן פאר אונז די אנעט!

— צום אומגליק, האב איך מורא, אז אויב איך וואלט אפילו געוואלט זי פארלירען, וואלט איך אויך ניט געקאנט, — האט אנעט געזאגט.

ער האט זיך געזעגענט, איהר א קוש טוענדיג די האנט.

— און דאך איז א גרויסער שאדען! . . .

ער איז אוועק. אנעט האט אויך געזאגט, אז עס איז א שאדען, אבער ניט אין דעם זינען ווי מארסעל האט עס געטראכט. באטש

ער האָט זי קלאָר געזעהן, האָט ער דאַך זי ניט מעהר פאַרשטאַנען ווי ראַזשע, וואָס האָט גאַרניט געזעהן. אום זי צו פאַרשטעהן זיינען נויטיג געווען „פרימערע״ נשמות, מעהר פריימיזיניג־פרומע, ווי די נשמות פון כמעט אַלע פראַנצויזישע יונגע־לייט. די וואָס זיינען פרום זיינען פרום אין דעם גייסט פון דער קאַטאָלישער טראַדיציע, וואָס באַשטעהט פון געהאָרכזאַמקייט און זיך אָפּזאָגען פון דער פרייער באַ־וועגונג פון פאַרשטאַנד (באַזונדערס ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אַ פרוי), און די פרייזיניגע פאַרשטעהען זעלטען ווען, אַז עס זיינען גאַר פאַראַן טיפע באַדערפעניש פון דער נשמה.

ראזשע האט אפגעווארט מיט א דראשקע ביים קליינעם וואקזאל איז בורגונדיעו, ווען אנעט איז אויפ'ן צווייטען טאג ארויסגעגאנגען פון צוג. ווי נאר זי האט איהם דערזעהן איז איהר אומרוה פאר־שוואונדען. ראזשע איז געווען אזוי גליקליך! זי — ניט ווייניגער ווי ער. זי איז געווען דאנקבאר צו פרוי בריסא, וואס האט געפונען עפעס א תירוץ אום ניט צו קומען איהר אנטקעגען.

א ליכטיגער, פרישער פריהלינגס־טאג, דער גאלדענער האריזאנט האט איז א קרייז איינגעשלאסען די ווייכע כוואליעס פון די ליכטיגע פרישע גרינס און די ראזעווע אקער־פעלדער. די לערכען האבען געז־סווישטשערט. די קליינע דראזשקע אויף צוויי רעדער איז געפלויגען איבער דעם ווייסען וועג, וואס האט געקלונגען אונטער די טריט פון דעם קליינעם הייסבלוטיגען פערדעל: און די פרישע לופט האט גע־שמיסען אנעט'ס רויטע באקען. זי איז געזעסען, זיך צודריקענדיג צו איהר יונגען מיטרייזענדען, וועלכער האט ניט אויפגעהערט צו שמייכלען אנטרייבענדיג דאס פערדעל און גערעדט, און פלוצלונג האט ער, זיך צובויגענדיג צו איהר מיט די ליפען, איהר א קוש געטאן. זי האט ניט פראטעסטירט. זי האט איהם געליבט, געליבט! דאס האט איהר ניט געשטערט צו פיהלען, אז יעדען אויגענבליק קאן זי פון דאס ניי עפענען דעם פראצעס איבער איהם און איבער זיך אליין. אבער איין זאך איז אורטיילען און א צווייטע זאך איז ליבען. זי האט איהם געליבט ווי אט די לופט, ווי דעם הימעל, ווי דאס אטעמען פון די פעלדער, ווי א שטיק פריהלינג. מארגען, ניט היינט, וועט זי אריינטראגען א קלארקייט אין איהרע געדאנקען! זי האט זיך געגעבען אורלויב אויף היינט. זאלען מיר געניסען אט די גליקליכע שעה! צוויי מאל קומט אזוינס ניט פאר . . . איהר האט זיך אויסגעוויזען, אז זי פליהט איבער דער ערד מיט איהר געליבטען צוזאמען.

מען איז געקומען אהיים צו פריה, כאטש ביי דער לעצטער ווענ־דונג, זיך אויפהויבענדיג דורך אן אלייע פון טאפאל־בוימער, זיינען זיי

געפאהרען זעהר לאנגזאם און האבען זיך אפגעשטעלט אום צו געבען דעם פערדעל א מעגליכקייט זיך אפורוהען. אונטער דעם שוץ פון דעם דעם לעבעדיגען פארקאן, וואס האט פארדעקט די פאדער־זייט פון הויז און דארט האבען זיי לאנג, שווייגענדיג זיך ארומגענומען.

די בריסאם האבען ארויסגעוויזען די גרעסטע צערטליכקייט. זיי האבען פארשטאנען ווי צו געפינען פארזיכטיגע ווערטער, אום אויף א דעליקאטען אופן ארויסצורופען די עראינערונגען אן פאטער. דעם ערשטען אווענט, אין פאמיליען־קרייז, האט אנעט ערלויבט אז מען זאל איהר פארוויינען און איז געווען דאנקבאר און גערירהרט; שוין אזוי לאנג ווי איהר האט געפעהלט די צערטליכע ווארימקייט פון דער פאמיליע! איהר האט זיך געוואלט זיך אליין אפנארען. יעדער איינער האט איז דעם גענומען אן אנטייל. איהר ווידערשטאנד האט געהאלטען איז אפשטארבען . . .

אבער, ווען זי האט זיך אויפגעכאפט אין מיטען דער נאכט, זיך צוהערענדיג ווי א מויז האט געסקריפעט אין אלטען הויז, איז איהר אין קאפ אריינגעקומען דאס בילד פון א פאסטקע; זי האט צו זיך אליין געזאגט:

— איך בין אריינגעפאלען . . .

עס איז איהר געווארען טרויעריג אויפ׳ן הארצען: זי האט גע־פרובירט זיך צו איבערצייגען:

— ניין, ניין, איך וויל עס ניט, ניין, איך בין נים אריינגע־פאלען . . .

א נערוועזער שוויים איז ארויסגעטראטען אויף איהרע פלייצעם. זי האט געזאגט:

— מארגען וועל איך האבען מיט ראזשע אן ערנסטען געשפרעך. עס איז נויטיג, אז ער זאל מיך פארשטעהן. עס איז נויטיג, אז מיר זאלען עהרליך דער פראגע קוקען גלייך אין פנים אריין: צי קאנען מיר לעבען צוזאמען . . .

אבער, ווען דער מארגען איז געקומען, איז זי געווען אזוי גליקליך צו דערזעהן ראזשע, זיך איינוויקלען אין זיין הייסער ליבע, איינאטעמען צוזאמען די פאר׳שבור׳ענדע צערטליכקייט פון דער פריהלינג־לופט, טרוימען פון דעם גליק — וואס איז פיל־ייכט מעגליך (ווער ווייסט? ווער ווייסט? . . . פיל־ייכט א גאר נאהענטען . . . מען דארף נאר

אויסשטרעקען די האַנט . . .), אַז זי האָט אַפּגעלייגט די ערקלערונג אויף אַן אַנדער טאָג . . . און דאַן נאָך אויף אַ טאָג . . . און אויף אַ דריטען . . . און ווידער אַמאָל דאָס זעלבע.

און יעדע נאַכט פלעגט אַ שווערע אומרוה זי ווידער פאַרכאַפּען, אַ שטעכעדיגע, וואָס האָט געמאַכט דאָס האַרץ צו קלאַפּען שטאַרקער...

— מען מוז, מען מוז זיך דורכריידען . . . מען מוז עס צוליב ראַזשע אַליין . . . מיט יעדען טאָג ווערט ער אַלץ מעהר און מעהר צוגעבונדען און בינדט מיך צו אַלץ מעהר צו איהם. איך האָב קיין רעכט ניט צו שווייגען. דאָס הייסט איהם אָפּנאַרען . . .

מיין גאָט! מיין גאָט! ווי שוואַך זי איז געווען! . . . און דאָך איז זי איז געוועהנליכען לעבען ניט געווען שוואַך. אַבער דער אָטעם פון ליבע, ווי די הייסע ווינטען, וואָס דורך זייער היץ טראָגען זיי אַריין אַ שוואַכקייט אין אַלע אברים, מאַכט דאָס האַרץ אַנטשוויגען צו ווערען. די מאַטערניש וואָס גרעניצט זיך מיט אַן אומקלאָרער תאוה. די מורא זיך אַ ריהר צו טאָן. דער שרעק אַ טראַכט צו טאָן . . . די נשמה, זיך פאַרקלייבענדיג אין איהר שלאָף, האָט מורא זיך אויפצוכאַפּען. — אַנעט האָט געוואוסט דאָס פון דעם ערשטען ריהר, וואָס זי וועט מאַכען, וועט איהר שלאָף זיין איבערגעריסען . . .

אַבער, ווען אַפילו מיר באַוועגען זיך ניט, ריהרען זיך ניט, לויפט די צייט פאַר אונז, און עס איז גענוג דאָס בייטען זיך פון די טעג, אום אָוועקצוטראָגען די אילוזיעס, וואָס מיר וואָלטען געוואָלט אָנהאַלטען. ווי דו זאָלסט ניט נאָכקוקען נאָך זיך, איז אוממעגליך פון איין דער פריה ביז דער נאַכט צו פאַרברייינגען צוזאַמען און ניט באַמערקען די אמת'ע נאַטור.

די משפחה בריסאָ האָט זיך אַרויסגעוויזען אין איהר נאַטירליכער געשטאַלט. אין פּאַרענט איז געווען אַ שמייכעל. אַנעט איז אַריין אין הויז און זי האָט דערזעהן מענשען געשעפטליכע, פאַרכמורעטע, וועלכע האָבען זייערע געשעפטען געפיהרט מיט אַ דורשטיגען פאַרגעניגען. דאָ האָט מען שוין מעהר ניט גערעדט וועגען סאָציאַליזם. פון אַלע „אומשטערבליכע פּרינציפּען" האָט מען אַנערקענט נאָר די דעקלאַראַציע פון די רעכטען פון אייגענטום. און עס איז שטרענג פאַרבאָטען געווען עובר צו זיין אויף זיי. דער וועכטער האָט שטרענג אַפּגעהיט. אַז מען זאָל ניט עובר זיין אויף די דאָזיגע אייגענטום־רעכ־

טען. האבען אלע מיטגלידער פון דער פאמיליע געהאלטען א שטרענ־גען קאנטראל, וואס דאס האט זיי פארשאפט ניט קיין קליינעם פאר־געניגען. עס האט אויסגעוויזען, ווי זיי וואלטען פיהרען א שטענדיגען בירגערקריג מיט זייערע דינער, ארענדאטארס, ארבייטער אין די וויינ־גערטנער און מיט אלע שכנים. דער גייסט פון קריגערייען, וואס איז געווען איינגעוואקסען אין דער פאמיליע, ווי אויך אין דער גאנצער פראווינץ, האט באזונדערס שטארק זיך צובליהט אין דעם הויז. ווען פאטער־בריסא פלעגט זיך איינגעבען צו כאפען ביים האנט וועמען עס איז פון די וואס ער האט געהיט, פלעגט ער זיך פארנאנדערלאכען מיט גרויס צופרידענהייט. אבער ער פלעגט ניט שטענדיג לאכען דער לעצטער: זיין געגנער פלעגט זיין פון דעמזעלבען בורגונדישען לייס; מען פלעגט אזא איינעם קאנען כאפען אומערווארטעהייט, אבער אויף מארגען פלעגט ער זיך אפרעכענען מיט עפעס א שפיצעל אויף זיין אופן. און אלע פלעגט זיך אנהויבען פון דאס ניי.

געוויס האט מען אנעט ניט אריינגעצויגען אין די אלע רייסע־רייען; די משפחה־בריסא פלעגט זיך דורכשמועסען צווישען זיך אין גאסט־זאל, אדער ביים טיש, אין דער צייט, ווען אנעט און ראזשע פלעגען זיין פארנומען, ווי עס האט אויסגעוויזען, איינע מיט די אנדערע. אבער אנעט'ס לעבעדיגע אויפמערקזאמקייט האט נאכגע־קוקט נאר אלץ וואס מען האט גערעדט ארום. אויסער דעם פלעגט ראזשע אליין איבעררייסען דאס פארליבטע געשפרעך צו נעמען אן אנטייל אין יענע געשפרעכען, וואס האבען אלעמען אינטערעסירט. דאן פלעגען זיי ווערען צוהיצט און אלע פלעגען ריידען מיט אמאל און פארגעסען אן אנעט. אדער מען פלעגט זי רופען אלס עדות אין א פראגע, וועגען וועלכע זי האט גארניט געוואוסט, ביז וואנען פרוי בריסא פלעגט זיך כאפען אז זי איז דערביי און פלעגט מיט אמאל מאכען א סוף צו דער היציגער טעמע און מיט א זיסען שמייכעל אריבערפיהרען דעם געשפרעך אויף די בליהענדע וועגען. דאמאלסט פלעגט זי נאר אהן וועלכען עס איז איבערגאנג זיך אומקעהרען צו א פריינדליכער גוטמוטיגקייט. דער אלגעמיינער טאן פון דעם אלץ איז געווען א זאנדערבארער געמיש פון זיסליכער טוגענד און אומ־פארשעהממקייט — פונקט עהנליך צו דעם ווי אין זייער פאמיליען־לעבען האבען קארגקייט און אויסברעגגערייַ זיך דורכגעמישט. הער

בריסאַ פלעגט נעמען דערצעהלען ווערטלאַך. פריילין בריסאַ פלעגט נעמען ריידען וועגען פּאָעזיע, און אויף דער טעמע פלעגט יעדער אַרויס־זאָגען אַ ווערטעל. זיי האָבען פּרעטענדירט, אַז זיי זיינען מבינים אויף דעם. זייער געשמאַק איז געווען פאַרעלטערט אויף אַ יאָהר צוואַנציג. וועגען אַלץ וואָס איז שייך קונסט האָבען זיי געהאַט פאַרטיגע מיינונגען. זיי פלעגען זיך באַציהען אויף דער קאָמפּעטענטער מיינונג פון „דעם און דעם, זייער פריינד," וואָס איז געוועהנליך געווען אַ מיטגליד פון אַקאַדעמיע, באַהאַנגען מיט אָרדענס. קיין מעהר שרעקעדיגע פאַרשטאַנדען זיינען ניט געווען — כאָטש דער טאָן איז געווען ביי זיי אַזאַ זיכערער — ווי אַט די גרויס־בורזשועס. וואָס האָבען זיך געהאַלטען פאַר פונקט אַזוי פאַרגעשריטען אין קונסט, ווי אין פּאָליטיק, און וואָס זיינען באמת געווען ניט פאַרגעשריטען ניט אין דעם און ניט אין דעם: וואָרום אויף ביידע געביטען האָבען זיי — גאַנץ באַוואוסטזיניג — פאַרנומען פּאָזיציעס, וואָס זיינען שוין געווען פאַרפעסטיגט דורך זיגען.

אַנעט האָט זיך געפיהלט איינגאַנצען פרעמד צו זיי. זי האָט געקוקט, געהערט און געזאָגט צו זיך אַליין:

— וואָס געהען זיי אַלע מיך אָן?

דער געדאַנק, אַז ווער עס איז פון זיי האָט אַ פּרעטענזיע צו זיין איהר אַפּעקון, פלעגט ביי איהר זאָגאַר ניט אַרויסרופען קיין אויפרעגונג; עס פלעגט איינפאַך איהר זיך ווילען לאַכען. זי האָט זיך געפרעגט, וואָס סילוויאַ וואָלט געזאָגט, אויב דער שיקזאַל וואָלט איהר געשאָנקען אַזאַ משפחה. ווי שטאַרק זי וואָלט געלאַכט און חוזק געמאַכט!...

ווען אַנעט פלעגט פאַרבלייבען אַליין אין גאָרטען פלעגט זי זיך אויך פאַרנאַנדערלאַכען. און עס האָט שוין פּאַסירט, אַז ראָזשע האָט עס דערהערט און געפרעגט:

— פון וואָס לאַכט איהר אַזוי?

— גאָרניט, מיין טייערער. איך ווייס ניט. אָט אַזוי, נאַרישקייטען...

און זי פלעגט זיך באַמיהען אָנצושטעלען אַן ערנסטען פּנים. אָבער דאָס איז געווען שטאַרקער פון איהר: זי פלעגט ווידער אויס־

שיסען מיט א געלעכטער און זאגאר אין דער אנוועזענהייט פון פרוי בריסא. דאן פלעגט זי זיך ענטשולדיגען און די לייכט באליידיגטע דאמען בריסא פלעגען זאגען מיט ווירדע:

— ס'אר א קינד זי איז נאך! זי דארף דאס צופיעל אנגע־קליבענע לאכען וואו עס איז אהין טאן!

אבער ניט שטענדיג האט זי געלאכט. עס פלעגט פארקומען, אז די גוטע שטימונג פלעגט מיט אמאל פארכמורעט ווערען. נאך שטונ־דען פול מיט צערטליכקייט און צוטרויען צו ראזשע פלעגען באלד נאך דעם אהן וועלכער עס איז אורזאך פארקומען אנפאלען פון אומעט, פון צווייפעל און אומרוה. די אומבאשטימטקייט פון איהרע געדאנקען, וואס האט זיך אנגעהויבען לעצטען הערבסט, האט ניט נאר זיך ניט איינגעשטעלט, נאר גיכער איז נאך שטארקער געווארען אין פארלויף פון אט די חדשים פון ליבע. דאס זיינען געווען פלוצלונגע אנפאלען פון אומגעוועהנליך זיך ווידערשפרעכענדע אינסטינקטען, געררייצט־קייט, פון שגעון, פון בייסענדער איראניע, פון כמורנער גאוה, און אומ־ערקלערליכער בייזקייט. פאר אנעט איז ניט לייכט געווען דאס אלץ צו דערשטיקען אין זיך. און דער רעזולטאט פון דאס אלץ איז געווען ניט קיין גלענצענדער: זי איז ווי פארטיפט געווען אין אן אומרוהיגען און פיינדליכען שווייגען. אזוי ווי זי האט אנגעהאלטען די קלארקייט פון פארשטאנד, האט זי זיך אליין געוואונדערט איבער די אלע שטי־מונגען און האט זיך געמאכט פארוואורפען פאר דעם. אבער דאס וויסען, אז זי האט פעהלערען, האט איהר נעמאכט זיך צו פארהאלטען מיט טאלעראנץ — מעהר מיט'ן שכל, ווי אויפריכטיג — צו די פעה־לערען פון אט די „פארזעהענישען". (ווידער אמאל! חוצפה'ניצע!... „זייט מיר מוחל, איך וועל עס מעהר ניט טאן!"...) אזוי ווי זיי זיינען געווען ראזשע'ס נאהענטע קרובים, האט זי זיי געדארפט מקבל באהבה זיין, אויב זי נעמט אן ראזשע... די גאנצע פראגע האט זיך געהאנדעלט וועגען דעם, זיך צו דערוויסען, צי וועט זי אננעמען ראזשע גופא... דאס איבעריגע, גאט מיינער, דאס איבעריגע, איז ניט וויכטיג, אויב נאר זיי וועלען זיך פארטיידיגען זאלבע צווייט.

אבער צי וועלען זיי עס טאקע טאן זאלבע צווייט? צי וועט ראזשע זי באשיצען? און זאגאר פריהער ווי זיך צו שטעלען די פראגע, צי וועט זי אננעמען ראזשע, האט מען געדארפט פרעגען:

צי וועט ראַזשע איהר אַננעמען עהרליך און אויפריכטיג, פון פולען הארצען, וועט ער וועט סוף כל סוף זי דערזעהן אַזאַ ווי זי איז באמת? ווארום ביז איצט האט ער נאָר געזעהן איהר מויל און איהרע אויגען. אָבער דאָס וואָס זי האט געטראַכט און וואָס זי האט געוואָלט — זי, די אמת'ע אַנעט — האט ער אַפילו זיך ניט באַמיהט זיך צו דער־ווי‏סען; ער האט געפונען באַקוועמער פאַר זיך צו פאַנטאַזירען וועגען איהר. און דערווייל האט אַנעט זיך פאַרוויגט מיט דער האָפענונג, אַז מיט דער הילף פון ליבע וועט זיין מעגליך מוטיג איינע די אַנדערע אַריינקוקען טיף ביז דעם סאַמע דעק און זאָגען:

— איך נעם דיך אַן. איך נעם דיך אַזאַ, ווי דו ביזט. איך נעם דיך מיט אַלע דיינע פעהלערען, מיט די טייוואָלים אין דיר, מיט אַלע דיינע פאַדערונגען, אָט מיט דעם געזעץ פון דיין לעבען. דו ביזט אַזאַ ווי דו ביזט. און אַלס אַזאַ איינעם ליב איך דיך.

פון איהר זייט האט זי זיך געפיהלט פעהיג אויף אַזאַ אַקט פון ליבע. אין די לעצטע טעג האט זי לאַנג נאָכגעקוקט נאָך ראַזשע מיט איהרע אויסגעשטאַרצטע אויגען, אין וועלכע אַלץ פלעגט זיך אָפּשפּיגלען געגען איהר אייגענעם ווילען. ראַזשע, וואָס האט פון קיין זאַך ניט פאַרדעכטיגט, פלעגט אָפטער זיך אַרויסווייזען פאַר מעהר ברייטאַ, וויפיעל איהר וואָלט זיך געוואָלט. זיך לאָזענדיג הינרייסען פון די קליינליכע אינטערעסען און די איינגעפלאַנצטע שנאה, פלעגט ער אַרויסווייזען דערביי דעמזעלבען קריגערישען קרעמערשען גייסט. גע־וויסע שטריכען, האַרטע, קרומע, זיינען איהר ניט געפעלען געוואָרען. איהר האט זיך אָבער ניט געוואָלט אַזוי שטרענג זיי פאַראורטיילען אין איהם, ווי זי וואָלט זיי פאַראורטיילט ביי אַנדערע. די שטריכען האָבען איהר אויסגעוויזען ווי נאָכגעמאַכט. אין פיעל פרטים האט ראַזשע אויסגעקוקט אין איהרע אויגען ווי אַ קינד, וואָס איז נאָך ניט זיכער אין זיך, וואָס געהאַרכט זיינע נאָהענטע, וועלכע ער זוכט נאָכ־צומאַכען אין אַלץ, — מיט זעהר אַ שרעקעדיגער נשמה, ניט קוקענדיג אויף אַלע זיינע שעהנע, שטאָלצע רייד. ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס זי האט אָנגעהויבען צו פאַרשטעהן די לייכטוואַגיגקייט פון זיינע פּראָיעקטען פון סאָציאַלער נייע־אויפבויאונג פון דער געזעלשאַפט, און אויך ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס זי האט מעהר זיך שוין ניט גע־לאָזט אָפּנאַרען פון זיין רעטאָרישען אידעאַליזם, איז זי ניט געווען

ביין אויף איהם, אזוי ווי זי האט געוואוסט, אז ער האט ניט געוואלט זי אפנארען, נאר אז ער האט זיך אליין גענארט: זי איז זאגאר געווען גערייט מיט אן איראנישער צערטליכקייט אפצוראמען פון וועג דאס אלץ וואס וואלט געקאנט שטערען יענע אילוזיעס, וואס זיינען איהם נויטיג געווען אום צו קאנען לעבען. זאגאר זיין נאאיווער עגאאיזם, וועלכען ער פלעגט אפטמאל ארויסווייזען אויף זעהר אן אומבאקוועהע־מען אופן, האט איהר ניט אפגעשטויסען און עס האט זיך איהר אויס־געוויזען, אז ער איז ניט בטבע שלעכט. אין תוך גענומען זיינען די אלע פעהלערען געקומען פון שוואכקייט. און קאמיש איז געווען דאס, וואס ער פלעגט דאס אלץ ארויסשטעלען אלס סימנים פון קראפט . . . א מענש פון בראנז . . . ארימער ראזשע! . . . דאס איז געווען כמעט ריהרענדיג. אנעט פלעגט פאר זיך אליין שפאסען דערפון, אבער זי האט פאר איהם געהאלטען אנגעזאמעלט גאנצע אוצרות פון גוטמוטיגקייט. זי האט איהם זעהר שטארק האלט געהאט. ניט קוקענדיג אויף אלץ, האט ער איז איהרע אויגען אויסגעוויזען ווי א גוטער, א גרויסמוטיגער, א היציגער. זי איז געווען ווי א מוטער, וואס פארגלעט מיט א צערטליכער האנט די קליינע פעהלערען פון טייערען קינד, וואס זיינען אין איהרע אויגען ניט וויכטיג: זי האלט איהם ניט פאראנט־ווארטליך פאר זיי; צוליב אט די פעהלערען איז זי גערייט געווען איהם נאך מעהר צו צערטלען און שאנעווען . . . אך! אויסער דעם האט אנעט געקוקט אויף ראזשע ניט נאר מיט די גוטמוטיגע אויגען פון א מוטער! זי האט אויך געקוקט מיט די פארבלענדטע אויגען פון א געליבטער. דער קערפער האט גערעדט. זיין שטים איז געווען זעהר שטארק. די שטים פון שכל האט געמעגט ריידען אלץ וואס עס האט זיך איהם פארוואלט; עס האט אבער עקזיסטירט א געוויסען אופן פון הערען, וואס האט זאגאר דורך אזוינע פארוואורפען אנגעצונדען דעם באגעהר. אנעט האט אלץ געזעהן קלאר. אבער פונקט אזוי ווי מען קאן אויסגלייכען דעם פלאן פון א לאנדשאפט, ווען מען בויגט איין דעם קאפ און מען זשמורעט מיט די אויגען, אזוי האט אויך אנעט, זעהענדיג ראזשע'ס פארדריסליכע חסרונות, געקוקט אויף זיי פון אזא פאזיציע, וואס האט זיי וויכער געמאכט. זי איז געווען ניט ווייט דערפון ליב צו קריגען אין איהם זאגאר זיין פעהלערהאפטיגקייט— ווארום ווען דו ליבסט די חסרונות פון דיין געליבטען, גיסטו זיך אליין

מעהר איבער צו איהם; ווען דו ליבסט אין איהם דאָס שעהנע, דאַן ניט דו גיסט, נאָר דו נעמסט.

אַנעט האָט געטראַכט:

— „איך ליב דיך דערפאַר, וואָס דו ביזט ניט פאָלקאָם. אויב דו וואָלסט זיך דערוואוסט דאָס, וואָס איך זעה אין דיר, וואָלסטו בייז געוואָרען. זיי מיר מוחל. איך האָב קיין זאַך ניט געזעהן . . . אָבער איך, איך בין ניט אַזאַ ווי דו: איך וויל דו זאָלסט אין מיר זעהן ניט קיין פאָלקאָמענהייט! אַזאַ בין איך: איך בין אַזאַ; און איך וויל זיין אַזאַ; דאָס אומפאָלקאָמענע אין מיר איז מעהר „איך“, ווי אַלעס איבעריגע. אויב דו נעמסט מיך, טאָ נעם אויך דאָס. דו נעמסט? . . . אָבער דו ווילסט דערפון ניט וויסען! ווען זשע וועסטו זיך נעמען די טרחה אַריינצוקוקען טיפער אין מיר?“

ראַזשע האָט זיך ניט געאיילט. נאָך פיעל פּרוכטלאָזע פּראָבעס איהם אַרויפצופיהרען אויף דעם געפעהרליכען באַדען, וועלכען ער האָט ווי אומישנע אויסגעמיטען, האָט אַנעט אויף איינעם פון די שפּאַצירגאַנגען איבערגעריסען דעם געשפּרעך, איהם גענומען פאַר ביידע הענט און געזאָגט:

— ראַזשע, מיר דאַרפען זיך דורכריידען!

— דורכריידען! — האָט ער מיט געלעכטער געענטפערט. — מיר דאַכט זיך, אַז מיר ענטזאָגען זיך ניט פון דעם פאַרגעניגען!

— ניין, — האָט זי געזאָגט, — איך האָב אין זינען ניט קיין צערטליכקייטען, נאָר אַן ערנסטען געשפּרעך.

ער איז געוואָרען אַ ביסעל דערשראָקען.

— האָט קיין מורא ניט, — האָט זי געזאָגט, — איך וויל מיט אייך ריידען וועגען זיך אַליין.

— וועגען אייך? — האָט ער געזאָגט אַ באַרוהיגטער. — אויב אַזוי קאָן עס זיין נאָר זעהר אַנגענעהם.

— וואַרט! וואַרט! — האָט זי באַמערקט. — ווען איהר וועט מיך אויסהערען ביז'ן סוף וועט איהר פיליכט עס ניט זאָגען.

— וואָס קאָנט איהר מיר איצט זאָגען אַזוינס אומערוואַרטעטעס? צי דען האָבען מיר ניט אַלץ אַרויסגעזאָגט איינע די אַנדערע אין פאַר־לויף פון די פיעל טעג וואָס מיר פאַרברייינגען צוזאַמען?

— אָבער אויף מיין חלק איז אויסגעפאַלען די גאַנצע צייט מעהר צו זאָגען „אָמן“, — האָט אַנעט געענטפערט לאַכענדיג. — דאָס האָט איהר די גאַנצע צייט גערעדט.

— אַ! שלעכטס! — האָט ראַזשע אויסגעשריען. — צי דען האָב איך גערעדט וועגען עפּעס אַנדערש ווי וועגען אייך?

— יאָ, וועגען מיר האָט איהר אויך גערעדט. איהר האָט זאָגאָר גערעדט פאַר מיר.

— איהר געפינט אַז איך רייד צופיעל? — האָט ער גוטמוטיג געפרעגט.

אַנעט האָט פאַרביסען די ליפּען.

— ניין, ניין, מיין ליבער ראַזשע. איך האָב האָלט צו הערען ווען איהר רעדט. אָבער ווען איהר רעדט וועגען מיר, הער איך זיך צו וואָס איהר רעדט, און דאָס איז אַזוי שעהן, אַזוי שעהן, אַז איך טראַכט זיך: „הלוואי וואָלט עס אמת געווען! אָבער דער אמת איז ניט אַזאַ.

— איהר זייט די ערשטע פרוי וואָס באַקלאָגט וואָס איהר בילד איז שעהן.

— איך וואָלט פאַרגעצויגען, אַז איך זאָל טאַקע זיין אַזאַ. איהר קלייבט זיך דאָך ניט אַריינצוטראָגען אין אייער פאַמיליען־גאַלעריע דאָס בילד, ראַזשע. איך בין אַ לעבעדיגע פרוי, וואָס באַזיצט איהר אייגענעם ווילען, מיט איהרע אייגענע ליידענשאַפטען, מיט איהרע אייגענע געדאַנקען. ציי זייט איהר זיכער, אַז זי וועט קאָנען צו אייך אַריין מיט אַלע איהרע בעביכעס?

— איך נעם זי אַן מיט פאַרמאַכטע אויגען.

— איך בעט אייך אָבער: עפענט די אויגען!

— איך זעה אייער דורכזיכטיגע נשמה, וואָס מען קאָן זעהן מיט אַן איינפאַכער אויג.

— אַרימער ראַזשע! ליבער ראַזשע! . . . איהר ווילט ניט טאָן אַ קוק.

— איך ליב אייך, און דאָס איז פאַר מיר גענוג.

— איך ליב אייך אויך, און דאָס איז פאַר מיר ניט גענוג.

— דאָס איז פאַר אייך ניט גענוג? — האָט ער געפרעגט מיט אַ פאַרוואונדערטען טאָן.

— ניין, איך מוז נאָך זעהן דערצו.

— וואָס זשע ווילט איהר זעהן?

— איך וואָלט געוואָלט זעהן, ווי אַזוי איהר ליבט מיך.

— איך ליב אייך מעהר ווי אַלץ אין דער וועלט.

— געוויס! איהר קאָנט ניט ווייניגער. אָבער איך פרעג אייך ניט וויפיעל איהר ליבט מיך, וואָס איך פרעג אייך איז: ווי אַזוי איהר ליבט מיך . . . יאָ, איך ווייס, אַז איהר באַגערט מיך; אָבער

וואס אייגענטליך ווילט איהר פון איהר מאכען, פון אייער אנעט?
— א העלפט פון זיך אליין.
— אט דאס טאקע איז די צרה! . . . איהר ווילט ניט פאר־שטעהן, מיין פריינד, אז איך בין ניט קיין העלפט. איך בין אנעט, א גאנצע.
— דאס רעדט זיך נאר אזוי. איך האב געוואלט זאגען, אז איהר — זייט איך, און איך בין — איהר.
— ניין, ניין, זייט ניט קיין איך! ראזשע, ערלויבט מיר צו זיין אליין ווי איך בין.
— ווען מיר פאראייניגען אונזערע לעבענס, צי ווערען מיר דען ניט איין לעבען?
— אט דאס טאקע באאומרוהיגט מיך אזוי שטארק. איך האב מורא, אז איך וועל עס קאנען ווערען.
— וואס באאומרוהיגט אייך, אנעט? וואס באדייטען די דא־זיגע געדאנקען? איהר ליבט דאך מיך? ניט אמת? איהר ליבט מיך? דאס איז דאך די הויפט־זאך! ־ וועגען דאס איבעריגע קימערט זיך ניט. דאס איבעריגע לאזט איבער צו מיר. איהר וועט זעהן, איך וועל אלץ איינארדנען — איך און מיינע עלטערן, וואס וועלען ווערען אייערע עלטערן — מיר וועלען אזוי גוט איינארדנען אייער לעבען, אז פאר אייך וועט נאר איבערבלייבען זיך צו לאזען טראגען.

אנעט האט געקוקט אויף דער ערד און האט מיט'ן שפיץ שוך געמאלען א בוכשטאב אין זאמד.

(„ער פארשטעהט גארניט, ליבער אינגעל . . .")

זי האט אויפגעהויבען די אויגען צו ראזשע, וועלכער האט גאנץ רוהיג געווארט אויף איהר ענטפער. זי האט געזאגט:
— ראזשע, טוט א קוק אויף מיר. צי דען זיינען מיינע פיס ניט פעסט און זיכער?
— פעסט, זיכער און וואונדערבאר שעהן, — האט ער גע־ענטפערט.
— גענוג שוין! — האט זי געזאגט סטראשענדיג מיט'ן פינ־גער. — די פראגע איז ניט וועגען דעם . . . צי דען בין איך א שלעכטע פוסגעהערקע?

— געוויס א גוטע, — האט ער געענטפערט, — און איך האב דאס ליב אין אייך.

— נו, צי דענקט איהר, אז איך וועל ערלויבען מען זאל מיך טראגען? איהר זייט זעהר א גוטער, זעהר א גוטער, און איך בין אייך דאנקבאר דערפאר; אבער ערלויבט מיר אליין געהן אויף מיינע אייגענע פיס! איך בין ניט פון די וואס האבען מורא פאר די אר־בייט פון א רייזענדען. דאס אוועקנעמען ביי מיר, הייסט — אוועק־נעמען ביי מיר דעם טעם פון לעבען. מיר ווייזט אוים א ביסעל, אז איהר און אייער משפחה קלייבען זיך מיך צו באפרייען פון דער אנשטרענגונג צו ארבייטען און אויסצוקלייבען. אז איהר פלאנעוועט שוין פאראוים פארנאנדערצולייגען אין די פריהער־באשטימטע קעסטעלאך, זעהר אויף א באקוועהמען אופן, אייער לעבען, זייער לעבען — מיין צוקונפט. איך וואלט עס ניט וועלען. איך וויל עס ניט. איך פיהל אז איך שטעה נאך ביים אנהויב. איך זוך. איך וויים, אז איך דארף זוכען, זיך אליין זוכען.

ראזשע האט געקוקט מיט מיטלייד און איראניע.

— און וואס קאנט איהר זוכען?

ער האט אין דעם געזעהן דעם קאפריז פון א קליין מיידעל. זי האט עם דערפיהלט און געזאגט מיט אן אויפגערעגטען טאן:

— לאכט ניט פון מיר! . . . איך בין אפילו ניט קיין וואזשנע אסאבע און איך האלט פון זיך ניט צופיעל . . . אבער סוף כל סוף וויים איך, אז איך עקזיסטיר און אז פאר מיר שטעהט פאר אן אייגען לעבען . . . און מעג עס זאגאר זיין א קליין לעבען . . . דאס לעבען ציהט זיך ניט לאנג און נאר איין לעבען האט מען . . . מיין רעכט . . . ניין, זאלען מיר זאגען, ניט „רעכט“! דאס וואלט אויסגעוויזען צו עגאאיסטיש . . . מיין „פליכט“ — איז דאס לעבען ניט צו פארלירען און ניט צו פארשווענדען.

אנשטאט צו ווערען גערירט פון איהרע ווערטער, האט ראזשע זיך גאר געפיהלט באליידיגט.

— איהר געפינט, אז איהר וועט אייער לעבען פארשווענדען אויף גארנישט? צי דען וועט עס געהן פארלארען? צי דען וועט עס אויף אזא אופן ניט באקומען א גוטע און נוצליבע אנווענדונג?

— געווים א שעהנע . . . אבער פאר אייך! וואס ליעגט איהר מיר פאר?

ער האט נאך אמאל מיט גרויס התלהבות באשריבען זיין פאליטישע קאריערע, די צוקונפט, פון וועלכער ער האט געטרוימט, זיין גרויסען פערזענליכען און געזעלשאפטליכען עהרגייץ. זי האט זיך צוגעהערט ווי ער האט גערעדט; נאכהער האט זי שטיל איהם איבערגעריסען אין רעכטען מיטען (ווארום ער פלעגט קיינמאל ניט פארמאטערט ווערען ריידענדיג אויף אזא טעמע):

— יא, ראזשע, — האט זי געזאגט, — געווים איז עס זעהר און זעהר אינטערעסאנט. אבער דעם אמת זאגענדיג — האט קיין פאראיבעל ניט — גלויב איך פיעל וויינינער ווי איהר אין די פאליטישע אויפגאבען, צו וועלכע איהר ווילט זיך ווידמען.

— וואס? איהר גלויבט ניט אין דעם? איהר האט אבער יא געגלויבט, ווען איך האב גערעדט וועגען דעם מיט אייך, די ערשטע צייט אין פאריז . . .

— איך האב זיך א ביסעל געענדערט, — האט זי געזאגט.

— וואס האט אייך געצוואונגען זיך צו ענדערען? . . ניין, ניין, דאס איז ניט מעגליך. איהר וועט זיך ווידער ענדערען. מיין גרויסארטיגע אנעט קאן ניט פארלירען דעם אינטערעס צו דער גרויסער פאלקסזאך און צו דער סאציאלער באנייאונג!

— אבער איך האב ניט פארלארען דעם אינטערעס צו דער פאלקסזאך, איך האב פארלארען דעם אינטערעס צו פאליטיק.

—ביידע גיסען זיך צוזאמען.

— ניט אינגאנצען.

— דער זיג פון איינעם וועט זיין דער זיג פון צווייטען.

— איך צווייפעל א ביסעל אין דעם.

— אבער דאס איז פארט דער איינציגער מיטעל ווי אזוי צו דינען דעם פראגרעס און דעם פאלק.

אנעט האט א טראכט געטאן: „דינענדיג זיך אליין“ — אבער זי האט זיך אליין פארגעווארפען פאר אזוינע מחשבות.

— איך זעה אנדערע מיטלען אויך!

— וועלכע?

— די עלטעסטע און די ביז איצט נאך בעסטע. ווי עס האבען

געטאָן די תּלמידים פון קריסטוס, אַלץ אַוועקגעבען, אַלץ אַוועקוואַרפען כּדי צו געהן אין פאָלק.

— וואָס פאַר אַן אוטאָפּיע!

— יאָ, געוויס. איהר זייט ניט קיין אוטאָפּיסט, ראָזשע. אין אָנהויב האָב איך געגלויבט אין דעם. איצט אָבער גלויב איך מעהר ניט. פאַר אייך ליגט אין דער פּאָליטיק אַ רעאַלער זינען. אַ דאַנק אייער גרויסען טאַלאַנט, בין איך פאָלשטענדיג זיכער אין אייערע צוקונפטיגע ערפאָלגען. אויב איך צווייפעל אַפילו אין דער זאַך גופא, צווייפעל איך אָבער ניט אין אייך. איהר וועט מאַכען אַן אויסגעצייי־כענטע קאַריערע. איך זעה שוין אַפילו, ווי איהר שטעהט אַן דער שפּיץ פון דער פּאַרטיי, אַלס באַריהמטער אָראַטאָר, וואָס פּאַראַיי־ניגט די מעהרהייט פון פּאַריז אַרום זיך, אַלס מיניסטער . . .

— שטעלט זיך אָפּ! — האָט ער געזאָגט — „מאַקבעט, דו וועסט זיין אַ קעניג!"...

— יאָ, איך בין אַביסעל אַ מכשפ׳טע . . . פאַר אַנדערע. עס איז אָבער זעהר טרויעריג, וואָס איך קען עס ניט ווערען פאַר זיך.

— דאָס איז אָבער ניט שווער! אויב איך וועל ווערען אַ מיניס־טער, וועט עס האָבען אַ שייכות אויך מיט אייך . . . נו, אדרבא, זאָגט אויף אייער נאמנות, צי וועט עס אייך ניט פרעהען?

— וואָס? דאָס, וואָס איהר וועט ווערען אַ מיניסטער? . . . גאָט מיינער! ניט אויף אַ האָר! . . . זייט מיר מוחל, ראָזשע, דאָס וואָלט מיך געוויס געפרעהט צוליעב אייערטוועגען. און אויב איך וועל זיין מיט אייך, גלויבט מיר, וועל איך מיין ראָל דורכפיהרען אויפ׳ן בעסטען אופן, און וועל זיין גליקליך, וואָס איך קאָן אייך העלפען . . . אָבער דאָס וואָלט (ניט אמת, איהר ווילט דאָך, אז איך זאָל זיין אָפענ־הערציג?) איך מוז מיר מודה זיין, ניט אָנגעפילט — וואָלט גאָר אין גאַנצען ניט אָנגעפילט מיין אייגען לעבען.

— איך פאַרשטעה, געוויס, אַ פרוי, וואָס איז זאַנאַר אויפ׳ן בעסטען אופן צוגעפּאַסט צו נעמען אַן אַנטייל אין פּאָליטישער טעּ־טיגקייט — דערלאַנגט נאָר אַ קוק אַלס ביישפּיל אויף מיין וואונדער־באַרע מוטער! — וועט קיין מאָל זיך ניט קאָנען באַגנוגען נאָר דער־מיט אליין. איהר אמת׳ע אויפגאַבע איז — די היים, איהר אמת׳ער באַרוף איז — מוטערשאַפט.

— איך ווייס — האָט אַנעט געזאָגט — דעם באַרוף נעמט ביי אונז ניט אַוועק. אָבער . . . (איך שרעק זיך אַליין פאַר דאָס, וואָס איך וויל אַרויסזאָגן, איך האָב שטאַרק מורא, אַז איהר וועט ניט פאַר־שטעהן) . . . איך ווייס נאָך ניט וואָס די מוטערשאַפט וועט מיר ברייננגען. איך האָב זעהר ליב קינדער. מיר דאַכט זיך, אַז איך וועל זיין זעהר צוגעבונדען צו מיינע . . . (אייך געפעלט ניט דאָס וואָרט? איהר האַלט מיך פאַר אַ קאַלטע . . .) עס איז מעגליך, אַז איך וועל זעהר פאַרכאַפּט ווערען דערפון . . . עס איז מעגליך, איך ווייס עס ניט . . . אָבער איך וואָלט ניט געוואָלט זאָגען דאָס, וואָס איך פיהל ניט. און, אָפען רײדענדיג, איז אָט דער „באַרוף" אין מיר נאָך ניט אינגאַנצען ערוואַכט. און וואַרטענדיג ביז וואַנעט דער לעבען וועט פאַר מיר ענטדעקען דאָס אומבאַוואוסטע, דאַכט זיך מיר, אַז אַ פרוי דאַרף קיינמאָל ניט און אויף קיין פאַל ניט דערטרינקען איהר גאַנצען לע־בען אין אָט דער ליבע צו קינדער . . . (זייט ניט אַזוי בייז!...) איך בין מסכים, אַז מען קאָן זעהר ליבען דאָס אייגען קינד, און עהרליך ער־פילען די פליכטען צו דער היים, און דאָך אָנהאַלטען אַ גענוג גרויסען טייל פון זיך אַליין — ווי עס דאַרף צו זיין — פאַר דאָס וויכטיגסטע.

— פאַר דאָס וויכטיגסטע?

— פאַר די אייגענע נשמה.

— איך פאַרשטעה עס ניט.

— ווי קאָן מען מאַכען פאַרשטעהן דאָס אינערליכע לעבען? ווער־טער זיינען אַזוי טונקעל, אַזוי אומפּינקטליך, אַזוי באַנאַל! . . . די נשמה, אָבער עס איז לעכערליך צו רײדען וועגען די אייגענע נשמה! וואָס איז עס אַזוינס? . . . איך וואָלט ניט געקאָנט ערקלערען, וואָס דאָס איז אַזוינס. אָבער עפּעס אַזוינס איז פאַראַן. און דאָס איז וואָס מאַכט מיך פאַר אַ פּערזאָן, ראָזשע. עס איז דאָס סאַמע אמת'ע, דאָס סאַמע טיפע.

— דאָס סאַמע אמת'ע, דאָס סאַמע טיפע? אָבער צי דען וועט איהר עס מיר ניט אַוועקגעבען?

— איך קאָן ניט אַוועקגעבען אַלץ — האָט זי געזאָגט.

— הייסט עס, אַז איהר ליבט ניט.

— ראָזשע, איך ליב אייך, אָבער קיינער קאָן ניט אַוועקגעבען אַלץ.

— איהר ליבט ניט גענוג. ווען מען ליבט, טראַכט מען ניט דער־פון ווי דאָס אַלץ אָנצוהאַלטען. ליבע . . . ליבע . . . ליבע . . .

ער האָט זיך אַוועקגעטראָגען אין איינע פון זיינע גרויסע רעדעס. אַנעט האָט זיך איינגעהערט ווי ער האָט אין זיינע דערהויבענע פראַזען באַזונגען דאָס אָפּגעבען זיך אין גאַנצען, די פרייד פון מקריב זיין זיך פאַר דאָס גליק פון דעם געליבטען. זי האָט געטראַכט:

— „מיין ליבער, צו וואָס רעדסטו דאָס אַלץ? צי דען דענקסטו, אַז איך ווייס עס ניט אַליין? דו דענקסט, אַז איך וואָלט ניט געקאָנט מקריב זיין פאַר דיך מיט זיך און אין דעם געפינען פרייד? נאָר מיט איין באַדינג — אַז דו זאָלסט עס ניט פאָדערן . . . צו וואָס פאָדערסטו? פאַרוואָס וואַרטסטו אויף דעם, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען דיין רעכט? פאַר וואָס גלויבסטו ניט אין מיר און אין מיין ליבע?

ווען ער האָט געענדיגט, האָט זי געזאָגט:

— דאָס אַלץ איז שעהן. איהר ווייסט, אַז איך וואָלט ניט געקאָנט דאָס אַלץ אַזוי שעהן אויסדריקען ווי איהר. אָבער, עס איז מעג־ליך, אַז ביי אַ געלעגענהייט, וועל איך פיליכט זיין פעהיג דאָס אַלץ דורכצופיהרען.

ער האָט אויסגעשריען:

— פיליכט! ביי אַ געלעגענהייט! . . .

— איהר געפינט, אַז דאָס אַלץ איז זעהר ווייניג, ניט אמת? . . . דאָס איז פיעל מעהר, ווי איהר דענקט . . . אָבער איך האָב ניט האַלט צו פאַרשפּרעכען מעהר (פיליכט וועט עס זיך אַרויסווייזען פאַר ווייניגער) . . . וויפיעל איך קאָן ערפילען. פאַרוויס ווייס איך ניט . . . מען דאַרף גלויבען איינע די אַנדערע. מיר זיינען עהרליכע מענשען. מיר ליבען איינע די אַנדערע, ראַזשע . . . מיר וועלען טאָן אַלץ וואָס מעג־ליך איז.

ער האָט ווידער אויפגעהויבען די הענט:

— אַלץ וואָס מעגליך! . . .

זי האָט אַ שמייכעל געטאָן און גערעדט ווייטער:

— איהר ווילט מיר ניט גלויבען? איך מוז אייך בעטען וועגען דעם. איך דאַרף וועגען אַ סך זאַכען אייך בעטען . . .

ער איז געוואָרען פאַרזיכטיג:

— רעדט!

— איך ליב אייך, ראָזשע, אָבער איך וואָלט געוואָלט זיין עהר־ליך. פון קינדוויַיז אויף האָב איך געלעבט נענוג איינזאַם און זעהר פריי. מיין פאָטער האָט מיר ערלויבט אַ סך זעלבשטענדיגקייט, מיט וועלכע איך האָב ניט מיסברויכט, ווייל דאָס איז אויסגעקומען אין מיינע אויגען פאַלשטענדיג נאַטירליך און ווייל דאָס איז געזונט. אויף אַזאַ אופן האָב איך מיר ערוואָרבען גייסטיגע געוואוינהייטען, אַהן וועלכע עס איז מיר איצט שווער זיך צו באַגעהן. איך גיב זיך אָפּ אַ דין וחשבון פאַר וואָס איך בין אַזוי ווייט אנדערש ווי די אַנדערע מיידלאַך פון מיין קלאַס. און פונדעסטוועגען דענק איך, אַז דאָס וואָס איך פיהל, פיהלען זיי אויך; מעהר ניט, איך האָב דעם מוטה עס אַרויס־צוזאָגען און איך פיהל עס קלאָרער. איהר בעט, אַז איך זאָל פאַר־אייניגען מיין לעבען מיט אייערען. דאָס וויל איך אַליין אויך. פאַר יעדע איינע פון אונז, מיידלאַך, איז דער טיפסטער וואונש — צו געפינען אַ געליבטען באַגלייטער. און מיר דאַכט זיך, אַז איהר, ראָ־זשע, וואָלט עס געקאָנט זיין... אויב... אויב איהר וואָלט עס גע־וואָלט...

— אויב איך וואָלט עס געוואָלט! — האָט ער אויסגעשריען — וואָס פאַר אַ ליבער ווייץ! איך וויל דאָך נאָר דאָס!...

— אויב איהר וואָלט אין אמת׳ן געוואָלט זיין מיין באַ־גלייטער. דאָס איז ניט קיין געלעכטער. באַטראַכט נאָר!... צו פאַר־אייניגען אונזערע לעבענס, הייסט פאַרניכטען איינע פון זיי... וואָס לייגט איהר מיר פאָר?... איהר באַמערקט עס ניט, ווייל די וועלט איז פון לאַנג אָן געוואוינט צו אַזאַ אומגלייכהייט. פאַר מיר אָבער איז עס נאָך ניי... איהר קומט צו מיר ניט נאָר מיט אייער ליבע. איהר קומט מיט אייער פאַמיליע, מיט אייערע פריינד, מיט דעם פון אייך אַנגעמערקטען וועג, מיט אַ פאַרויס באַשלאָסענע קאַריערע, מיט אייער פאַרטיי און איהרע תורות, מיט אייער פאַמיליע און איהרע טראַדי־ציעס — מיט אַ גאַנצער וועלט. וואָס געהערט צו אייך, וואָס איהר אַליין זייט עס און צו מיר, וואָס האָט אויך איהר אייגענע וועלט. וואָס איז אַליין אויך אַ גאַנצע וועלט, צו מיר זאָגט איהר: „פאַרלאָז דיין וועלט! וואַרף איהם אַוועק און געה אַריין אין מיינס!“ איך בין גערייט אַריינצוגעהן, ראָזשע, אָבער אַריינצוגעהן אין גאַנצען. צי נעמט איהר מיך אַן אינגאַנצען?

— איך וויל אַלץ, — האָט ער געזאָגט — דאָס האָט איהר אַקאָרשט נאָר געזאָגט, אַז איהר קאָנט עס מיר ניט אָוועקגעבען.

— איהר פאַרשטעהט מיך ניט. איך זאָג: „צי וועט איהר מיך אָננעמען אַ פרייע? און צי וועט איהר מיך אָננעמען אינגאַנצען ווי איך בין?"...

— אַ פרייע? — האָט ראָזשע געענטפערט מיט אַ געוויסער פאַרזיכטיגקייט. — אין פראַנקרייך זיינען אַלע פריי זינט דעם יאהר 1789...

אַנעט האָט אַ שמייכעל געטאָן: „אַ וואוילע עטיקעטקע!"...

— סוף כל סוף דאַרפען מיר זיך דעררעדען ביז'ן סוף. עס איז גאַנץ קלאָר, אַז פון דעם אוינענבליק, וואָס איהר טרעט אַריין אין אַ הייראַט-בונד, הערט איהר אויף צו זיין אינגאַנצען פריי. דערמיט נעמט איהר אויף זיך אַ פליכט.

— איך האָב זעהר ליב דאָס וואָרט — האָט אַנעט געזאָגט.

— אָבער זיין זינען שרעקט מיך ניט. איך וועל מיט פאַרגע־ניגען מיט מיין אייגענעם ווילען נעמען אויף זיך אַ טייל פון די זאָר־גען און אַרבייטען פון דעם. ווענמען איך ליב און די פליכטען פון גע־מיינזאַמען לעבען. און וואָס שווערער זיי וועלען זיין, אַלץ טייערער וועלען זיי מיר זיין מיט דער הילף פון ליבע. אָבער צוליב דעם ענט־זאָג איך מיך ניט פון די פליכטען פון מיין פערזענליכען לעבען.

— און וועלכע אַנדערע פליכטען זיינען פאַראַן? אורטיילענדיג לויט דעם וואָס איהר האָט מיר געזאָגט און אויף ווי פיעל איך ווייס, ליבע אַנעט, האָט אייער לעבען ביז איצט, אַזאַ רוהיגע, אַזאַ באַשיי־דענע, ניט געשטעלט קיין צו גרויסע פאָדערונגען צו אייך. וואָס קאָן עס איצט פאָדערן? איהר רעדט וועגען אייער אַרבייט? איהר ווילט עס פאַרטזעצען? איך מוז זיך מודה זיין, אַז אַזאַ זאָרט טהעטיגקייט קומט אין מיינע אויגען אוים פאַרפיהרעריש פאַר אַ פרוי. ווייניגסטענס אויב איהר זייט ניט באַרופען דערצו. אין אַזאַ פאַל ווערט עס אַ שטערונג פאַר אַ פאַרהייראַט לעבען... איך דענק אָבער ניט, אַז די דאָזיגע מתנה פון לעבען זאָל אייך שטאַרק צו לאַסט פאַלען. איהר זייט צו מענשליך, אַ צו געזעצטע נאַטור.

— נייז, עס האַנדעלט זיך ניט וועגען באַזונדערע טאַלאַנטען. אויב דאָס וואָלט געווען דער פאַל, דאַמאָלסט וואָלט די לאַגע געווען אַ

גאַנץ אײנפאַכע: מען װאָלט געדאַרפט פאָלגען װאָס דאָס באַפעלט... די פאַרלאַנגען און די פאָדערונגען (װי איהר רופט עס) פון מײן לעבען איז פיעל שװערער צו באַשטימען, װײל זײ זײנען ניט אַזױ פּינקט־ליך און פיעל ברײטער. עס האַנדעלט זיך װעגען דאָס רעכט, װאָס װערט אַרױפגעלײגט אױף יעדער לעבעדיגע נשמה: דאָס רעכט זיך צו בײטען.

ראַזשע האָט אױסגעשריען:

— זיך בײטען? זיך בײטען אין ליבע?

— אַפילו בלײבענדיג אַזאַ װי איך װיל, טרײ צו דער אײנציגער ליבע, האָט די נשמה אַ רעכט זיך צו בײטען... יאַ, איך װײס גאַנץ גוט, ראַזשע, „זיך בײטען", דאָס װאָרט שרעקט אײך. מיך אַלײן באַ־אומרוהיגט עס... װען דער פליהענדער אױגענבליק איז שעהן, װאָלט איך געװאָלט זיך ניט רירען פון אָרט... דו זיפצעסט פון דעם טרױ־ער, װאָס דו קאָנסט איהם ניט אָפּשטעלען אױף אײביג!... אָבער פונדעסטװעגען דאַרף מען עס ניט טאָן, ראַזשע, און קודם כל איז עס אוממעגליך. מען קאָן ניט פאַרבלײבען אױף אײן אָרט. מען לעבט, מען געהט, מען װערט געשטופּט — מען מוז, מען מוז זיך באַװעגען. דערמיט אָבער ברײנגט מען ניט קײן שאָדען צו דער ליבע. די ליבע טראָגט מען מיט זיך, אָבער די ליבע דאַרף ניט װעלען אונז אײנהאַל־טען אױף אַן אָרט, פאַרשפּאַרט צוזאַמען מיט איהר און אַלס אײנציגער געדאַנק פון דער אומבאַװעגליכער צערטליכקײט. אַ שעהנע ליבע קאָן אַנהאַלטען אַ גאַנצען לעבען; אָבער זי קאָן ניט אָנפילען דאָס גאַנצע לעבען. באַטראַכט נאָר, מײן ליבער ראַזשע, דאָס אײך ליבענדיג פּונקט אַזױ גוט װי פריהער, קאָן מיר װען עס איז װערען ענג (מיר איז שױן ענג געװאָרען) אין דעם קרײז פון אײערע געדאַנקען און האַנדלונגען. איך װעל קײנמאָל ניט טראַכטען דערפון צו אורטײלען שלעכט װעגען דאָס, װאָס איהר האָט אױסגעקליבען. אָבער צי װעט זײן גערעכט צו מאַכען אײער אױסװאַל פאַר אַ חוב אױך פאַר מיך? און צי האַלט איהר ניט פאַר גערעכט אַנצװערקענען פאַר מיר דאָס רעכט צו עפענען דאָס פענסטער, אױב מיר װעט פעהלען לופט, און זאָגאַר אַביסעל אױך די טיר — (אַזױ װײט װעל איך ניט געהן!)

— צו האָבען מײן אײגענעם קרײז פון טהעטיגקײטען, מײנע אײגענע גײסטיגע אינטערעסען, מײנע אײגענע פרײנדליכע באַציהונגען, די

פרייהייט ניט צו זיין צוגעבונדען צו איין פונקט אויף דעם ערדקוגעל, שטענדיג צו דעם זעלבען האָריזאָנט און צו פּרובירען איהם ברייטער מאַכען, איבערבייטען די לופט, זיך איבערקלייבען... (איך זאָג, אויב דאָס וועט זיין נויטיג... איך ווייס נאָך ניט. אָבער יעדענפאַלס דאַרף איך פיהלען, אַז איך בין פריי עס צו טאָן, אַז איך בין פריי צו פאַרלאַנגען, בין פריי צו אָטעמען, פריי... צו זיין אין גאַנצען פריי, זאָגאַר ווען איך וועל קיינמאָל ניט באַנוצען מיין פרייהייט...) זייט מיר מוחל, ראַזשעו; פיליכט געפינט איהר אַזאַ זאָרט באַדאַרף פאַר אומגעלומפּערט און קינדיש. אָבער דאָס איז ניט אַזוי, איך פאַרזיכער אייך; דאָס איז די סאַמע טיפעניש פון מיין נשמה, מיין אָטעם, וואָס האַלט מיך אַן ביים לעבען. אויב איהר וועט עס אָפּנעמען ביי מיר, וועל איך שטאַרבען... איך וועל אַלץ טאָן צוליב ליבע... אָבער יעדער צוואַנג הרג'עט מיך אַוועק, און דער געדאַנק אַליין, אַז מען וויל מיך צווינגען, מאַכט מיך פאַר אַ מיאַטעזשניצע... ניין, די פאַראייניגונג פון צוויי פערזאָנען דאַרף ניט ווערען קיין געגענזייטיגער צוזאַמענבינדען. ניין, עס דאַרף זיין אַ געגענזייטיגער פאַראַנאַנדערטיילען. איך וואָלט געוואָלט, אַז יעדער זאָל ניט זיין אייפערזיכטיג אויף דעם וואָס דער צווייטער ענטוויקעלט זיך פריי. איך וואָלט געווען גליקליך, אויב איך וואָלט איהם געקאָנט העלפען אין דעם. וועט איהר זיין אַזאַ, ראַזשעו? צי וועט איהר קאָנען מיך ליבען אויף אַזוי פיעל, אום מיך צו ליבען אַ פרייע, פריי פון אייך?...

(זי האָט געטראַכט: „איך וואָלט דאַמאָלסט נאָך שטאַרקער געהערט צו דיר!“...)

ראַזשעו האָט זיך איינגעהערט אַ פאַרזאָרגטער, אַ נערוועזער, אַביסעל אַ באַליידיגטער. יעדער מאָן אויף זיין פּלאַץ וואָלט דאָס־זעלבע געפיהלט. אַנעט וואָלט געדאַרפט די זאַך מאַכען אַביסעל מעהר קורציג. צוליב אָט דעם פאַרלאַנג צו זיין אָפענהערציג און צוליב דער מורא אָפּצונאַרען וועמען עס איז, איז זי שטענדיג געווען גענייגט מגזם צו זיין דאָס וואָס האָט אין איהרע געדאַנקען געקאָנט מאַכען דעם ערגסטען איינדרוק. אָבער אַ מעהר שטאַרקע ליבע ווי ראַזשע'ס וואָלט פון דעם זיך ניט געלאָזט אָפּנאַרען. ראַזשעו אָבער, וואָס האָט מעהר ווי אַלץ זיך געפיהלט באַליידיגט אין זיין זעלבסטליבע, האָט זיך געוואַקעלט צווישען צוויי געפיהלען: צווישען דעם

פארלאנג ניט צו נעמען ערנסט דעם דאָזיגען פרויען־קאפּריז און דעם פארדרוס, וואָס אזא מאראלישער אויפשטאנד האָט אין איהם ארויס־געררופען. ער האָט ניט באמערקט, אז אין דעם איז געלעגען א שטארקער אפּיל צו זיין הארץ. ער האָט אין דעם נאָר גע־פונען עפּעס א שטילען סטראשונעק און דאָס וועלען אריינרייסען זיך אין זיינע רעכטען פון אייגענטימער. אויב ער וואָלט געווען אביסעל מעהר געניט אין באציהונגען מיט פרויען, וואָלט ער באהאלטען זיין געהיימען פארדרוס און וואָלט פארשפּראָכען, פארשפּראָכען, פאר־שפּראָכען... אלץ וואָס אנעט האָט פארלאנגט. „די פארשפּרעכענס פון א פארליבטען — זיינען דאָס זעלבע וואָס א ווינט טראָגט אוועק! טאָ צו וואָס זיין קארג אין דעם?“... אבער ראָזשע, וואָס האָט גע־האָט זיינע פעהלערען, האָט געהאט אויך זיינע מעלות: ער איז געווען דאָס וואָס מען רופט „א וואוילער יונגערמאנטישק“, צופיעל פארנומען מיט זיך אליין, אום צו קענען גוט די פרויען, מיט וועלכע ער האָט ווייניג וואָס געהאט צו טאָן. ער איז ניט געווען פלינק גענוג צו קאָ־נען באהאלטען זיין פארדרוס. און אנעט, וואָס האָט ערוואַרט א גרויסמוטיג וואָרט, האָט איבערגעלעבט אן ענטוישונג, זעהענדיג, אז ווען ער האָט זיך צוגעהערט צו איהרע רייד, האָט ער נאָר געטראַכט פון זיך אליין.

— אנעט, — האָט ער געזאָגט — איך מוז זיך מודה זיין, אז מיר איז שווער צו פארשטעהן דאָס, וועגען וואָס איהר בעט מיך. איהר רעדט וועגען אונזער הייראט פונקט ווי וועגען א טורמע, און אזוי ווי איהר וואָלט קיין אנדער פארלאנג ניט געהאט ווי נאָר פון דאָרט צו אנטלויפען. אין מיין הויז זיינען ניט פאראַן קיין גראטעס אויף די פענסטער און דאָס הויז איז גרויס גענוג, אום זיך צו פיהלען באַ־קוועם. אָבער מען קען ניט לעבען מיט אלע טירען אָפען, און מיין הויז איז געשאַפען כדי מען זאָל אין איהם פארבלייבען. איהר רעדט מיט מיר וועגען דעם ווי אזוי ארויסצוגעהן פון איהם, צו האָבען אייער באזונדער לעבען, אייערע פערזענליכע באציהונגען, אייערע פריינד און זאָגאר, אויב איך האָב גוט פארשטאנען, וועגען דער מעגליכקייט צו קאָנען אינגאנצען אוועק פון דער היים, אום צו זוכען דאָס וואָס איהר האָט אין איהם ניט געפונען, ביז וואנענט אייך וועט זיך ניט פאר־וועלען אין איינעם שעהנעם טאָג צו קומען צוריק... אנעט, דאָס

מיינט איהר דאָך געווים ניט ערנסט? איהר האָט וועגען דעם גאָר ניט געטראַכט! קיין איין מאַנסבילד וואָלט ניט געקאָנט מסכים זיין אויף אַזאַ לאַגע פון זיין פרוי, וואָס איז אַזוי ערנידעריגענד פאַר איהם, און אַזוי צווײדייטיג פאַר איהר.

די דאָזיגע באַטראַכטונגען האָבען פיליכט געהאַט אַ געזונטען פאַרשטאַנד. אָבער עס זיינען פאַראַן מאָמענטען, ווען אַ געזונטער פאַרשטאַנד אָהן דעם שאַרפזין פון הארצען — איז אַן אומזין. — די אַביסעל באַליידיגטע אַנעט, האָט געזאָגט מיט שטאָלצער קאַלטקייט, וואָס האָט פאַרדעקט איהר אויפרעגונג:

— ראַזשע, מען דאַרף גלויבען אין דער פרוי, וועלכע מען ליבט; מען קאָן ניט, חתונה האָבענדיג מיט איהר, זי באַליידיגען דורך דעם פאַרדאַכט אַז זי וועט זאָרגען וועגען אייער עהרע ווייניגער ווי איהר אַליין. צי דען דענקט איהר, אַז אַ פרוי ווי איך, וועט מסכים זיין אויף אַ צווײדייטיגקייט, וואָס וואָלט געווען אַן ערנידערונג פאַר איך? יעדער ערנידערונג פאַר אייך, — צי וואָלט עס ניט געווען אויך אַן ערנידערונג פאַר איהר אַליין? און וואָס פרייער זי וואָלט געווען, אַלץ מעהר וואָלט זי זיך געהאַלטען פאַר פאַרפליכטעט אָפּצוהיטען יענעם טייל פון אייך אַליין, וואָס איז פון אייך איהר אָנגעטרויט געוואָרען; צי דען זייט איהר ניט פעהיג מיר אַרויסצואווייזען דעם צוטרוי?

ער האָט דערפיהלט די געפאַהר זי אָפּצושטויסען פון זיך מיט זיינע ספקות; און, זיך זאָגענדיג, אַז קודם כל דאַרף מען ניט צוגעבען צו אָט די פרויען־רייד קיין צו גרויסע באַדייטונג, און אַז עס וועט נאָך זיין צייט גענוג נאָכהער צו באַשליסען (אויב זי וועט עס איהם דערמאָנען!) — האָט ער זיך אומגעקערט צוריק צום ערשטען געדאַנק, דאָס אַלץ צו פאַרוואַנדלען אין אַ שפּאַס. ער האָט געטראַכט, אַז ער האָט געהאַנדעלט זעהר ריכטיג, זאָגענדיג איהר ליבענסווירדיג:

— דער פולסטער צוטרויען, מיין אַנעט! איך גלויב אין אייערע שעהנע אויגען. נאָר שווערט, אַז איהר וועט שטענדיג מיך ליבען און נאָר מיך! מעהר ווי דאָס בעט איך פון אייך ניט.

אָבער די קליינע רעוואָלוציאָנערקע, וואָס איז בשום אופן ניט געווען איינשטימיג מיט אַזוינע פראַבעם אויסצומיידען דורך אַ גע־מאַכטען שפּאַס אַז עהרליכען ענטפער אויף אַ פראַגע פון וועלכער עס

איז געוועז אפהענגיג איהר גאנצער לעבען, האט זיך געשטעלט געגען אזא אוממעגליכע פארפליכטונג.

— ניין, ראזשע איך קאן זיך ניט שווערען, אז איך וועל עס טאן. איך ליב אייך זעהר. אבער איך קאן ניט פארשפרעכען דאס, וואס היינגט ניט אפ פון מיר. דאס וואלט געהייסען אייך אפנארען, און איך וועל אייך קיינמאל ניט אפנארען. איך פארשפרעך אייך נאר קיינמאל פון אייך קיין זאך ניט צו באהאלטען. און אויב איך וועל אויפהערען אייך צו ליבען, אדער איך וועל ליב באקומען אן אנדערען, וועט איהר זיין דער ערשטער דאס זיך צו דערוויסען — זאגאר פריהער ווי יענער צווייטער. און איהר זאלט אויך אזוי האנדלען! מיין ליבער ראזשע, זאלען מיר זיין עהרליך צו זיך און איינע צו די אנדערע.

דאס איז איהם ניט שטארק געוועזען צום הארצען. דער שטערענדער און אומבאקוועמער אמת איז ניט געוועזען קיין צו אפטער גאסט אין דעם הויז פון די בריסאס. ווען דער אמת פלעגט קלאפען אין טיר, פלעגט מען זיך איילען איהם צו באגעגענען מיט די ווערטער:

„קיינער איז ניטא צו הויז!“

ראזשע האט געהאנדעלט ניט אנדערש. ער האט אויסגעשריען:

— מיין טייערע, ווי שעהן איהר זייט! . . . זאלען מיר איצט ריידען וועגען עפעס וואס אנדערש.

אַנעט האָט זיך אומגעקערט אַן ענטווישטע. זי האָט געלייגט גרויסע האָפענונגען אויף אַן אָפענהערציגען געשפּרעך. כאָטש זי האָט פאָראויסגעזעהן אַ ווידערשטאַנד, האָט זי אָבער גערעכענט אַז ראַזשע'ס הארץ וועט באַלייכטען איהר פאַרשטאַנד. די גרעסטע באַליי־דיגונג איז געווען ניט דאָס, וואָס ראַזשע האָט זי ניט פאַרשטאַנען, נאָר וואָס ער האָט אפילו ניט געמאַכט די קלענסטע אַנשטרענגונג איהר צו פאַרשטעהן. עס האָט אויסגעזעהן, ווי ער וואָלט אין אַנעט'ס פראַגע גאָר קיין ממשות ניט געזעהן. ער האָט איגנאָנצען זיך גע־האַלטען אויף דער אויבערפלעך און האָט אויף אַלץ געקוקט אורטיי־לענדיג לויט זיך. קיין זאַך האָט ניט געקאָנט מעהר אומאַנגענעהם באַרירען אַ פרוי מיט אַ שטאַרקען אינערליכען לעבען.

זי האָט זיך ניט גענאַרט. ראַזשע איז אַרויס פון סלאַד און איז געווען אויפגערייצט פון אַנעט'ס ווערטער: ער האָט אָבער אינגאַנצען ניט באַמערקט אין זיי קיין ערנסטקייט; ער האָט גערעכענט, אַז זיי וועלען ניט האָבען קיינע רעזולטאַטען. ער האָט געמיינט, אַז אַנעט האָט עפּעס זאָנדערבאַרע אידעען, אַ ביסעל פאַראַדאָקסאַלע, אַז זי איז געווען אַן „אָריגינאַלקע": דאָס האָט איהם זעהר ווען געטאָן. פרוי און פרייליין בריסאָ האָבען פאַרשטאַנען צו זיין אומגעוועהנליך, ניט זייענדיג קיין „אָריגינאַלקעס". אָבער דאָך, האָט ער זיך געטראַכט, אַז פון אַלעמען קאָן מען דאָך ניט פאָדערען צו זיין אַזוי פאָלקאָמען ווי זיי. אַנעט האָט געהאַט אַנדערע מעלות, וועלכע ראַזשע האָט פּי־לייכט געשאַצט ניט אַזוי הויך, אָבער וועלכע זיינען פאַר איהם איצט (דאָס מוז געזאָגט ווערען) געווען פיעל טייערער. אין אַט דעם פאַרצוג האָט דער קערפּער געהאַט אַ גרעסערען חלק ווי דער גייסט, אָבער דער גייסט האָט אויך געשפּילט אַ געוויסע ראָלע. ראַזשע האָט זעהר שטאַרק געליבט אין אַנעט איהר היציגע ענטשלאָסענקייט אין אַזוינע פאַלען, ווען זי האָט עס אַרויסגעוויזען אין פראַגען וואָס זיינען ניט אַזוי

אומבאקוועהם פאר איהם. — ער איז ניט געווען אומרוהיג. אנעט, מיט איהר אפענהערציגקייט, האט איהם געזאגט, אז זי ליבט איהם. ער איז געווען איבערצייגט, אז זי וועט ניט קאנען פון איהם זיך ענט־זאגען.

ער האט קיין ידיעה ניט געהאט וועגען דער דראמע, וואס האט זיך אפגעשפילט ארום איהם. אמת איז, אז אנעט האט איהם גע־ליבט אזוי שטארק, דאס זי האט ניט געקאנט דערלאזען דעם געדאנק, אז ער איז טאקע אזוי ארים אין גייסט און נשמה. איהר האט זיך געוואלט גלויבען, אז זי האט א טעות געהאט. זי האט געמאכט אנ־דערע פראבעס איהם ריינצוואשען פון שולד, צו פרובירען אויף אן אנדער אופן איהם פארשטעהן. אויב ראזשע האט ניט אנערקענט קיין אומאפהענגיג לעבען פאר איהר, טא וואס פאר א ראלע האט ער, וויינינגסטענס, פאר איהר באשטימט אין זיין לעבען? . . . אבער די נייע עטאפען פון דעם געדאנק, צו וועלכען זי האט געמוזט קומען, האבען געבראכט ווייניג־וואס־טרייסט. ראזשע׳ס פשוט׳ער גראבער עגאאיזם האט פאר איהר נאר איבערגעלאזען דעם עסצימער, דעם גאסטצימער און דעם שלאפצימער. ער האט געוואלט זי זאל אויס־הערען זיינע צופרידענע מיט זיך ערצעהלונגען וועגען זיינע געשעפטען און זי זאל דארפען אלץ געפינען פאר וואויל און גוט. ער איז פונקט אזוי ווייניג געווען געגרייט צו אנערקענען פאר זיין ווייב דאס רעכט צו זיין א מיטארבייטער, וואס רעדט און באאיינפלוסט זיין פאליטישע ארבייט, ווי ווייניג ער איז געווען אויפגעלייגט איהר צו ערלויבען א געזעלשאפטליכע ארבייט וואס זאל זיין אנדערש ווי זיינע. אין זיינע אויגען איז אויסגעקומען גאנץ נאטירליך (אזוי ווערט דאך שטענדיג געטאן), אז די פרוי, וואס ליבט איהם, דארף איהם אוועקגעבען איהר גאנצען לעבען און באקומען אלס באלוינונג נאר א טייל פון זיין לעבען. טיף אין הארצען איז געלעגען ביי איהם איינגעוואקסען דער גלויבען, אז דער מאן שטעהט פיעל העכער ווי די פרוי, און דערפאר איז דאס וואס ער גיט פון א פיעל־העכערען כאראקטער. אבער ער וואלט אין דעם זיך ניט מודה געווען, ווארום ער איז געווען א וואוילער יונג, א ליבער פראנצויז. עס האט פאסירט, אז אנעט האט פארטיידיגט גע־וויסע רעכטען פון דער פרוי, זיך באציהענדיג אויף דעם ביישפיל פון מאן, דאן האט ראזשע מיט א שמייכעל געענטפערט:

— דאָס איז ניט דאָסזעלבע.

— פאַרוואָס? — האָט אַנעט געפרעגט.

ראַזשע האָט אויסגעמיטעז צו ענטפערען. אַזאַ איבערצייגונג, וועגען וועלכע מען פיהרט קיין וכוחים ניט, שטעהט וויניגער אין געפאַהר צו ווערען אויפגעטרייסעלט. ראַזשע'ס איבערצייגונג איז געווען טיף איינגעוואָרצעלט. און אַנעט האָט אויסגעקליבען שלעכטע וועגען אום איהם צו מאַכען צווייפלען אין זיך אַליין. איהרע הנחות, איהרע אָנשטרענגונגען צו געפינען אַ בּאַדען פאַר אַ פּשרה, נאָך איהר אומגעלונגענער פּראָבע איהם צו באַאיינפלוסען מיט איהרע אידעען, זיינען פון ראַזשע'ס אויסגעטייטשט געוואָרען אַלס אַ נייער באַווייז פון דער מאַכט, וואָס ער האָט איבער איהר. און ער איז געוואָרען נאָך זיכערער אין זיך. ער האָט זאָגאַר אַנגעהויבען אַרויסצואווייזען אַ נאַרישע גאווה. — צייטענווייז פלעגט אַנעט פּלוצלונג ווערען אויפגערעגט און אין איהרע ווערטער פלעגט זיך הערען אַ שטאַרקער פּראָטעסט . . .

ראַזשע פלעגט באַלד איבעררייסען די רייד און זיך אומקעהרען צו דעם סיסטעם, וואָס האָט, ווי ער האָט געמיינט, אַזוי גוט איהם זיך איינגעגעבען: לאַכענדיג, פלעגט ער איהר פאַרשפּרעכען אַלץ וואָס זי האָט געוואָלט. מען זאָגט, אַז דער טאָן מאַכט וויכער דאָס ליד. און דאָס ליד איז ביי ראַזשע געווען אַלץ דאָס זעלבע. און אַנעט האָט ווידער דורכגעלעבט די באַליידיגונג.

עס זיינען אַרויפגעשוואומען וויכטיגערע פראַגען. עס איז פאַרגעשטאַנען אַ געפאַהר צו דער נאָהענטקייט צווישען אַנעט און סילוויא'ן. מען האָט געקאַנט קלאָר פאַרשטעהן, אַז אין דער סביבה וועט די קליינע שניידערקע און פרייע מיידעל מיט גרויס מיה אַנגענומען ווערען. די פּוסטע גאווה פון די אַנגעבלאָזענע בּריסאָס אַנערקענט בשום אופן ניט די מעגליכקייט ניט פאַר זיך און ניט פאַר זייער שנור צו האָבען אַזעלכע שענדליכע פאַמיליען־באַציהונגען. מען האָט אַזוינע זאַכען געזוכט צו באַהאַלטען. סילוויא וואָלט אויף דעם פּונקט אַזוי וויניג איינגעשטימט ווי אַנעט אַליין. יעדע פון זיי איז געווען שטאָלץ און יעדע האָט שטאָלצירט מיט דער צווייטער. אַנעט האָט געליבט ראַזשע, און אַ פיעל ליידענשאַפטליכערער געפיהל, ווי זי האָט געוואָלט זיך אַליין מודה זיין, האָט איהר געצויגען צו איהם; אָבער זי וואָלט קיינמאָל ניט מקריב געווען מיט סילוויא'ן. זי האָט די שוועסטער פריהער צופיעל גע־

ליבט; און כאטש די פאריגע ליבע איז נאכהער, פיליכט, א ביסעל
פארטונקעלט געווארען, האט אנעט פארט קיינמאל ניט פארגעסען,
אז אין געוויסע מינוטען האט זי אין איהר דערגרייכט די טיפסטע
קוואלען פון געפיהל (זי אליין האט עס געוואוסט; אפילו יענע האט עס
פארדעכטיגט נאר צום טייל). אבער אין די שטונדען פון געגענזיי־
טיגע אנטפלעקונגען מיט ראזשע, האט זי איהם דערצעהלט צופיעל.
דאמאלסט האט ראזשע זיך איינגעהערט מיט סימפאטיע און עס האט
אויסגעוויזען, אז ער איז געריהרט . . . אבער מיט דעם באדינג, אז
דאס איז שייך נאר דער פארגאנגענהייט. ער איז גארניט געווען אויפ־
געלייגט אויף דעם, אז די דאזיגע אומבאקוועמע פאמיליען־נאהענט־
קייט זאל זיך ציהען אויך אויף ווייטער. ער האט זאגאר באשלאסען
בסוד פון איהר צו מאכען א סוף דערצו, קונציג און ווייך, ניט גע־
בענדיג אנעט דערפון צו פארשטעהן. ער האט מיט קיינעם זיך ניט
געוואלט טיילען מיט די צובונדען פון זיין לעבען. „מיין ווייב . . .
דאס איז מיין שלאס“ . . . ווי אלע אין זיין פאמיליע
האט ער גאנץ שטארק געפיהלט, וואס עס געהערט צו איהם.

וואס לענגער אנעט׳ס פארבלייבען אין זייער הויז האט זיך גע־
צויגען, אלץ פעסטער איז געווארען זיין געפיהל פון אייגענטום און
הערשאפט איבער איהר — א דאנק אייניגע אויסערליכע אומשטענדען,
וואס האבען איהר ארומגערינגעלט. דאס וואס די בריסאס האבען גע־
האלטען אין זייערע הענט, האבען זיי געהאלטען פעסט. דער הויזדעס־
פאטיזם פון די צוויי פרויען האט זיך ארויסגעוויזען טאג־טעגליך אין
טויזענטער קלייניגקייטען. זייערע „אידעען“, ווי מען זאגט עס, זיינען
געווען „פעסטגעשטעלט“ בנוגע צו אלץ: צי עס האט זיך געהאנדעלט
וועגען בעל־הבית׳ישקייט, אדער וועגען געזעלשאפט, צי וועגען א וואַ־
כעדיגע זאך, אדער וועגען די גרויסע פראבלעמען פון מאראל. דאס
איז געווען צוגעשרויפט און פארפעסטיגט אויף אייביג. אלץ איז
געווען פאראויס באשטימט: דאס וואס מען דארף לויבען, און דאס
וואס מען דארף צוריקווייזען — באזונדערס דאס וואס מען דארף
צוריקווייזען! וויפיעל חרמ׳ס! וויפיעל מענשען, וויפיעל זאכען, ווי־
פיעל מעטאדען פון דענקען און האנדלען זיינען געווען גע׳משפט און
פאר׳משפט אהן רחמנות און אויף אייביג! דער טאן און דער שמייכעל
האבען אוועקגענומען דעם פארלאנג צו וועלען דיסקוטירען . . . עס

האָט אויסגעוויזען ווי זיי וואָלטען זאָגען (זיי האָבען טאַקע באמת אַפּט אַזוי גערעדט):

— וועגען דעם קאָן ניט זיין קיין צוויי מיינונגען, מיין ליב קינד.

אָדער, ווען זי פלעגט פאָרט פּראָבירען ווייזען, אַז זי האָט איהר אייגענע מיינונג:

— מיין ליבע, ווי לעכערליך איהר זייט! —

און דערמיט איהר באַלד פאַרשטיקען די מויל.

מען האָט איהר שוין געהאַלטען פאַר אַ מיטגליד פון דער פאַמיליע, וואָס איז שוין געווען גענוג אויסגעמוסטערעוועט אום מען זאָל איהר אריינפיהרען אין דעם סדר פון לעבען. מען האָט איהר איינגעווייהט אין דעם סדר ווי אַזוי די טעג, חדשים און צייטען פון יאָהר בייטען זיך נאָר אין דעם סטיל פון די ברִיסאָס; מען האָט איהר באַקאַנט געמאַכט מיט זייערע פאַרבינדונגען אין דער פּראָווינץ און אין פּאַריז, מיט זייערע פאַמיליען־פליכטען, וויזיטען, מיטאָגס, מיט דער אומענדליכער קייט פון געזעלשאַפטליכע פליכטען, אונטער וועלכע די פרויען קרעכצען און זיינען דאָך שטאָלץ דערמיט. וואָרום אַט די שטענדיגע באַוועגונג וואָס מאַטערט זיי אוים מאַכט זיי דענקען אַז זיי דיענען צו עפּעס וואָס. אַט דאָס מעכאַנישע לעבען, אַט די פאַלשקייט פון די געגענזייטיגע באַציהונגען, אַט די אייביגע קאָנווענציאָנעלקייט זיינען געווען אומערטרעגליך פאַר אַנעט. עס האָט אויסגעוויזען, אַז אַלץ איז דאָ אויסגערעכענט פאַראויס: די אַרבייטען און די פאַרגעניגענס, וואָרום פאַרגעניגענס זיינען אפילו יאָ געווען, אָבער אויך זיי זיינען געווען אויסגערעכענט אין פאָראויס! . . . טאָ לעבען זאָלען די אומפאָראויסגעזעהענע אומאַנגענעהמליכקייטען, וואָס פּאַסען זיך ניט אריין אין פּראָגראַם! . . . עס איז ניט געווען קיין האָפענונג דערפון אַרויסצוקריכען צוליב אומאַנגענעהמליכקייטען. אַנעט האָט דערזעהן, אַז זי ווערט פאַרמויערט, ווי אַ ציגעל אין וואַנט! מיט זאַמד און מיט וואַפּנע: דאָס רוימישע צעמענט. דער מויערער איז בריסאָ...

זי האָט מגזם געווען די שטרענגקייט פון דעם זאָרט לעבען. דער צופאַל, דאָס אומערוואַרטעטע האָט דאָ געשפּילט אַ ראָלע, אַזוי ווי אין יעדער אַנדער לעבען. די בריסאָ־דאַמען זיינען געווען שרעקליכער לויט זייערע רייד צו בעל־הבית'עווען איבער אַלץ; אָבער עס

איז ניט געווען אויסגעשלאָסען די מעגליכקייט, באַמערקענדיג זייערע שוואַכקייטען און זיי חנפה'נדיג אין זיי רויכערנדיג ווייראַך צו קאָנען זיי פיהרען פאַר'ן נאָז; אַ ביטערע מיידעל, וואָס האָט זיי אָפּגעשאַצט לויט זייער אמת'ן ווערטה וואָלט געקאָנט זאָגען צו זיך אַליין:

— איהר רעדט וואָס איהר ווילט! איך אָבער וועל טאָן וואָס איך וויל!

מען האָט געקאָנט מיינען, אַז אַזאַ איינגעשפּאַרטע ענערגיע, וועלכע אַנעט האָט באַזעסען, וועט קיינמאָל ניט קאָנען ווערען דערשטיקט. אָבער אַנעט האָט געליטען פון דעם נערוועזען פיבער פון יענע פרויען, וואָס קוקענדיג זעהר אַנגעשטרענגט אויף אַ זאַך, הערען זיי אויף עס צו זעהן ווי עס זעהט אויס אין דער ווירקליכקייט. די באַדייטונג פון עטליכע ערטער, וואָס זי האָט געהערט בייטאָג, פלעגט ביי איהר אין אָווענט, ווען זי פלעגט פאַרבלייבען אַליין, פאַרנאַנדערגעבלאָזען ווערען אין משונה'דיגע פאָרמען. אַ שרעק איז איהר באַפאַלען זיך דערמאָנענדיג אַן דעם קאַמף, וואָס זי וועט מוזען שטענדיג אַריבערטראָגען, און זי האָט צו זיך גע'טענה'ט אַלץ מעהר און מעהר, אַז זי וועט קיינמאָל ניט זיין זיכער אַליין זיך צו פאַרטיידיגען נעגען אַלעמען. זי האָט זיך שוין מעהר ניט געפיהלט פאַר גענוג שטאַרק. זי האָט אָנגעהויבען צווייפלען אין איהר ענערגיע. זי האָט באַקומען מורא פאַר איהר אייגענע נאַטור, פאַר יענע אומערוואַרטעטע שוואַנקונגען, וואָס האָבען פאַרטגעזעצט צו באַאומרוהיגען איהר גייסט; פאַר יענע פּלוצלונגע אינערליכע שטורמווינטען, וועלכע זי האָט זיך אַליין ניט געקאָנט ערקלערען — געוויס זיינען זיי געקומען פון דער פיעלפאַכיגקייט פון איהר רייכער נאַטור, וועמעס יונגע האַרמאָניע האָט נאָר ביסלאַכוויין געקאָנט פאַרווירקליכט ווערען אין לעבען; אָבער ביז דאַמאָלסט איז איהר פאַרגעשטאַנען די געפאַהר צו ווערען אונטערוואַרפען אונטער אַלע אומערוואַרטעטע אַנפאַלען פון ליידענשאַפט, פון דער שוואַכקייט פון גוף און פון דער נשמה, פון די אומפאַראויסגעזעהענע צופאַלען פון שיקזאַל, וואָס היט אָפּ יעדע מאָמענטאַנע ענדערונג אין יעדען שטיינדעלע ביים וועג. . . .

די הויפּט־אורזאַך פון איהר אויפרעגונג איז געווען דאָס, וואָס זי איז ניט געווען זיכער מיט איהר ליבע. זי האָט ניט געוואוסט . . .

זי האָט ניט געליבט און דאָך פאַרטגעזעצט צו ליבען. דער פאַרשטאַנד האָט געקעמפט געגען הארצען און געגען די געפיהלען. דער פאַרשטאַנד האָט געזעהן צו קלאָר: ער האָט ניט געבלאַנדזשעט. אָבער דאָס הארץ האָט נאָך אַלץ געבלאַנדזשעט; און דער קערפּער איז געווען פול פון צאַרן, זעהענדיג אַז ער פאַרלירט די געווינשטע באַשעפעניש. און די ליידענשאַפט האָט געשריען:

— איך וויל זיך ניט ענטזאָגען!

אַנעט האָט געפיהלט דעם אויפשטאַנד און האָט זיך געפיהלט באַליידיגט דערפון; איהר נאַטירליכע זעלבשטענדיגקייט האָט שטאַרק רעוואָלטירט געגען דעם און האָט אַפּעלירט צו דעם באַליידיגטען שטאָלץ. זי האָט געזאָגט:

— איך ליב איהם מעהר ניט.

און איהר פיינדליכער בליק האָט געזוכט אין ראַזשעס אויגען פאַרוואָס זי זאָל אויפהערען איהם צו ליבען.

ראַזשע האָט קיין זאַך ניט באַמערקט. ער האָט אַרומגערינגעלט אַנעט מיט זאַרגזאַמקייט, בלומען און ליבענס־ווירדיגע אויפמערקזאַמקייט. אָבער ער האָט דאָך געמיינט, אַז ער האָט דאָס שפּיל געוואונען. קיין איין אויגענבליק האָט ער ניט געטראַכט וועגען יענע שטאָלצע, ווילדע נשמה, וואָס האָט אין געהיים פון איהם נאָכגעקוקט זיין יעדען טריט, ברענענדיג מיט דעם פאַרלאַנג זיך איהם איבערצוגעבען, אָבער וואָס האָט ערוואַכט צו הערען דעם געהיימען צוויבערוואָרט, וועלכער האָט געזאָלט ווייזען, אַז דיביידע נשמות האָבען איינע די אַנדערע אַנערקענט: ער האָט דאָס דאָזיגע וואָרט ניט אַרויסגעזאָגט, און ניט אַהן אַ אורזאַך. פאַרקעהרט, ער האָט גאַנץ גענוי אַרומגעטראַכט די ווערטער וואָס ער האָט יאַ אַרויסגעזאָגט און וואָס האָבען געמאַכט אַ טיפען וואונד אין אַנעט'ס הארצען, כאָטש זי האָט זיך אַנגעשטרענגט עס ניט אַרויסצואווייזען. אין אַ מינוט אַרום פלעגט ער שוין ניט געדיינקען, וואָס אַזוינס ער האָט געזאָגט. אָבער אַנעט, וואָס האָט כלומר'שט זיך ניט איינגעהערט, וואָלט אין צעהן טעג אַרום נאָך קאָנען איהם עס איבערזאָגען, אָדער זאָגאָר אין צעהן יאָהר אַרום. ביי איהר איז פאַרבליבען אַ פרישער איינדרוק, אַ ניט־פאַרהיילטע וואונד. זי האָט עס ניט געטאָן אַבזיכטליך: זי איז געווען גרויסמוטיג און זי פלעגט זיך פאַרוואַרפען פאַרוואָס זי קאָן ניט פאַרגעסען. די

בעסטע פרוי קאן מוחל זיין אינטימע באליידיגונגען, אבער זי קאן זיי ניט פארגעסען.

טאג איין, טאג אויס, פלעגען צוקומען אלץ נייע לעבער אין דעם דינעם געוועב, וואס איז אויסגעוועבט געווען פון ליבעשטאף. דער געוועב איז פארבליבען הענגען, אבער דער קלענסטער ווינטעלע פלעגט איהם אויף א געפעהרליכען אופן צוטרייסלען — נאכקוקענדיג ראזשע אין פאמיליען־קרייז, אויספארשענדיג זיינע פאמיליען־שטריכען, צוהערענדיג די הארטקייט און טרוקענקייט פון געוויסע ווערטער זיינע, זיין פאראכטונג צו די נידעריגערע, האט אנעט גע׳טענה׳ט צו זיך:

— ער ווערט פארוועלקט. פון דאס אלץ וואס איך האב אין איהם געליבט וועט אין איניגע יאהר ארום גארניט בלייבען.

און דוקא דערפאר ווייל זי האט איהם געליבט האט זי געוואלט אויסמיידען די ביטערע ענטוישונג אין ערנידערענדיגע צוזאמענשטויסע צווישען זיי ביידען, וועלכע זי האט פאראויסגעזעהן, אז זיי וועלען פארקומען אויב זיי וועלען פאראייניגען זייערע לעבענס.

ערב פסח האט זי ענדגילטיג אנגענומען איהר באשלוס. — עס איז געווען א שווערע נאכט. זי האט געמוזט גובר זיין איהרע פאר־לאנגען, און צוטרעטען מיט די פיס ניט וויניג איינגעשפארטע האפענונגען, וואס האבען ניט געוואלט אפשטארבען. זי האט ביי זיך אין געדאנקען שוין געהאט אויסגעפלאכטען איהר נעסט מיט ראזשע. וויפיעל טרוימען וועגען גליק זיינען עס, וואס מיר שושקענען זיך אליין אריין! זיך ענטזאגען פון זיי! זיך מודה זיין אז מיר האבען אין זיי א טעות געהאט! זיך אליין זאגען, אז מיר זיינען ניט גע־שאפען פאר א גליק!...

ווארום זי האט אין פארצווייפלונג זיך עס געזאגט. אז אנדערע אויף איהר ארט וואלט איהם ניט אפגעווארפען פון זיך. פארוואס איז זי געווען אומפעהיג איהם אנצונעמען? פארוואס האט זי ניט געקאנט מקריב זיין פאר איהם א טייל פון איהר נאטור?... אבער ניין, דאס האט זי ניט געקאנט! ווי שלעכט דאס לעבען איז איינ־געארדערט! מען קאן זיך ניט ענטזאגען פון א געגענזייטיגען צו־בונד, און מען קאן זיך אויך ניט ענטזאגען פון דער אייגענער אומ־אפהענגיגקייט. ביידע זיינען זיי גלייך הייליג. ביידע זיינען זיי נויטיג צו קענען אטעמען. ווי אזוי קאן מען צווישען זיי מאכען

א פשרה? מען זאגט אויך: „ברייננט דעם קרבן! אויב איהר וועט ניט מקריב זיין מיט זיך הייסט עס, אז איהר ליבט ניט שטארק גענוג . . .“ אבער כמעט שטענדיג קומט פאר, אז די וואס זיינען פעהיג אויף א געוויסע ליבע, זיינען ליידענשאפטליך איבערגעבען צו אומאפהענגיגקייט: ווארום אלץ איז ביי אזוינע מענשען שטארק. און אויב זיי ברייננען זייער שטאלץ אלס קרבן פאר די ליבע, פיהלען זיי זיך ערנידעריגט זאגאר אין זייער ליבע, און זיי פאר־אומרייניגען זייער ליבע גופא . . ניין! דאס איז ניט אזוי איינפאך, ווי עס וויל אונז איינריידען די מאראל פון הכנעה, אדער די מאראל פון גאוה — די קריסטליכע מאראל אדער ניטשע'ס מאראל. קראפט ווערט ביי אונז ניט אוועקגעשטעלט אנטקעגען שוואכקייט, און טוגענד געגען זינד; ניין, עס איז א קאמף צווישען צוויי קרעפטען, צווישען צוויי טוגענדען, צווישען צוויי פאדערונגען פון פליכט . . . די איינ־ציגע אמת'ע מאראל, וואס זאל שטימען מיט דעם אמת'ן לעבען, וואלט געווען די מאראל פון הארמאניע. אבער די מענשהייט ווייסט ביז היינט נאר די מאראל פון אונטערדריקונג און פון זיך ענטזאגען — וואס ווערט אפגעשוואכט דורך דעם שקר. אבער אנעט האט ניט גע־קאנט זאגען קיין ליגען . . .

וואס דארף מען טאן? . . . מען דארף וואס גיכער ארויס פון דער צווייידייטיגער לאגע. מעג עס קאסטען וואס עס וויל! מען דארף שוין מארגען איבעררייסען, וויבאלד אז זי האט זיך איבערצייגט אז זי וועט ניט קאנען לעבען אין דעם בונד! . . .

איבעררייסען! . . . זי האט זיך פארגעשטעלט, ווי אזוי די גאנ־צע משפחה וועט ווערען איבערראשט, וואס פאר א געוואלטיגער סקאנדאל עס וועט ארויס . . . דאס אלץ וואלט נאך געווען גאר־נישט . . . אבער ווי שטארק וועט ראזשע ליידען . . . אין דער פינסטערניש פון דער נאכט האט דאס בילד פון דעם ליבען פנים זיך באוויזען פאר איהר . . . און קוקענדיג אויף איהם האט א נייער שטורם פון ליידענשאפט זי פארכאפט . . . אנעט, א ברענענדיגע און א פארגליווערטע, איז געלעגען אויסגעצויגען אין בעט אויפ'ן רוקען, מיט אפענע אויגען, פרובירענדיג איינצוהאלטען דאס קלאפען פון הארצען:

— ראזשע, — האט זי זיך געבעטען, — מיין ראזשע, זיי מיר

מוחל! א, ווען איך וואָלט נאָר געקאָנט דיך אויסהיטען פון דער צרה! אָבער איך קאָן ניט, איך קאָן ניט! . . .

און מיט אַמאָל האָט אַזאַ כוואַליע פון ליבע און חרטה זיך אָ גאָס געטאָן אויף איהר, אַז זי איז געווען גערייט אָוועקצולויפען און פאַלען אויף די קני ביי ראָזשע'ס בעט, איהם די הענט צו קושען און זיך בעטען:

— איך וועל טאָן אַלץ וואָס דו ווילסט . . .

ווי הייסט? זי ליבט איהם נאָר אַלץ? . . . זי איז געוואָרען ביין אויף זיך אַליין . . .

— ניין, ניין! איך ליב איהם מעהר ניט! . . . אומזיסט! . . .

זי האָט איהם נאָר אַלץ געליבט. זי האָט איהם געליבט מעהר ווי ווען עס איז פריהער. עס איז מעגליך, אַז זי האָט איהם געליבט ניט דערמיט, וואָס איז אין איהר געווען דאָס איידעלסטע (אָבער וואָס איז איידעל און וואָס ניט?), אָבער ניין! מיט דעם איידעלסטען, אָבער אויך מיט דעם אומאיידעלסטען! מיט'ן גוף און מיט דער נשמה! . . . אויב עס וואָלט געווען גענוג איהם אויפצוהערען צו אַכטען, כדי אויפצוהערען איהם צו ליבען, ווי באַקוועם דאָס וואָלט געווען! . . . אָבער דאָס ליידען, וואָס ווערט אַרויסגערופען דורך דעם געליבטען, באַפרייט ניט פון דער ליבע צו איהם: דורך אַזוינע ליידען פיהלט מען נאָר מיט גרעסערער גרויזאַמקייט, אַז מען איז געצוואונגען יענעם צו ליבען! אַנעט האָט געליטען דערפון, וואָס זי איז געווען באַליידיגט אין איהר ליבע — דערפון וואָס זי האָט ניט שטאַרק גענוג געגלויבט, ניט שטאַרק גענוג געטרויט איהר ליבע, וואָס די ליבע צו ראָזשע איז געווען ניט טיף גענוג. זי האָט געליטען פון דעם ביטערען געפיהל, וואָס איז אַרויסגערופען געוואָרען דורך דעם פאַרלוסט פון אַזוי פיעל האָפנונגען, מיט וועלכע זי האָט פאַרבאַרגען פון אַלעמען, זיך אַרומגעטראָגען. דוקא דערפאַר, וואָס זי האָט אַזוי הייס געליבט ראָזשע, האָט זי אַזוי שטאַרק געפאָדערט אַז ער זאָל אָנערקענען איהר אומאָפּהענגיגקייט. זי האָט פאַר איהם געוואָלט זיין מעהר ווי אַ פרוי, וואָס איז גערייט פּאַסיוו זיך צו ענטזאָגען פון איהרע רעכטען אין הייראַט. זי האָט געוואָלט זיין אַ פרוי און זיכערער חבר — ער אָבער האָט צו דעם קיין באַדייטונג ניט צוגעגעבען. זי האָט דערפון געליטען אַ וועהטאָג און דעם צאָרן פון דער באַליידיגטער ליידענשאַפט.

— ניין! ניין! איך ליב איהם מעהר ניט! איך דאַרף איהם מעהר ניט ליבען, איך וויל ניט . . .

אבער איהר קראַפט איז געווען געבראָכען; און זאָגאַר ניט פארענדיגענדיג איהר רעבעלישען אויסגעשריי, האָט זי זיך פאַרנאַנדער־געוויינט . . . אין מיטען נאַכט, ווען אַרום איז געווען אַזוי שטיל . . . אונטער דעם איין פון פאַרשטאַנד איז זי פון וועהטאָג פאַרברענט געוואָרען . . . זי האָט זיך ניט געוואָלט מודה זיין אין דעם, מיט וואָס פאַר אַ פריידע זי וואָלט פאַר איהם מקריב געווען מיט אַלץ, וואָס געהערט צו איהר, אפילו מיט איהר אומאָפּהענגיגקייט, ווען ער וואָלט געמאַכט כאָטש איין גרויסמוטיגע באַוועגונג, כאָטש איין זשעסט, אַז איינפאַכען זשעסט מיט זיך מקריב צו זיין, אַנשטאָט איהר צו ברייגנען פאַר אַ קרבן! . . . זי וואָלט איהם דערצו ניט דערלאָזען. זי וואָלט ביי איהם מעהר קיין זאַך ניט געבעטען, ווי נאָר אַ האַרציגע האַנד־לונג, עפּעס אַ באַווייז פון אַן אמת'ער ליבע . . . אבער כאָטש ער האָט זי געליבט אויף זיין אייגענעם שטייגער, איז ער פאַרט געווען אומפעהיג אַזאַ באַווייז צו געבען. דאָס האָט ניט געקאָנט זיך אריינ־פאַסען אין זיין געדאַנקען. ער וואָלט געהאַלטען אַנעט'ס פאַרלאַנג פאַר אַ צו־גרויסע פאָדערונג, וועלכע מען דאַרף אָננעמען מיט אַ שמייכעל, אבער וואָס האָט קיין באַדייטונג ניט. וואָס האָט זי געקאָנט פאַר־לאַנגען? פאַרוואָס, צום טייוועל, האָט זי געוויינט? — דערפאַר וואָס זי האָט געליבט? טאָ איז וואָס? . . .

— „איהר ליבט מיך, ניט אמת? איהר ליבט מיך? דאָס איז די הויפּט־זאַך . . .“

אַך! דאָס דאָזיגע וואָרט, זי האָט עס אויך ניט פאַרגעסען! . . .

אַנעט האָט גענומען שמייכלען אין מיטען פון איהרע טרערען. ער איז אַזאַ ווי ער איז: זי איז מעהר ניט געווען אין כעס אויף איהם פאַר דעם. אבער זיי ביידע וועלען אַנדערש ניט ווערען. ניט ער און ניט זי: לעבען צוזאַמען וועלען זיי ניט קאָנען . . .

זי האָט אויסגעווישט די אויגען:

— גענוג — מען דאַרף מאַכען אַ סוף . . .

נאך א שלאפלאזער נאכט (זי האט פארטאג געכאפט א דרעמעל א שעה אדער צוויי) איז אנעט אויפגעשטאנען מיט א פעסטען באשלוס. צוזאמען מיט דער ליכט פון טאג האט די רוה זיך ווידער אומגעקעהרט צו איהר. זי האט זיך אנגעטאן, זיך מעטאדיש פאר־קאמט, קאלטבלוטיג פארטרייבענדיג פון זיך אלץ, וואס וואלט ביי איהר געקאנט ערוועקען א צווייפעל און האט זעהר אויפמערקזאם נאכגעקוקט נאך איהר טואלעט מיט נאך מעהר זארגזאמקייט און שטרענגקייט ווי געוועהנליך.

ארום א זייגער צעהן האט ראזשע פרעהליך אנגעקלאפט ביי איהר אין טיר. ער איז, ווי שטענדיג, געקומען איהר אויסנעמען אויף א שפאציר.

זיי זיינען ארויס, אין דער באגלייטונג פון א הונט, וואס האט געשפרונגען פאר זיי. זיי זיינען אוועק מיט דעם וועג וואס האט גע־פיהרט דורכ׳ן וואלד. דער יונגער גרויער וואלד איז געווען דורכ־געלעכערט פון זון ווי א זיפ. פון די צווייגען האבען זיך געגאסען שטראמען פון פייגעלשע געזאנג און געשרייען. יעדער טריט האט ארויסגערופען א פליה אין דער הויך, א מאך מיט די פליגלען, א רוישען פון די צווייגען, א ווילדע לויפעניש איבער׳ן וואלד. דער הונט איז געווען שטארק אויפגערעגט און האט געבילט, שמעקענדיג אלץ ארום און זיך ווארפענדיג פון איין זייט אויף א צווייטער. פייגלאך האבען זיך געשלאגען. אונטער דעם קופאל פון א דעמבע האבען צוויי טויבען זיך געצערטעלט. און גאר פון ווייטען האט זיך אלץ געדרעהט און געדרעהט א קוקושקע, דא נעהענטער, דא ווייטער, אלץ איבער׳חזר׳נדיג איהר אלטען קונץ. עס איז געווען דאס אויפ־בליהען פון פריהלינג.

ראזשע, א היימליכער, א לאבענדער, מאכענדיג א סך גערויש און האלטענדיג אין אגרייצען זיין הונט, איז אליין געווען עהנליך אויף

א גרויסע, גליקליכע הונט. אַנעט האָט שווייגענדיג נאָכגעקוקט נאָך איהם, אַפּשטעהענדיג אויף עטליכע טריט. זי האָט געטראַכט:

— אַט דאָ . . . נייז, דאָרט, וועז מעז וועט וועט זיך פאַר־קירעווען . . .

זי האָט געקוקט אויף ראַזשע, האָט זיך צוגעהערט צום וואַלד. ווי אַנדערש וועט אַלץ אויסזעהן נאָכדעם ווי זי וועט זיך אַרויס־זאָגען! . . . מעז האָט זיך שוין פאַררדרעהט אַז אַ זייט. אָבער זי האָט נאָך אַלץ ניט אָנגעהויבען ריידען! . . . זי האָט איהם אַ רוף געטאָן:

— ראַזשע! . . .

מיט ניט קיין פעסטער שטים, כמעט שעפּטשענדיג. ער האָט ניט געהערט. ער האָט קיין זאַך ניט באַמערקט. געהענדיג פאָראויס איז ער געגאַנגען איינגעבויגען צוזאַמענקלייבענדיג בלומען און האָט געריידט, געריידט . . . זי האָט נאָכאַמאָל אַ רוף געטאָן:

— ראַזשע!

דעם מאָל מיט אַזאַ אויסדרוק פון וועהטאָג, אַז ער האָט זיך אומגעקעהרט, אַן איבערראַשטער. און ער האָט באַלד דערזעהן די בלאַסקייט פון דעם טויט־ערנסטען פּנים: ער איז צוגעגאַנגען צו איהר . . . ער איז שוין געווען אַ דערשראָקענער. זי האָט געזאָגט:

— ראַזשע, מיר מוזען זיך פאַרנאַנדערגעהן.

זיינע געזיכטצוגען האָבען אויסגעדריקט איבערראַשונג און שרעק. ער האָט קוים אויסגערעדט:

— וואָס זאָגט איהר? וואָס זאָגט איהר?

זי האָט פעסט איבערגע׳חזר׳ט די ווערטער, אויסמיידענדיג אויף איהם אַ קוק צו טאָן:

— מיר מוזען זיך פאַרנאַנדערגעהן, ראַזשע. עס איז שווער צו טאָן, אָבער עס איז נויטיג. איך האָב איינגעזעהן, אַז פאַר מיר איז אוממעגליך, אוממעגליך צו ווערען אייער פרוי . . .

זי האָט געוואָלט ריידען ווייטער, אָבער ער האָט איהר ניט דערלאָזען:

— נייז, נייז, דאָס איז ניט ריכטיג! . . . שווייגט, שווייגט! איהר זייט פון זינען אַראָפּ! . . .

זי האָט געזאָגט:

— איך מוז אוועקפאָהרען, ראָזשע.

ער האָט אויסגעשריען:

— איהר, אוועקפאָהרען! . . . איך וויל ניט! . . .

ער האָט זי אַ כאַפּ געטאָן פאַר די הענט און גראָב זיי צוזאַמענגעדריקט. נאָך דעם האָט ער דערזעהן דאָס שטאָלצע געזיכט, איינגעעקשנ'ט און קאַלט, און האָט פאַרשטאַנען, אַז ער איז פאַרלאָרען. און אַרויסלאָזענדיג די רויב, האָט ער געבעטען מחלה, האָט זיך געקלאַנטשעט:

— אַנעט! מיין קליינע אַנעט! פאַרבלייבט! פאַרבלייבט! . . . נייז, דאָס איז אוממעגליך . . . אָבער וואָס אַזוינס איז געשעהן? וואָס האָב איך געטאָן אַזוינס?

אויף דעם פאַרשלאָסענעם געזיכט האָט זיך באַוויזען רחמנות. אַנעט האָט געזאָגט:

— זאָלען מיר זיך זעצען, ראָזשע . . .

ער האָט געהאָרכזאַם זיך אַוועקגעזעצט לעבען איהר אויף דעם מאַכיגע בערגעל; ער האָט פון איהר אַז אויג ניט אַראָפּגעלאָזען און זיינע געזיכטצוגען האָבען ווי זיך געביטען ביי איהר יעדער וואָרט.

— . . . באַרוהיגט זיך! גלויבט, אַז מיר קומט אויס אָנצושטרענגען אַלע מיינע כחות אום צו זיין רוהיג... איך וואָלט ניט געקאָנט ריידען אויב איך וואָלט זיך ניט געדאַרפט צווינגען דערצו.

— טאַ רעדט זשע ניט! — האָט ער געזאָגט. — דאָס איז אַ משוגעת! . . .

— דאָס איז נויטיג.

ער האָט געוואָלט איהר פאַרמאַכען די מויל. זי האָט זיך באַפרייט. ניט קוקענדיג אויף איהר אינערליכער אויפרעגונג איז דער באַשלוס געווען ביי איהר אַזוי פעסט, אַז זי האָט אויך ראָזשע באַאיינפלוסט מיט איהם. און ענטזאָגענדיג זיך פון קאַמף האָט ער זיך איינגעהערט אַ צודריקטער, אַ פאַרלאָרענער, ניט האָבענדיג דעם מוט אויף איהר אַ קוק געטאָן.

מיט אַ שטים וואָס האָט געקלונגען קאַלט, בייז, אָהן ליידענשאַפט, און וואָס האָט פלוצלונג זיך אָפּגעריסען און האָט אַמאָל־צוויי געמוזט זיך אָפּשטעלען כדי אָפּצוכאַפּען דעם אָטעם, האָט אַנעט אַרויסגעזאָגט דאָס, וואָס זי האָט באַשלאָסען צו זאָגען: איז פּינקט־

ליבע, גוט־באטראכטע, צוריקגעהאלטענע אויסדרוקען, וואס האבען אויסגעזעהן דורך דעם נאך מעהר אומ׳ברחמנות׳דיג . . . זי האט באמת געוואלט פרובירען זיך פארשטעלען, צי וועלען זיי ניט קאנען לעבען צוזאמען. אין אנהויב האט זי געהאפט אויף דעם און עס געוואלט מיט׳ן גאנצען הארצען. זי האט אבער דערזעהן, אז איהר טרוים קאן ניט פארווירקליכט ווערען. צופיעל זאכען האט זיי פארנאנדערגעטיילט איינע פון די אנדערע. עס איז געווען א צו־גרויסע פארשידענהייט אין זייערע הערצער און אין זייערע געדאנקען. זי האט די שולד גענומען אויף זיך; זי האט זיך איבערצייגט, אז זי וועט ניט קאנען פיהרען קיין פארהייראט לעבען. זי האט געהאט איהרע באגריפען וועגען לעבען, וועגען אומאפהענגיגקייט, וואס האבען ניט געקאנט זיך צופרידענשטעלען מיט ראזשע׳ס באגריפען. עס איז מעגליך, אז ראזשע איז געווען גערעכט. די גרעסטע צאהל מענער אדער זאגאר פרויען דענקען אזוי ווי ער. די שולד איז געווים איהרע. אבער צי איז זי גערעכט, אדער ניט, זי איז שוין אזא. עס וואלט געווען אומזיסט צו ווערען די אורזאך פון א צווייטען מענשענס אומגליק און פון איהר אייגענעם אומגליק. זי איז געשאפען פאר דעם צו זיין איינזאם. זי האט באפרייט ראזשע פון אלע פארשפרעכונגען, וואס ער האט איהר געגעבען און האט צוריק צוגענומען איהר פרייהייט. איבעריגענס זיינען זיי מיט קיין זאך ניט געווען פארבונדען. אלץ איז געווען פאלשטענדיג עהרליך צווישען זיי. זיי דארפען זיך פארנאנדערגעהן עהרליך, אלס פריינד.

רײדענדיג אזוי האט זי זיך איינגעגעסען מיט די אויגען אין דעם גראז ביי איהרע פיס; זי האט זיך אויסגעהיט א קוק צו טאן אויף ראזשע. די גאנצע צייט פון איהר רעדע האט זי געהערט זיין שטארקען אטעמען און זי האט געמוזט זעהר שטארק זיך אנשטרענגען אום צו דערגעהן ביז צו ענד. ווען זי האט געענדיגט, האט זי זיך אנגעקליבען מיט מוט א קוק צו טאן אויף איהם. זי איז פון איהר זייט געווען איבערראשט. ראזשע׳ס געזיכט איז געווען עהנליך צו דעם געזיכט פון א מענשען, וואס טרינקט זיך: א רויטער, שווער אטעמענדיג האט ער נים געפונען קיין כח צו שרייען. ער האט אומגעלומפערט געשאקעלט מיט די צוזאמענגעדריקטע הענט, האט עפעס וואס געזוכט, קוים כאפענדיג דעם אטעם און האט גענומען קרעכצענען:

— נײן, נײן, איך וויל ניט, איך וויל ניט . . .

און האט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין.

פון פעלד ביים ברעג וואַלד האָט זיך דערהערט די זיך דער־נעהטערנדיגע שטים פון אַ פויער און דער קלונג פון אַן אַקעראײַזן. אויסער זיך האָט אַנעט אָנגעכאַפּט ראָזשע פאַר'ן האַנט און איהם אַוועקגעשלעפּט ווייטער פון וועג, אין וועלדעל, אַלץ טיפער אין גרויסען וואַלד אַרײַן. דער אָפּגעשוואַכטער ראָזשע האָט ערלויבט צו לאָזען זיך שלעפּען, איבער'חזר'נדיג:

— איך קאָן ניט . . . איך קאָן ניט . . . וואָס וועט אָבער זײַן פון מיר? . . .

זי האָט צערטליך געפּרובירט איהם מאַכען זיך צו באַרוהיגען. אָבער ער איז געוועזען טיף פאַרזונקען אין זײַן פאַרצווייפלונג: דער וועהטאָג פון ליבע און דער וועהטאָג פון זעלבסטליבע, די שאַנד פאַר דער געזעלשאַפט, דער פאַרלוסט פון גליק, וואָס ער האָט זיך גע־שילדערט, דאָס אַלץ האָט זיך צוזאַמענגעגאָסען אינאײנעם; אַט דער קליינער קינד, וואָס איז פון לעבען צופּעשטשעט געוואָרען, וואָס האָט קיינמאָל קיין ווידערשטאַנד ניט געפונען געגען זײַנע פאַרלאַנגען, איז אינגאַנצען צוזאַמענגעבראָכען אין דעם דורכפאַל. דאָס איז געוועזען אַ קאַטאַסטראָפע, דער חורבן פון זײַן גאַנצער זיכערקייט מיט זיך; ער האָט פאַרלאָרען דעם גלויבען אין זיך; ער האָט פאַרלאָרען דעם באָדען אונטער די פיס; ער האָט ניט געוואוסט פאַרוואָס זיך אָנ־צוכאַפּען. געריהרט פון אָט דעם גרויסען טרויער, האָט אַנעט געזוכט איהם צו באַרוהיגען:

— מײַן פריינד . . . מײַן פריינד . . . וויינט ניט! . . . איהר וועט האָבען אַ שעהן לעבען . . . איהר נויטיגט זיך ניט אין מיר . . .

ער האָט ווייטער געקרעכצט:

— איך קאָן זיך ניט באַגעהן אָהן אײַך. איך גלויב מעהר ניט אין קיין זאַך . . . איך גלויב מעהר ניט אין מײַן לעבען . . .

און ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די קני:

— פאַרבלייבט! פאַרבלייבט! . . . איך וועל טאָן אַלץ, וואָס איהר פאַרלאַנגט . . . אַלץ וואָס איהר וועט פאַרלאַנגען . . .

אַנעט האָט גוט געוואוסט, אַז ער זאָגט צו דאָס וואָס ער וועט

בּם קאנען האלטען, אבער זי איז געווען געריהרט. זי האט גע־
ענטפערט שטיל:

— ניין, מיין פריינד, איהר רעדט פון אמת'ן הארצען, אבער איהר וואלט ניט געקאנט עס ערפילען, אדער איהר וואלט געליטען פון דעם און איך וואלט אויך געליטען; דאס צוזאמענלעבען וואלט פאר אונז געווען א שטענדיגער צוזאמענשטויס . . .

ווען ער האט דערזעהן, אז ער קאן ניט אפשוואכען איהר באַ־שלוס, האט ער, ווי א קינד, זיך צובליפעט ליגענדיג פאר איהרע פיס. אנעט איז געווען דורכגעדרונגען מיט רחמנות און ליבע. איהר פעסט־קייט האט גענומען צורונען ווערען. זי האט געוואלט זיך איינהאלטען, אבער זי האט ניט געקאנט זיך ווידערשטעלען געגען אזוינע טרערען. זי האט מעהר ניט געטראכט פון זיך, זי האט געטראכט נאר וועגען איהם. זי האט געגלעט זיין ליבען קאפ, וואס האט זיך איינגעגעסען אין איהרע קני: זי האט גערעדט צערטליכע ווערטער. זי האט אויפ־געהויבען אט דעם גרויסען, פארטויערטען איינגעל, האט איהם אויס־געווישט די אויגען מיט איהר טיכעל, האט איהם ווידער גענומען פאר'ן האנט און געצוואונגען נאכצוגעהן נאך איהר. ער איז געווען אין אזא פארצווייפלונג, אז ער האט זיך ניט געוועהרט און האט נאר געוויינט. די צווייגען פון די בוימער האבען זיי געשמיסען איבער די פנים'ער. זיי זיינען געגאנגען איבער'ן וואלד, ניט זעהענדיג, ניט וויסענדיג וואוהין זיי געהען. אנעט האט געפיהלט ווי ביי איהר הויבט זיך אויף אויפרעגונג און ליבע. זי האט גערעדט, אונטערשטיצענדיג ראזשע:

— וויין ניט! . . . מיין ליבער . . . מיין קליינינקער . . . דאס צורייסט מיר דאס הארץ. איך קאן עס ניט אריבערטראגען . . . וויין ניט! . . . איך ליב אייך! . . . איך ליב דיך, מיין ארימער קליינער ראזשע . . .

ער האט געזאגט:

— ניין! . . .

און האט ווייטער געוויינט.

— יא, איך ליב דיך, איך ליב דיך טויזענט מאל מעהר ווי דו האסט ווען עס איז מיך געליבט . . . וואס ווילסטו, אז איך זאל טאן? . . . אט, איך וועל עס טאן . . . ראזשע, מיין ראזשע . . .

אומערווארטעט זיינען זיי ארויס פון וואלד און האבען זיך גע־

פונעם ביים פּאַרקאַן פון ריוויער'ס גוט, ניט ווייט פון אַלטען הויז. אַנעט האָט די הויז דערקענט . . . זי האָט אַ קוק געטאָן אויף ראָזשע . . . און פּלוצלונג האָט די ליידענשאַפט זיך צוגאָסען איבער איהר גאַנצען קערפּער. אַ פייערדיגער ווינט. אַ פאַר'שכור'ונג מיט געגום, ווי די שכרות פון בליהענדען אַקאַציען־בוים . . . זי איז צוגעלאָפען צום טיר, האַלטענדיג ראָזשע פאַר'ן האַנט. זיי זיינען אַריין אין דער ליידיגער וואוינונג. די לאַדען זיינען געווען צוגעמאַכט. אַריינקומענדיג פון העלען ליכט זיינען זיי ווי פאַרבלענדעט געוואָרען. ראָזשע האָט זיך אַנגעשטויסען אַן די מעבעל. ניט זעהענדיג און ניט טראַכטענדיג, האָט ער ערלויבט זיך צו לאָזען פיהרען פון דער ברענענדיגער האַנט, וואָס האָט איהם געשלעפּט אין דער פינסטערניש איבער די צימערען פון אונטערשטען עטאַזש. אַנעט האָט ניט געצווייפעלט; דאָס האָט איהר שיקזאַל זי געשטופּט . . . דאָרט אַהין, אין דעם צווייטען צימער, אין דעם צימער פוןביידע שוועסטער, וואו עס האָט נאָך פון לעצטען הערבסט געשמעקט מיט דעם צערטליכען ריח פון זייערע קערפּערס, צו דער ברייטער בעט, אויף וועלכער זיי ביידע האָבען געשלאָפען. זי איז אַוועק אַהין און אין דעם שטורם פון רחמנות און געגום — האָט זי זיך איהם אָפּגעגעבען.

ווען זיי זיינען געקומען צו זיך פון דער פאַרטויבונג פון זייער שכרות זיינען זייערע אויגען שוין געווען איינגעוואוינט צו דער פינ־סטערניש. דאָס צימער האָט אויסגעזעהן ליכטיג. דורך די לעבער פון די לאַדענס האָבען געטאַנצט די שטראַהלען פון דער זוהן, דערמאַ־נענדיג זיי אַן דעם הייסען טאָג. ראַזשע האָט באַדעקט מיט קושען אַנעט'ס נאַקעטען קערפּער; ער האָט אויסגעדריקט זיין דאַנקבאַרקייט אין משוגענע ווערטער . . . אָבער זיי אַרויסזאָגענדיג איז ער פּלוצ־לונג אַנטשוויגען געוואָרען, זיך צודריקענדיג מיט'ן געזיכט אַן אַנעט'ס זייט . . . אַ שווייגענדיגע, אַן אומבאַוועגליכע האָט אַנעט געטרוימט . . . פון דרויסען, אין די ראָזען־בוימלאַך ביים וואַנט האָבען געזשומט ביהנען . . . און אַנעט האָט זיך איינגעהערט, ווי אין אַ ליד וואָס דערווייטערט זיך, אין ראַזשע'ס אָוועקפליהענדער ליבע . . .

ער האָט זי שוין ווייניגער געליבט. ראַזשע האָט עס אויך גע־פיהלט מיט שאַנדע און פאַרדרוס; אָבער ער האָט זיך ניט געוואָלט מודה זיין אין דעם. אין תוך גענומען איז ער געווען אביסעל צורודערט פון דעם וואָס אַנעט האָט זיך אָפּגעגעבען צו איהם . . . די לעבער־ליבע פאָדערונגען פון מענער! זיי באַגעהרען אַ געוויסע פרוי, אָבער ווען זי גיט זיך אָפּ צו זיי, זיינען זיי גערייט צו קוקען אויף איהר צו־גרויסמוטיגע האַנדלונג ווי אויף אַן אַקט פון אומטרייקייט! . . .
אַנעט האָט זיך איינגעבויגען צו איהם, האָט אויפגעהויבען זיין קאָפּ, האָט מיט אַ לאַנגען בליק איהם אַריינגעקוקט אין די אויגען, האָט גאָרניט געזאָגט און האָט טרויעריג אַ שמייכעל געטאָן. דערפיהלענדיג דעם בליק, וואָס האָט איהם דורכגענומען ביז דער סאַמע טיפעניש, האָט ער געפּרובירט איהם אָפּנאַרען. ער האָט באַשלאָסען זיך צו פאַרשטעלען ווי ער וואָלט געווען שטאַרק פאַרליבט. ער האָט געזאָגט:

— איצט, אַנעט, קאָנסט איהר שוין ניט אָוועקפאָהרען, איך מוז חתונה האָבען מיט אייך.

א טרויעריגער שמייכעל האט זיך באוויזען אויף אנעט'ס געזיכט. זי האט איבערגעלייענט וואס ביי איהם אין דער נשמה קומט פאר...

— נייז, מיין פריינד, — האט זי געזאגט, — איהר מוזט קיין זאך ניט טאן.

ער האט זיך פארכאפט.

איך וויל...

אבער זי האט געענטפערט:

— איך וועל אוועקפאהרען.

ער האט געפרעגט:

— פארוואס?

און נאך איידער זי האט זיך ארויסגעזאגט, איז איהם קלאר געווארען פארוואס זי פאהרט אוועק. — ער האט אבער זיך געהאלטען פאר מחויב איהר צו פרובירען איינריידען. זי האט איהם פארשטאפט דעם מויל מיט דער האנט. ער האט א קוש געטאן די האנט מיט א ליידענשאפטליכען צארן... אה, ווי שטארק ער האט זי געליבט! ער איז געווען באליידיגט פון די געדאנקען, וואס זיינען געווען אין איהם. אבער צי האט זי זיי באמערקט?... און די צערטליכע, נאסע האנט, וואס האט געגלעט זיינע ליפען, וואלט ווי געענטפערט:

— איך האב קיין זאך ניט געזעהן...

פון דעם ווייטען דארף איז דערפלויגען דער קלונג פון די גלאַ־קען... נאך א לאנגען שווייגען, האט אנעט זיך אפגעזיפצט...

נו, דעם מאל — איז שוין א סוף... זי האט געזאגט הויך:

— ראזשע, מען דארף געהן אהיים...

זייערע קערפערס האבען זיך אפגעריסען איינער פון אנדערען. שטעהענדיג אויף די קני פאר דעם בעט, האט ער מיט'ן שטערען זיך צוגעדריקט צו אנעט'ס נאקעטע פיס. ער האט איהר געוואלט זאגען:

— איך בין דיינער.

ער איז ארויס פון צימער, איבערלאזענדיג אנעט זיך אנצוטאן. ווארטענדיג אויף איהר האט ער זיך אנגעשפארט אן וואנט אין קליינעם הויפעל ביים אריינגאנג, זיך צוהערענדיג צו דעם אומקלארען נערויש פון דארף און האט זיך געפרעהט מיט די שטונדען, וואס ער האט אקארשט פארבראכט: די פארדריסליכע געדאנקען זיינען פארשוואונ־דען. ער האט זיך געקוויקט מיט דעם גליק פון דעם באפרידיגטען

שטאָלץ און ליידענשאַפט. ער איז געווען שטאָלץ מיט זיך. ער האָט געטראַכט:

— אָרימע אַנעט!

ער האָט זיך פאַרכאַפּט:

— טייערע אַנעט . . .

זי איז אַרום פון הויז, אַלץ אַזאַ רוהיגע, אָבער זעהר אַ בלאַסע. ווער קאָן זאָגען וואָס זי האָט דורכגעלעבט אין פאַרלויף פון אָט די קורצע אויגענבליקען, וואָס זי איז פאַרבליבען אַליין: אַן אָנפאַל פון ליידענשאַפט, פון טרויער, פון פאַרדרוס? ראָזשע האָט דאָס אַלץ ניט געזעהן. ער איז געווען פאַרנומען מיט זיך. ער איז צוגעגאַנגען צו איהר און האָט געוואָלט באַנייען זיין פּראָטעסט. זי האָט צוגעלייגט דעם פינגער צו איהרע ליפּען: שווייגט! . . . ביים פאַרקאָן, וואָס האָט אַרומגערינגעלט דעם גאָרטען, האָט זי אָפּגעריסען אַ צווייגעל, האָט עס צובראָכען אויף צווייען און איהם דערלאַנגט אַ העלבען. און ביים טויער פון אַריינגאַנג צום הויף האָט זי זיך צוגערדיקט מיט איהרע ליפּען צו ראָזשע'ס ליפּען.

שווייגענדיג זיינען זיי געגאַנגען צוריק דורכ'ן וואַלד. אַנעט האָט איהם געבעטען ניט צו שטערען דאָס שווייגען. ער האָט איהר אויסגע־שטרעקט די האַנט. ער האָט אויסגעוויזען צו זיין זעהר צערטליך . . . זי האָט אַ שמייכעל געטאָן מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגען. דעם מאָל האָט ער איהר געפיהרט. ער האָט מעהר ניט געדיינקט, אַז מיט שעה צוריק האָט ער דאָ געוויינט . . .

אין דער טיפעניש פון וואַלד האָט דאָס בילען פון אַ הונט איבער־געשראָקען די ווילדע חיה'לאַך . . .

זי איז אויף מארגען אוועקגעפאהרען, אונטער דעם אויסרייד, אז זי האט געקראגען א בריף וועגען די פלוצלונגע קראנקהייט פון דער אלטער מומען. די בריסאם האבען זיך ניט געלאזען אפנארען פון דער ערקלערונג. זיכט א געוויסער צייט האבען זיי, פיעל מעהר ווי ראזשע, פארדעכטיגט, אז אנעט גליטשט זיך ארוים פון זיי. אבער זייער ווירדע האט געפאדערט, אז זיי זאלען ניט ארויסווייזען, אז זיי האלטען אזא זאך פאר מעגליך און זיי האבען זיך געמאכט ווי זיי וואלטען גלויבען אין דער אורזאך פון איהר פלוצלונגען אפפאהרען. ביז דער לעצטער מינוט האט מען געשפילט די קאמעדיע פון א צושיידונג אויף א גאנץ קורצער צייט און פון באלדיגען ווידערזעהן. פאר אנעט איז עס געווען א שווערע זאך: אבער ראזשע האט איהר געבעטען ניט צו לאזען וויסען וועגען איהר באשלום ניט פריהער ווי ווען זי וועט זיין אין פאריז און אנעט האט זיך מודה געווען, אז איהר וואלט געווען זעהר שווער פערזענליך עס צו לאזען וויסען די בריסאם. און אזוי איז געשעהן, אז זיך גענעגענדיג האט מען זיך איבערגעווארפען מיט שמייכלען און שפאסהאפטיגע באמערקונגען, מיט קושען, אין וועלכע די הארץ האט גענומען ניט קיין זעהר גרויסען אנטייל.

ראזשע האט ווידער באגלייט אנעט אין דער קארעטע צו דער סטאנציע. עס איז ביידען געווען באמת טרויעריג אויפ'ן הארצען. ראזשע האט ווידער געבעטען זי זאל מיט איהם חתונה האבען: ער האט געהאלטען, אז דאס איז זיין חוב: ער איז געווען א דזשענטעלמאן. ער איז געווען שוין צופיעל א דזשענטעלמאן. ער האט זאגאר געהאלטען, אז ער האט א רעכט איהר צו געבען פיהלען זיין אויטאריטעט — אין די אינטערעסען פון אנעט אליין. ער האט געזוכט איהר צו ערקלערען, אז זיך אפגעבענדיג צו איהם, האט אנעט זיך אפגעזאגט פון זיך; אז זייער לאגע איז איצט ניט קיין גלייכע, און אז איצט מוז ער *פאדערען* זי זאל מיט איהם חתונה האבען. אנעט האט

צו גוט געזעהן, אז אויב ער וועט איצט מיט איהר חתונה האבען, וועט ער טויזענט מאל מעהר זיך האלטען בארעכטיגט צו פיהרען זיך אלס בעל־הבית איבער איהר. זי איז, זעלבסטפארשטענדליך, געווען איהם דאנקבאר פאר דאס, וואס ער איז אזוי אנשטענדיג און באשטעהט אזוי שטארק אויף זיין פאדערונג. אבער . . . זי האט זיך ענטזאגט. ראזשע איז טיף ביי זיך איז הארצען געווען זעהר אויפגעבראכט. ער האט מעהר ניט פארשטאנען וואס מיט איהר איז . . . (ער האט זיך איינגערעדט, אז פריהער האט ער זי יא פארשטאנען!) . . . און ער האט איהר שטרענג פאראורטיילט. ער האט עס ניט ארויסגעוויזען, אבער זי האט געזעהן מיט א געמיש פון טרויער און איראניע — און, ווי פריהער, פון צערטליכקייט . . . (דאס איז דאך געווען דערזעלבער ראזשע ווי פריהער!) . . .

צופאהרענדיג צו דער סטאנציע האט זי איהר האנט אין א הענטשקע ארויפגעלייגט אויף ראזשע'ס האנט. ער האט א ציטער געטאן:

— אנעט!

זי האט געזאגט:

— זאלען מיר איינע די אנדערע מוחל זיין!

ער האט געוואלט ריידען, אבער ער האט ניט געקאנט. זיי האבען ניט פארנאנדערגענומען די הענט. זיי האבען ניט געקוקט איינע אויף די אנדערע, אבערביידע האבען געוואוסט, אז יעדער האלט קוים איין די טרערען, וואס זיינען גערייט זיך נעמען גיסען.

זיי זיינען געווען אויף דער סטאנציע: מען האט געדארפט זיך קאנטראלירען. ראזשע האט אריינגעזעצט אנעט אין וואגאן. זי איז געווען ניט אליין אין א קופע. מען האט געמוזט זיך דורכווארפען מיט באנאלע פריינדליכע ווערטער, אבער זייערע בליקען האבען דורשטיג געזוכט איינצוהאלטען אין זיך דאס געליבטע געזיכט פון צווייטען.

דער לאקאמאטיוו האט א פייף געטאן. זיי האבען געזאגט איינע צו די אנדערע:

צום גיכען ווידערזעהן!

און געטראכט האבען זיי:

— אויף אייביג.

דער צוג איז אוועק. ראזשע איז געפאהרען צוריק אין דער אנ־

קומענדער נאַכט. זיין האַרץ איז געווען פול פון טרויער און צאָרן, פון צאָרן אויף אַנעט, פון צאָרן אויף זיך. ער האָט געפיהלט ווי ער איז צוריסען אויף שטיקער. ער האָט זיך געפיהלט — וואָס פאַר אַ חרפה! — ער האָט זיך דערפיהלט דערלייכטערט . . .

און אויף דעם פוסטען וועג, אָפּשטעלענדיג דאָס פערד — פון פאַראַכטונג צו זיך אַליין, פון פאַראַכטונג צו דער ליבע — האָט ער זיך פאַרנאַנדערגעוויינט.

אַנעט איז געקומען צו זיך צוריק אין בולאָנער הויז און האָט זיך איינגעשלאָסען אין איהם. אוועקשיקענדיג אַ בריף צו די בריסאָס האָט זי מיט זיי איבערגעריסען אַלע באַציהונגען. קיינער פון איהרע פריינד האָט ניט געוואוסט אַז זי איז געקומען צוריק. זי האָט ניט געעפענט קיין איין בריף. גאַנצענע טעג איז זי פאַרבליבען אויף דעמזעלבען עטאַזש. די אַלטע מוהמע, וואָס איז געווען געוואוינט זי ניט צו פאַרשטעהן און וועגען דעם ניט צו זיין אומרוהיג, האָט ניט געשטערט איהר איינזאַמקייט. עס האָט אויסגעוויזען, ווי איהר אויסערליכער לעבען וואָלט געווען אינגאַנצען אָפּגעשאָפּט. אַן אַנדער לעבען — אַ געהיימער — האָט גענומען פליסען, אָדער נאָך אינטענסיווער. אין איהר שווייגען האָבען זיך פאַרגאַנדערגעטראָגען שטורמס פון באַליידיגטער ליידענשאַפט. עס איז געווען נויטיג צו בלייבען אַליין, כדי זיך זיי צו איבערגעבען ביז פולער אויסמאַטערונג. זי פלעגט אַרויסמיט אַ ברענענדיגען קאָפּ און פאַרפראַנענע הענט און פיס. צייטען פון פאַרגליווערונג האָבען זיך געביטען מיט שווערע חלומות. זי האָט געטרוימט בייטאָג און האָט אַפילו ניט געפּרובירט איהרע געדאַנקען צו האַלטען אין אָרדנונג. זי איז פאַרטרונקען געוואָרען פון דער גרויסער מאַסע אומקלאָרע אויפרעגונגען. פינסטערער טרויער, ביטערע צערטליכקייט, אַן אַש געשמאַק אין מויל, אומבאַפרידיגטע האָפענונגען, פלוצלונגע אויפפלאַקערונג פון עראינערונגען, וואָס האָבען דאָס האַרץ געמאַכט צום קלאַפּען, אַנפאַלען פון פאַרצווייפלונג, שטאָלצקייט, פאַרוואונדעטע ליידענשאַפט און דאָס געפיהל פון צושטערונג, פון אַ שיקזאַל וואָס מען קאָן שוין ניט גוטמאַכען און געגען וועלכען אַלע אַנשטרענגונגען זיינען אומזיסט — אַ געפיהל אין אַנהויב אַ דריקענדעס, נאָכהער אַ טרויעריגעס, וואָס האָט נאָכהער זיך פאַרלאָרען אין עפּעס אַ פאַרגליווערונג, ווען טרויער איז געווען דורכגעדרונגען מיט אַ ליידענשאַפטליכען געגנוס . . . זי האָט ניט פאַרשטאַנען . . .

איינמאל ביינאכט האט זי אין חלום זיך דערזעהן אין א וואלד, וואס איז געווען פול מיט נאסע, אנגעשוואלענע קנאספען; זי האט זיך פארטשעפעט אן די נאסע בוימלאך. זי האט זיך באפרייט פון זיי, אבער דערביי האט זי אויף שטיקער צוריסען די קליידער; זיך שעמעדיג האט זי דערזעהן, אז זי איז האלב־נאקעט. זי האט זיך איינגעבויגען כדי זיך צוצודעקען מיט די שמאטעס פון איהר קליידעל. און דא האט זי באמערקט פאר זיך א רונדען קארב צווישען דעם גרויסען הויפען פון בלעטער, וואס איז געווען באלויכטעט פון זון — ניט קיין געלע און גאלד־פארביגע, נאר זילבער־ווייסע, עהנליך צו א בעריאזע בוים, ווייסע ווי זעהר דינע לייוועגט. זי קוקט מיט גרויס אויפרעגונג און לאזט זיך אראפ אויף די קני לעבען דעם קארב. זי זעהט ווי די לייוועגט הויבט זיך אן ריהרען. מיט א קלאפענדען הארצען שטרעקט זי אוים די האנט — און כאפט זיך אויף. איהר אויפרעגונג געהט ניט פאראיבער . . . זי פארשטעהט ניט וואס מיט איהר טוט זיך . . .

עס איז אנגעקומען דער טאג — און זי האט פארשטאנען . . . זי איז געווען ניט אליין . . . אין איהר איז אויפגעקומען א נייע לעבען.

און וואכען זיינען פארביי אין דער צייט, וואס זי האט אין זיך געהאלטען באהאלטען א גאנצע וועלט . . .

— „ליבע, צי ביזטו עס? דו ליבע, וואס איז פון מיר אנט־לאפען, ווען מיר האט זיך געדאכט אז איך האב דיך געכאפט, צי ביזטו איצט געקומען צוריק צו מיר? איך האלט דיך, איך האלט דיך פעסט, דו וועסט פון מיר זיך ניט ארויסגליטשען, יא, מיין קליינער געפאנגענער, איך האלט דיך זיכער אין מיין קערפער. נעם נקמה פון מיר! עס מיך אויף! גריזשע מיין קערפער. דו קליינער פרעסער! דערנעהר זיך מיט מיין בלוט. דו — דאס בין איך. דו — ביזט דער טרוים. אזוי ווי איך האב ניט געקאנט דיך געפינען אין דער וועלט, וועל איך דיך באשאפען פון מיין פלייש... און איצט באזיץ איך דיך. ליבע! איך בין דער, וועמען איך ליב!...

ע נ ד ע.

פארלאג מאקס יאנקאוויטץ

179 EAST BROADWAY, NEW YORK, N. Y.

	בראשירט	געב.
דער ענגלישער פלירט (The Flirt)	.25	
ליטערארישער דעקלאמאטאר און פארלעזער	.30	$ .70
ברוך שפינאזא :		
טעאלאגישער פאליטישער טראקטאט		2.25
ארטור שאפענהאוער :		
די חכמות פון לעבען און אנדערע עסעים		2.25
טאמאס פעין :		
די צייט פון פארשטאנד		2.00
דר. מוזיקאנט :		
דאס נייע אפערא בוך מיט 40 אפעראס		2.25
מ. ארציבאשעוו :		
סאנין		1.50
מיליאנען		1.00
פרויען		.80
אייפערזוכט	.35	.70
דער לעצטער שטריך (אין 2 בענדער)		8.50
אסקאר ווילד :		
דאס בילד פון דאריאן גרעי		1.50
פ. דאסטאיעווסקי :		
ארעמע מענשען		1.00
ערנידעריגטע און באליידיגטע (אין 2 בענדער)		8.00
פארברעכען און שטראף (אין 2 בענדער)		8.50
אידיאט (אין 8 בענדער, 1,000 זייטען)		6.00
וויקטאר הוגא :		
דער מענש וואס לאכט (אין 2 בענדער)		8.00
אויגוסט סטרינדבערג :		
דער רויטער צימער		1.50
געזאמעלטע דראמען (אין 2 בענדער)		8.00
פר. א. פארעל :		
די געשלעכטס-פראגע, קאמפליט, אין 2 בענדער		4.00
סט. פשיבישעווסקי :		
דעם טייפעל׳ס קינדער		1.50
ווינטשעווסקא :		
עהרליך צו זיך אליין		2.00